STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00462

YITSHAK KATSENELSON

Cypor Nachumov-Katzenelson

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Abraham & Mrs. Ruth Clearfield
in memory of
their parents, Bella & Nuchum Clearfield and Jennie & Albert Chandler

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צפּורה קאַצענעלסאָן-נאַכומאָוו

יצחק קאַצענעלסאָן

די הכנסה פון דעם בוך איז באַשטימט פאַר דער

קולטור-הילף פון די שארית-הפליטה.

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

באַנד 36

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פאַרלאַגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

צפורה קאַצענעלסאָן-נאַכומאָוו

יצחק קאַצענעלסאָן

זיין לעבן און שאַפן

★

ארויסגעגעבן דורכן

צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס-איירעס, 1948.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by C. Nachumow

CYPORA KACENELSON-NACHUMOV

ICCHOK KACENELSON

Impreso en los Talleres Gráficos
Julio Kaufman, Corrientes 1976,
Buenos Aires, República Argentina.

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Buenos Aires, 1948.

אינהאַלט:

צווישן שאָטנס פון אומזיכטבאַרע מצבות — 7

1. דער טאַטע — 9
2. די מאַמע — 19
3. אונדזער „ר' שיינדל" — 24
4. מיינע ברידער — 29
5. קאַרעליטש — יצחקס געבורט-שטעטעלע — 37
6. יצחקס ערשטע יאָרן — 46
7. יצחקס חדר-יאָרן — 52
8. וואַרשע און זגיעזש — 59
9. דער קייסער פון די לאַבוסעס — 66
10. דער הויפטעאַטער — 72
11. די ערשטע קינדער-ליבע — 77
12. פון א גימנאַזיסט א... פעליעטאָניסט — 84
13. שיעור נישט קיין סוחר-פאַבריקאַנט — 90
14. לאָדזש בעת דער רעוואָלוציע — 95
15. צווישן רעוואָלוציע און קונסט — 105
16. אסתר-סלאַווע — 110
17. דער סאָלדאַט — 117
18. צווישן רבנישער משפחה — 124
19. צווישן חברים — 130
20. דראַמאַטישער קרייז — 135
21. דער לונאַטיקער — 141

22. „בגבולות ליטא"	147
23. עולם הבא	155
24. זינאם טראגעדיע	159
25. אין דער שווייץ — קעסל פון דער וועלט־רעוואָלוציע	164
26. הערשעלע	171
27. דער מחנך הדור	181
28. דער פּאַטער פון „הבימה"	185
29. די ערשטע העברעאישע טעאטער־טורנע	192
30. אין די לאַנגע שטעט	197
31. ווי גאָט... אין אָדעס!"	202
32. דער ערשטער גן ילדים	207
נעמען־רעגיסטער	216
רשימה פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע ייִדנטום"	219
פּרעסע־שטימען	221

צווישן שאָטנס פון אומזיכטבאַרע מצבות

אַ באַרג פון שאָטנס רוקט זיך אויף מיר אָן... אַן אומענדלעכער ים מיט קאָשמאַרן...

עס דריקט און פייניקט...

דער עמק הבכא יאָמערט נאָך אַלץ פון דער ווייטנס...

שוין דריי יאָר ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט און מאַמע ערד, זי וויינט... זי קען נישט פאַרטראָגן דעם אומענדלעכן אָקעאַן פון אומבאַקאַנטע מתים...

אָן קבורה, אָן מצבות...

גאַנצע כמאַרעס פון לעבעדיקן אַש טראָגן זיך אין דער לופטן...

— איך שטיי איבערן אומזיכטבאַרן קבר פון מיין ברודער יצחק... יצחק קאַצענעלסאָן...

— איך שטעל אויף אַן אומזיכטבאַרע מצבה איבער אים, וועלכן כ׳זע דורך די געפילן פון קאָשמאַרן...

— זיין קבר איז געווען אין אָשוויענטשים אַ הויפן אַש... אַ חלק פון אַ גרויסן באַרג, פון אַ ווינט-וואָלקן, פון אַ שוואַרצער כמאַרע, וועלכע האָט מיט אַ שאַנד-פלעק פאַרדעקט דעם אומפאַר־שעמטן, פריילעכן הימל!...

בייזע, אומברחמנותדיקע ווינטן!... ווינטן, וואָס צעיאָגן גרויסע בערג פון אַש, צעשטויבן אַש-כמאַרעס, צעשפרייטן זיי איבער דער פאַרטעמפּטער גאָרער וועלט, איבער גרענעצלאָזע וואַסערן, זאַמדן, אומענדלעכע בלאָטעס...

וואָס? צרת רבים חצי נחמה?!...

ניין! צרת יחיד, צרת רבים!...

דער „משורר השובב״, דער דיכטער-שטיפער, איז אומגע־בראַכט געוואָרן אין איינער פון די מתים-פאַבריקן...

דער לעבעדיקסטער צווישן די לעבעדיקע איז געבליבן... אַ לעבעדיקער סימבאָל...

א לאנגע צייט האָב איך נישט געפונען אין זיך קיין פיזישע כוחות צוצוגיין צו דער הייליקער מיסיע פון אויפשטעלן יצחקן אַ מצבה... כ׳האָב זיך לאַנג פאַרזאַמט, ווייל די ווונדן אייטערן נאָך שטאַרק...

און דאָך מוז איך צוליב דעם אמת פון זיין פאַרביקרייכן לעבנס־וועג שרייבן וועגן אים, וועגן דעם לעבנסלוסטיקן, דעם וויציק־פריילעכן, דעם שפרודלדיקן, אמונהפולן יצחקן...

כ׳וועל זיך באַמיען צו מאַכן אַ פאָטאָמאָנטאַזש פון איינעם, וועלכער איז געווען: דיכטער, שרייבער, זשורנאַליסט, דראַמאַטורג, רעזשיסער, פעדאַגאָג, רעדנער... ועל כולם אַ יידישער פאָלקס־מענטש.

כ׳רעד וועגן אים אויף אונדזער היימישן מאַמע־לשון, אַזאַ זאַפּ־טיקן, ווי זאַפּטיק ס׳איז געווען די מאַמע, דורך אים אַזוי פאַרער־טע, אַזוי פאַרהייליקטע...

איינגעזאַפּט מיטן גייסט פון תנ״ך, איבערגעפולט מיט ליבע צום פאָלק, אַ באַזינגער פון חלוצישן עפּאָס, שטאָלץ מיט דער נאַ־ציאָנאַלער שפּראַך, מיטשאַפער פון לעבעדיקן העברעאישן וואָרט, פאַרערער פון יידישן פאָלקס־לשון, אין זייער קינסטלערישער פאַ־רעם און דערציערישן ווערט, פריינט פון גאַנצן יידישן לעבן, ספּע־ציעל פונעם פולסירנדיקן פוילישן יידנטום!

די ביאָגראַפיע „יצחק קאַצענעלסאָן״, וואָס דערשיינט איצט אין דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום״ נעמט אַרום דאָס לעבן און שאַפן פון מיין ברודער ביז צום אויסברוך פון דער ער־שטער וועלט־מלחמה.

זאָל די באַשרייבונג פון אונדזער פאַטריאַרכאַלער משפחה, פון דער גאַנצער סביבה, אין וועלכער יצחק האָט געלעבט און געשאַפן, אויסהעלפן מיר ביים אַרויסברענגען בולט זיין וווּנדערבאַרע גע־שטאַלט.

זאָל דאָס דאָזיקע באַשיידענע ווערק, געשריבן מיט טרערן און בלוט פון מיין אויסגעוויטיקט האַרץ, פון דער טיפער פאַרערונג פאַר מיין ברודער, דינען פאַר אים אַלס אַ מצבת עם, אַ מצבת נצח...

בוענאָס־איירעס, מאַי 1948.

צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו



ק א פ י ט ל 1

ד ע ר ט אַ ט ע

אַ הויכער, שלאַנקער, באַצירט מיט אַ זאָרגפעלטיק געפלעגטער באָרד, אַ פּאַטריאַרכאַליש אויסזען. זיינע געזיכטציגן שטרענג פּראָפּאָרציאָנעלע: אַ גרויסער, אָוואַלער פילאָזאָפישער שטערן, וועלכער האָט געהויבן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט, ער איז געווען זייער ענלעך צו דאָסטאָיעווסקין. מען האָט אים אָבער דאָס נישט געטאָרט זאָגן. ער פלעגט אָנווייזן ערטער אין די ווערק פון דעם דאָזיקן רוסישן שרייבער וואָס האָבן געשמעקט מיט אַנטיסעמיטיזם. „כ'וויל נישט זיין ענלעך צו אַ שונא ישראל!"...

ער פלעגט מיט ווערדע דערמאָנען, אַז אונדזער מוטער, וואָס איז געווען זיין ליבלעכע קוזינע, שטאַמט מגזע הגאון הנודע הר' יחיאל בעל „סדר הדורות", אָדער דירעקט פון דוד המלך!...

אונדזער פאָטער, ר' יעקב בנימין קאַצענעלסאָן, געבוירן אין קאַפּולע, איז אַלס קינד מיט זיינע עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין באָברויסק, איינע פון די גרעסטע שטעט פון מינסקער גובערניע. באָברויסק איז דאָס וויגעלע פון אונדזער צאַלרייכער און פאַרצווייגטער משפחה, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן דעם באַרימטן בוקי בן יגלי (ד"ר קאַצענעלסאָן), אונדזער קוזין, דעם אַ"י מנהיג, בערל קאַצענעלסאָן. אויך יצחק טאַבענקין, דער פירער פון אחדות העבודה, איז דעם טאַטנס שוועסטערן־זון.

אַלס איינער פון די בעסטע ישיבה־בחורים פון וואָלאָזשין, האָט דער טאַטע באַקומען, נאָך נישט זייענדיק בר־מצווה, סמיכות אויף רבנות.

אין דער פריער יוגנט האָט ער זיך שוין פאַראינטערעסירט מיט דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור און מיטן זעלבן וועג ווי אַלע זיינע צייט־מענטשן איז ער געקומען צו דער השכלה־באַוועגונג אין יידישן לעבן. נאָך זיין חתונה מיט זיין קוזינע האָט ער נישט אויסגעהאַלטן די קעסט ביי זיין שווער און גלייכצייטיק פעטער, ר' יצחק יחיאל פון קאַרעליטש און איז געפאָרן קיין קרעמענטשוק, כדי דאָרט צו ענדיקן אַן אָפיציעלן רעגירונגס־קורס, אַלס „קאַזיאָנני ראַווין".

צו דער דאָזיקער גלענצנדיקער צו יענע צייטן קאַריערע האָט אים גע־שטערט זיין אָפּפּערוויליקייט. כדי חתונה צו מאַכן זיינע צוויי שוועסטער, די שפּעטערדיקע פּרוי טאַבענקין און שישקין, האָט ער אַ לאַנגע צייט, אָן דעם וויסן פון דער מאַמען, פאַרלאָזן זיינע אייגענע אינטערעסן און געוואָרן אַ העברעאישער לערער.

ער האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דער באַוועגונג פון די חובבי ציון און חובבי שפת עבר. ביי דער אַנטשטייאונג פון דעם העברעאישן זשורנאַל „האשכול" איז ער איינגעלאַדן געוואָרן קיין וואַרשע אַלס איינער פון די וויכטיקסטע רעדאַקציע־מיטאַרבעטער. ער וואָלט דאָרט באַשטימט געוואָרן געוואַקסן אין אַלע הינזיכטן, ווען נישט זיין פאַרעקשנטע אויפריכטיקייט און ערלעכקייט. יצחק, וועלכער איז ביי זיין נאָבלקייט געווען אַ סך פּראַק־טישער פון אים, פלעגט אין די שפּעטערדיקע יאָרן קאָמענטירן זיינע האַנד־לונגען אַלס עקשנות פון אַ... כהן. אונדזער פאָטער איז עס טאַקע געווען: אַ כהן און אַן עקשן אין זיינע טיפע איבערצייגונגען. די דאָזיקע כאַראַקטער שטריכן האָט ער אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס איבערגעגעבן יצחקן און דעם רעשט פון זיינע קינדער.

ער איז נישט געווען מסכים מיט די מעטאָדן פונעם רעדאַקטאָר נחום סאָקאָלאָוו. אין אַ שאַרפן וויכוח מיט אים האָט ער זיך אַליין אָפּגעזאָגט פון זיין וויכטיקן פּאָסטן, וווּ אַנדערע האָבן זיך דערוואָרבן מאַטעריעלע און געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס.

נאָכן איבעררייסן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט איז דער טאַטע גע־וואָרן אַ לערער. עטלעכע באַקאַנטע משכילים און באַלעבאַטים פון זגיערזש,

נעבן לאָדזש (יששכר שוואַרץ, ליפשיץ), האָבן אים אַהין איינגעלאַדן, כדי אָנצופירן מיט אַ חדר מתוקן.

דאָס איז געשען צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט, ווען זגערזש האָט זיך נאָך גערעכנט אַלס עלטערע פון לאָדזש, וועלכע האָט ערשט געהאַלטן ביים ווערן אַן אינדוסטרי־צענטער.

אין זגיערזש האָט דער טאַטע אַלס מאָדערנער העברעאישער לערער אַרויסגעגעבן צוויי באַרימטע תלמידים: דעם דיכטער יעקב כהן און זיין אייגענעם זון. ער איז דאָרט געערט און באַליבט געווען מצד אַלעמען, וואָס האָבן אָפּגעשאַצט זיין נאַציאָנאַל־דערציערישע אַרבעט.

אָבער ווינענדיק אין אַ פאַרוואָרפן אָרט, איז ער פאַרבליבן אין די קליינשטעטלדיקע ד׳ אמות. דאָס האָט זיך פאַטאַל אָפּגערופן אויף דער אַנטוויקלונג פון זיין שרייבער־טאַלאַנט.

נאָך דער גרויסער אַנטוישונג אין נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער איז שוין פון זיינע יינגסטע יאָרן אָן געווען אַ פּאָליטישער טוער און אַפילו דורכן „האשכול״ געפירט פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, האָט דער טאַטע אויף אַ לאַנגער צייט פאַרנאַכלעסיקט זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט, וועלכע האָט זיך דערפאָלגרייך אָנגעהויבן מיט זיין באַרימטן „עוללות אפרים״. אין דעם דאָזיקן ווערק, פאַרעפנטלעכט אין 1889, האָט ער זיך אויסגעצייכנט, אַלס ערשטער, מיט זיין נעגאַטיווער באַציאונג צו אַ ספּעציעלן מין משכילים, צו די דעמאָלסט אידעאַליזירטע, אויפגעקלערטע ישיבה בחורים. מיין פאָטער שילדערט זיי ווי אַנטיפּאַטישע קאַריעריסטן!..

ווען ער האָט נאָך יאָרן פון בלויזער פּעדאַגאָגישער טעטיקייט זיך ווידער גענומען צו דער פּעדער, האָט ער זיך געפונען אַ פּאַרשפּעקטער, אַן אָפּגעשטאַנענער, צוליב זיין פאַרעלטערטן סטיל. זיינע חברים מענדעלע מוכר ספרים און שלום עליכם האָבן זיך דורך דער צייט באַרימט געמאַכט אַלס פאָלקס שרייבער. זיי האָבן געהאַט מיטגעאַרבעט מיטן טאַטן אין „האשכול״, האָבן נאָרמאַל ממשיך געווען זייער דערנערפולן שרייבער־וועג, נישט קוקנדיק אויף די גרעסטע מניעות און מכשולים, וואָס עס האָט גע־שטעלט... אַ רעדאַקטאָר. זיי פלעגן זיך מאַכן כלא ידע פון די ביטערע פילן

פון קנאת און שנאת סופרים, א זאך, וואס אונדזער פאטער האט בשום אופן נישט געקענט אראפשלינגען.

יצחק פלעגט אונדז נישט איין מאל פארזיכערן, אז דער טאטע האט שטילערהייט חרטה אויף זיין אמאליקן איבערגעאיילטן שריט, א לעבנס־פעלער, וועלכן ער האט שוין קיינמאל נישט באוויזן צו פארריכטן. מיט זיין אוועקגיין פון „האשכול" האט ער זיך דערווייטערט פון דער מאדערנער זשורנאליסטישער טעטיקייט און במילא פון דער אפיציעלער געזעלשאפט־לעכקייט, וועלכע האט געהאט דעמאלסט אנגעהויבן איר וועג פון רענע־סאנס, פון נאציאנאל־קולטורעלן אויפבלי. זיינע פערזענלעכע און צייט־חברים, וועלכע זענען אין אנהייב בפירוש נישט געשטאנען העכער פון אים, זענען קאלאסאל אויסגעוואקסן און אים איבערגעוואקסן.

אויף זיינע עלטערע יארן, שוין זייענדיק פריי פון דאגות פרנסה, ווען יצחק האט געהאט געגרינדעט דעם ערשטן אין לאדזש גן־ילדים און אים אנטוויקלט אלס א גרויסע פריוואט מיטלשול, האט אונדזער פאטער זיך ווידער געווידמעט צום שרייבן. במשך פון יארן און יארן האט ער גע־שריבן, געשריבן און געלייענט, געלייענט און געלערנט.

ביינאכט פלעגט ער צום נאכט־טישל צושטעלן א שטול, אנגעלייגט מיט א בארג ביכער, וועלכע ער האט געהאט בדעה דורכצוקוקן, לייענען במשך פון א ליל שמורים. ער פלעגט די ביכער שלינגען פונקט ווי א חולה מסוכן, וואס וויים, אז ער מוז שלינגען פילן, כדי געזונט צו ווערן. ווייל ביכער, וויסן איז געוועזן דער אינהאלט פון זיין לעבן, פון זיין געזונט. עס האט אין אים געברויזט א שטענדיקער פיבער פון אומ־באגרענעצטן נייגער צו ווייטערע, צו טיפערע ידיעות. א טיפ פון א וויסנ־שאפטלער, א קאבינעט־געלערנטער. ער פלעגט שעפן פון יעדן קוואל, פון יעדן מקור: געשיכטע, פילאזאפיע, פסיכאלאגיע, שיינע ליטערא־טור אין רוסיש, פויליש, דייטש, שוין אפגערעדט העברעאיש און יידיש.

בייטאג פלעגט ער שרייבן, שרייבן אומעטום, וווּ ער פלעגט זיך נאר געפינען: אין זיין צימער, צי אין אנדערע, אין דער אייגענער, צי אין א פרעמדער שטוב. מיר פלעגן שטארק מורא האבן, ער זאל זיך

אַמאָל נישט פאַרגעסן מיטן שרייבן אין מיטן גאַס. צום מזל, נאָכן באַווייזן זיך פון די ערשטע אויטאָס, וועלכע ער פלעגט בייז אָנרופן „קראָקאָדילן", האָבן מיר זיך באַרואיקט. אין קאַרעליטש, קרעמענטשוג און אין זגיערזש פלעגט ער גיין אין גאַס און שרייבן. די בעלי-עגלות האָבן אָבער געקענט דעם שרייבער און פלעגן אים גוט אויסמיידן.

אַלעמאָל פלעגט ער מיט זיך אַרומטראָגן אַ דיק העפטעלע, אַ „ברוליאָנטשיק", ווו ער פלעגט כסדר עפּעס אַריינשרייבן. דערביי פלעגט ער אַרויפרוקן די ברילן אויף זיין הויכן שטערן, אָנשפּאַרן זיך אָן אַ טיש אָדער אָן דעם פאַראַפּעט פון פענצטער, מיט איין האַנט האַלטן די פעדער, מיט דער צווייטער פלעגט ער מיט די פינגער אויסקלאַפּן דעם טאַקט פון די פערזן און דערנאָך זיי אַריינטראָגן אינעם קליינעם דיקן ביכעלע. די ביכעלעך פלעגן אַלץ מער וואַקסן אין צאָל און פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ אין זיין אַרכיוו. אין דעם פּאַפּיר-געשעפט פון האָמבורסקי און טענענבוים, די פאַרלעגער פון „לאָדזשער טאַגעבלאַט", פלעגט ער איינהאַנדלען גאַנצע פּעק פון די זעלבע ביכעלעך. אַזוי אַרום פלעגט זיך שאַפן אַן איינדרוק, אַז ער שרייבט תמיד אין דעם זעלבן, אַז ס'איז אַ ביכעלע אָן אַ סוף, אומענדלעך!...

שרייבן פלעגט ער טאָג און נאַכט, תמיד און אומעטום. בשעת די געציילטע וויזיטן ביי באַקאַנטע פלעגט ער, אָפּזיצנדיק צוליב דרך-ארץ וועגן אַ קורצע ווײַלע, גלייך זיך אויפכאַפּן און איילן אַהיימצוגיין... מ'האָט געקענט האָבן אַן איינדרוק, אַז ער לויפט עפּעס צו גאָר וואַזשנע געשעפטן!..

ווען ער פלעגט פאַרברענגען ביי מיר אין שטוב, פלעגט ער זיך מיט תענוג אָנשפּילן מיט די אייניקלעך, פרייען זיך מיט זייער יעדן נייעם פּיזישן אָדער גייסטיקן פּראָגרעס, רעדן צו זיי העברעאיש און זינגען לידלעך מיט גמרא-ניגונים... באַלד פלעגט אים אָבער עפּעס קומען אויפן זינען, פלעגט ער זיך פאַרשפּאַרן אין לעצטן צימער און דאָרט פיבערדיק שרייבן, ביז די מאַמע פלעגט אים טעלעפאָניש אַרויסרופן. „מיין שולמית רופט מיך"... פלעגט ער צופרידן זיך איילן אַהיים.

שולמית איז געווען דער סענטימענטאַלער צונאָמען, וואָס דער טאַטע האָט געגעבן דער מאַמען, וועלכע האָט געהייסן הענדע.

אַז מ׳פלעגט אים אין יענע יאָרן אַלס אַ באַקאַנטן מלומד פאָרלייגן אַ פּריוואַטע לעקציע, האָט אים געדאַרפט קודם־כל פאָראינטערעסירן דער תלמיד גופא, ווי צום ביישפּיל, דער דיכטער משה בראָדערזאָן.

אונדז פלעגן באַזוכן אַלע באַקאַנטע שרייבער און סתם אָנגעקו־מענע קיין לאָדזש פּערזענלעכקייטן, וועלכע פלעגן קיינמאָל נישט אויס־מיידן אונדזער שטוב, אייניקע צוליבן טאַטן, אַנדערע צוליב יצחקן, וועל־כער איז ספּעציעל געווען באַליבט ביי אַלעמען. ס׳פלעגן צו אונדז קו־מען די באַקאַנטסטע לאָדזשער משכילים: שפּיראָ, שלום אַשם שוועָר, דר. קאַמיעניעצקי, קאַרנאָווסקי, פּאָנער און אַ סך אַנדערע. מיט די יידן פלעגט דער טאַטע גערן פאַרברענגען, דיסקוטירן מיט טעמפּעראַמענט וועגן מענטשלעכע און דערהויפּט יידישע פּראָבלעמען.

פון יצחקס חברים און סתם באַזוכער פלעגט אים אַריינברענגען אין אַ גוטן הומאָר בערמאַן, וועלכן מ׳פלעגט רופן „גראַף קאַלי”. דאָס איז געווען זיין דיכטערישער פּסעוודאָנים און גענומען האָט ער זיך דערפון, ווייל פון זיין פאַך איז בערמאַן געווען אַ לערער פון קאַליגראַפיע. דער קאַליגראַף „גראַף קאַלי” פלעגט צוזאַמענשטעלן האַנדלס־אַנאָנסן און פּראָפּאַגאַנדע־לידער אין זייער גוטע גראַמען, פאַר וועלכע ער האָט גע־האַט אַ חוש און אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון. חוץ יידישע, העברעאישע און אייראָפּעאישע דיכטערס, האָט ער פענאָמענאַל געדענקט גאַנץ תנ״ך אויף אויסנווייניק. ס׳פלעגט געווען זיין, אַז אונדזער טאַטע זאָל בלויז אַרויסזאָגן אַ מאמר, אַ פּסוק, איין וואָרט, פלעגט מיטן „גראַף” געשען אַ פּלוצימדיקע ענדערונג. ער פלעגט מיט אַ בליץ־שנעלקייט זיך אויפ־צאַפּלען און מיט אַן ענטוזיאַסטישן ברען און פייער ווי אַ תלמיד אויף אַן עקזאַמען ענדיקן אַלץ ביזן סוף. ער פלעגט דערביי אויסזען זייער קאָ־מיש: פאַרקוועטשן די גראָבע, תמיד נאַסע ליפּן, טשמאַטשקען מיטן מויל, אויסציען די נאָז און גרויסע, בלאָנדע וואָנסעס, וועלכע פלעגן זיך דערשראָקן אויפהייבן. זיינע אויגן, גרויסע און אויסגעגלאָצטע, פלעגן ווי קוקן אין ווייטע מרחקים...

ווי געזאָגט, איז דעם טאַטנס גרעסטע כאַראַקטעריסטיק געווען זיין טיפע באַלערנטקייט. נישט רעכנענדיק די פריערדיקע דורות פון גרויסע תלמידי חכמים, איז ער אין זיין אייגענעם דור און זיין גאַנצער משכילישער משפחה באַרימט געווען אין דעם פּרט.

זיין קוזין דאַווידזאָן, וועלכער האָט מיט אים געהאַט געלערנט אין וואָלאָזשין, האָט צו 22 יאָר געבעטן די מומע טאַבענקין, וועלכע האָט דאַמאָלסט אין רוסיש געלייענט ספּענסערן, אַז זי זאָל אים „ווייזן" דעם רוסישן א"ב און ער וועט שוין „דעם רעשט" זיך אַליין אויסלערנען, ביז דער „סמיכה" אויף אַ דאָקטאָר מעדיצין. דעם דאָזיקן „רעשט" האָט ער טאַקע דערצילט אין קנאַפּע 10 יאָר צייט און זיך באַזעצט צו פּראַקטיקירן אין פּרוזשאַני, נעבן בריסק. שפּעטער מיט יאָרן, ווען יצחק איז אַלס באַקאַנטער דיכטער אַמאָל געקומען קיין פּרוזשאַני, האָט ער זיך אין הויז פון אונדזער פעטער ר' אליהו, דעם שטאָט־רב, געטראָפן מיטן דאָקטאָר דאַווידזאָן, וועלכער האָט אים געזאָגט: „דיין טאַטן פלעגט מען אין דער ישיבה רופן „בנימינקע דער עילוי". מיר אַלע, וואָלאָזשינער, זענען נישט געווען קיין פּויערים, אָבער צו דיין טאַטנס מדרגה איז קיינער ביי אונדז נישט דערגאַנגען. אַ שאָד, וואָס ער איז נישט געוואָרן קיין קאַזיאָנני ראַווינן. ער וואָלט היינט געשפּילט אַזאַ ראָלע, ווי הרב מזה אין מאָסקווע, אָדער ווי הרב מייזל אין לאָדזש.

די התמדה, די אויסערגעוויינלעכע אַרבעטזאַמקייט פון אונדזער פאָטער איז געווען אַ באַוווּנדערונגספולע. זיין דורשט צו ידיעות אַ גרעניצלאָזער. חוץ יידיש־העברעאישן וויסן, האָט ער במשך פון זיין גאַנצן לעבן געזוכט זיך צו דערווערבן כלערליי וועלטלעכע ידיעות, נישט אומזיסט האָט מען אים גערופן „די גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע". ער האָט באַהערשט עטלעכע שפּראַכן, געקענט די געשיכטע פון אומות העולם, געהאַט טיפע קענטעניש פון פילאָזאָפיע און פילאָלאָגיע. „ביי גויים וואָלט ער שוין געווען אַן אוניווערסיטעט פּראָפעסאָר", פלעגט יצחק פאַרביטערט באַהויפּטן.

אונטערן רושם פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, זייענדיק אַנטציקט מיטן „פאָלק פון ביבל", וועלכעס גיט יושר „דעם פאָלק פון דער ביבל",

האָט ער זיך אָנגעהויבן צו לערנען ענגליש. אַגב האָט ער תמיד באַדויערט, וואָס ער קען נישט לייענען שעקספּירן אין אָריגינאַל. ספּעציעל האָט אים אינטערעסירט די אמתע כוונה, וועלכע שטעקט אין דעם „סוחר פון ווענעדיק", וואָס ווערט אַזוי שטאַרק עקספּלאָאַטירט דורך דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע.

פּוילנס באַפרייאונג האָט אים פאַראינטערעסירט מיט דער פּוילישער שפּראַך, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן צו דערלערנען לויט די טעקסטן פון געשיכטע. מיט דעם דאָזיקן לימוד האָט פּאַסירט אַ שיינע מעשה:

מיין מאַן איז אַמאָל געקומען אויף וואַקאַציעס פון פּראַגער אוניווערסיטעט צוזאַמען מיט דעם דר. יוסף האַכזיינגער, וועלכן ער האָט איינגעלאַדן צו פאַרווײַלן ביי אונדז עטלעכע טעג. היות מיין מאַן האָט נאָך שטודירט, האָבן מיר געוווינט אַלע צוזאַמען. די ערשטע נאַכט האָט זיך האַכזיינגער אויפגעכאַפּט. ער האָט אויפגעוועקט מיין מאַן, פרעגנדיק אים, ווער לערנט דאָס אַ גאַנצע קיילעכדיקע נאַכט גמרא? זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אויף טשיקאַווע און דערזען, אַז ער לערנט גאָר... פּויליש, דורך פּוילישע געשיכטע, מיט אַ גמרא-ניגון דערצו...

זיין אופן פון אַריינטיפן זיך אין לערנען אָדער שרייבן איז געווען בלב ונפש, מיט אַלע חושים. ער פלעגט עס אַזוי טאָן, אַז עס האָט געמעגט אַרום אים דונערן און בליצן. בעת דער באָמבאַרדירונג פון לאָדזש אין 1915 האָבן אַלע זיך באַהאַלטן אין די קעלערן, אָבער ער האָט רואיק געאַרבעט ביי זיין שרייב-טיש. אַרום אים האָט מען געמעגט באָמבאַרדירן, מאַכן שׂרפות, גזלענען, גנבענען — ער האָט דערביי ווייטער ממשיך געווען מיט דער זעלבער כוונה.

אַ באַזונדערע פּאַסירונג, וועלכע יצחק פלעגט מיטן הומאָר אַרטיסטיש רעפּראָדוצירן, איז געווען די פאָלגנדיקע: איינמאָל פריטיק פאַר ליכט-בענטשן, ווען אונדזער מוטער האָט זיך נאָך געפּאָרעט מיט די לעצטע שבת-הכנות, קומט ער אַריין און דערזעט, אַז אַ פרעמדער פאַרשוין פּאַקט איין די בעסטע זילבערנע חפצים אין אַ גרויסן זאַק: לייכטערס, דעם סאַמאָוואַר, גאָפּל-מעסער, סערוויזן, אַפילו אַ טייער שבתדיק טישטוך האָט דער גנב אַרויסגעצויגן פון אונטערן טאַטנס בוך. דער טאַטע אָבער זיצט



יעקב בנימין קאצענעלסאָן

פּאָטער פונעם דיכטער



ווייטער און לערנט... אין געריכט האָט דער גנב זיך מודה געווען, אַז מ'האָט אים אָנגעוויזן, אַז אין דער דאָזיקער שטוב וווינט אַ רבי, וועלכער איז אַזוי איינגעטיפט אין זיין לערנען, אַז ס'איז „אַן עבירה אים נישט צו באַגנבענען..."

דער טאַטע האָט אין זיינע לעצטע יאָרן זיך דערנענטערט צום „זשאַר־גאָן" און אָנגעשריבן אויף יידיש עטלעכע פּאָעמעס, ספּעציעל וועגן די בלוטיקע פּעטליורע־פּאָגראָמען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ווי געזאָגט, האָט זיין „עוללות אפרים" געמאַכט אַ רושם אין זיינער צייט, ווי ס'באַשרייבט דאָס די יידישע ענציקלאָפּעדיע פון ד"ר קאַצענעל־סאָן און אויך רייזען אין זיין לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור.

חוץ דעם האָט ער געשריבן „חזון בן־ימיני", „יהודה המכבי", „גדליה דרגא". זיין ליטעראַרישער פּסעוודאָנים איז געווען „בן־ימיני".

זיין פּיעטעט צו ביכער פלעגט זיך אויסדריקן נישט נאָר אין דעם שטענדיקן אויפקויפן נייע ספרים, נישט נאָר אין קאָלעקציאָנירן אַ רייכע ביבליאָטעק, נאָר אויך אין דעם פאַרעפנטלעכן זיינע אייגענע כתבים. ער פלעגט קיינמאָל זיך נישט וועלן פאַרבינדן מיט אַן אַרויסגעבער. ער פלעגט תמיד טענהן, אַז זיין זון לאָזט זיך אָפּנאַרן פון די אַרויסגעבער, פון די ביכער־פאַרלאַגן. אָבער יצחק פלעגט זיך דערפון אויסלאַכן: „באַפּט זיי דער וואַטנמאַכער! וואָס ווילט איר, זיי זאָלן ווערן „אָפּענע" טאַשנציערס?"...

אונדזער טאַטע פלעגט אָבער דרוקן זיינע ביכער מיט אייגענע מיטלען, כדי זיי אַליין צו פאַרקויפן. די ערשטע צייט פון לויפן אין דרוקעריי, אָפּליגן דאָרט גאַנצע טעג, איז געווען ביי אים די פּיבערדיקסטע. ספּעציעל די טעג פון דערשיינען פון אַ נייעם ווערק איז פאַר אים געווען די זעלבע שמחה, וואָס אַ געבורט פון אַ קינד און שפּעטער פון אַן אייניקל.

לכתחילה פלעגט ער זיך אונטערנעמען צו גיין אין די קלאַסישע וועגן פון די קלאַסיקער און פלעגט ווערן אַ מוכר ספרים. באַלד פלעגט אים מיאוס ווערן זיך צו דערנידעריקן פאַר יידן, וועלכע האָבן נעבעך נישט קיין געלט אָדער צייט צו לייענען, פלעגט ער איינפּאַקן הונדערטער עקזעמפּלאַרן און אָנפילן — אַ נייעם שאַנק!.. די מאַמע פלעגט זיך באַקלאָגן, אַז דעם טאַטנס

שענק זענען אַ נעסט פון שטויב און מאָלן. מיט די יאָרן איז אָבער די צאָל פון די דאָזיקע שענק שטאַרק געוואַקסן. אַלע עטלעכע חדשים פלעגט ער איינהאַנדלען אַ נייעם הויכן, דעמבענעם ביכער־שאַנק, זיין צימער האָט באַקומען אַן אויסזען פון אַ געשעפט פון גענוצטע מעבל.

זיין אומבאַגרענעצטע ליבע צום יידישן פאָלק, צו יידישער געשיכטע, צו אַלע יידישע קולטור־ווערטן, זיין פלאַמיקן חיבת און שיבת־ציון אידעאַל, האָט ער טיף איינגעוואָרצלט אין אַלע זיינע קינדער, זין, ווי טעכטער, וועלכע ער האָט צוגלייך געלערנט און דערצויגן אין דעם זעלבן גייסט. דעם דאָזיקן האָט ער אויך נישט פאַרפעלט אויסצושפּרייטן אויף זיינע איידימס און שניר, ספּעציעל אויף די לעצטע, וועלכע האָבן געהאַט ווייניק יידישע בילדונג.

אַ שיינעם, בכבודיקן לעבן האָט ער אָפּגעלעבט, אונדזער פאָטער. ביז 74 יאָר האָט ער זיך געהאַלטן פריש און מונטער און שלאַנק, אַזוי ווי אין די יונגע יאָרן. זיין מאַיעסטעטישן אויסזען און גאַנג אויף דער גאַס פלעגן אַלע באַוווּנדערן: „אַ פּאַטריאַרך!..״ ער וואָלט נאָך געוווּן געלעבט און געלעבט און אפשר גאָר דערלעבט ביזן גרויסן אומקום... דער פּריציי־טיקער טויט פון דער מאַמען האָט אים אָבער אַזוי דערשיטערט, אַז ער איז געשטאָרבן, לויט דעם דיאַגנאָז פון אַלע דאָקטוירים, פּשוט פון בענק־שאַפט נאָך איר...

אין לעצטן יידישן בוך „מיינע לידער״, וועלכן ער ווידמעט דעם אָנ־דענק פון דער מאַמען, דערשינען אין יאָר 1930, דריקט ער אויס זיין מורא פאַר דער נאָענטסטער צוקונפט אין פאָרעם פון אַ דיכטערישער נבואה. ביי דעם גאַנצן פּעסימיזם האָט ער זיך אָבער לגמרי נישט פאָרגע־שטעלט אַזאַ אומבאַשרייבלעכן, אַזאַ פולשטענדיקן חורבן, וועלכער האָט געטראָפן זיין „גערודפט, געליבט שעפסעלע״, דאָס פאָלק ישראל, אויף וועלכן „אַלע גויים האָבן זיך אָנגעזעצט און אים דווקא אויסגעקליבן פאַרן שעיר לעזאזל...״

קאַפּיטל 2

די מאַמע

די „מאַמעדיקע מאַמע“, ווי משה בראָדערזאָן, איינער פון אירע חסידים, האָט איר אָט דעם „פוטוריסטישן“ נאָמען געגעבן, איז געווען אַ פרוי פון מיטעלן וווקס. צו אירע עלטערע יאָרן, להיפּוך צום פאָטער, איז זי געוואָרן היפּשלעך דיק. פּונקט ווי איר קוזין און מאַן האָט זי פאַרמאָגט די זעלבע פּראָפּאָרציאָנעלע געזיכטצינגן, געטאָקט, מיט אַ פרויען-מילדקייט, וואָס עס האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן איר נאַטירלעכע גוטסקייט און גוטמוטיקייט.

און ווייל כ׳גיי באַשרייבן מיין מאַמען, אַ וווּנדערבאַרן טיפּ צווישן מאַמעס (דער באַגריף אַליין „מאַמע“ רעדט שוין פאַר זיך — דאָס איינציקע גוטס, דער גרעסטער מזל, וועלכער האָט אונדזער מיין געטראָפן), וויל איך מאַכן אַ שטיקל באַוואָרעניש. זעלטן ווען אימיצער זאָל נישט באַהויפּטן, אַז ז יי ן מאַמע איז געווען די בעסטע. ס׳איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. אָבער איך פאַרזיכער ערלעך, אַז אויב מ׳וואָלט געמאַכט אַ קאָנקורס פון מאַמעס, וועלכע זאָלן, חוץ דעם נאַטירלעכן מאַמע-אינסטינקט, באַזיצן אויך די נשמהדיקייט פון אַן אמת יידיש האַרץ, וואָלט אונדזער מוטער אַוודאי דעם דאָזיקן קאָנקורס געוווּנען. אַזוי האָט געהאַלטן יצחק, וועלכער פלעגט זיך שפּיגלען אין אירע מידות טובות, אַזוי פלעגן האַלטן ווילד-פרעמדע מענטשן, פאַר וועלכע זי איז אויך געווען אַ מאַמע.

איר אומבאַגרענעצטע גוטסקייט פלעגט נאָך באַשענערן, באַהערלעכן איר שיינע געשטאַלט, ווייל שלעכטסקייט מאַכט דעם שענסטן פּנים אַנטי־פּאַטיש! יצחק פלעגט מיט דער גאַנצער ערנסטקייט באַהויפּטן, אַז אויב ער וויל שעפּן אינספּיראַציע צו דיכטונג, גענוגט אים בלויז מיט איר אַביסל צו שמועסן. די אויסערגעוויינלעכע ליבע צו דער מאַמען איז געווען די סיבה פון זיין צוגעבונדנקייט צו לאָדזש, די צוויי באַגריפן האָבן זיך עפּעס ביי אים פאַרבונדן... ער איז אַ סך אַרומגעפאָרן איבער אייראָפּע, באַזוכט די שענסטע געגנטן פון רוסלאַנד, דייטשלאַנד, שווייץ, יערלעך פלעגט ער עטלעכע חדשים פאַרברענגען אין זיין היים־געליבטן ארץ־ישראל, אָבער תמיד פלעגט אים צוריקציען צו דער „מאַמעדיקער מאַמע", וואָס האָט פאַר אים געדינט ווי אַ שטענדיקער קוואַל פון בטחון און פּאָעזיע.

כ'מוז דערביי אַרויסזאָגן אַ פיינלעכע השערה, וועלכע דריקט מיך אויפן האַרצן... ווען נישט די דאָזיקע טיפסטע ליבע צו דער מאַמען, וואָלט ער, צוזאַמען מיט זיינע קוזינס, בערל קאַצענעלסאָן ע"ה און יצחק טאַבענקין, אים צו לאַנגע יאָר, שוין לאַנג געהאַט געווען אין ארץ ישראל... „אויב כ'האָב ווען ס'איז אין לעבן ליב געהאַט אַ פרוי אָלס מענטש, איז דאָס געווען... מיין מאַמע!..." זאָגט ער אין איינער פון זיינע ווידמונגען פאַר איר.

אַלס קוזינע פון דעם טאַטן, האָט זי געהאַט ענלעכע צו אים פּנים־שטריכן: אַ הויכן שטערן, אַרומגעצוימט מיט פרייעלעכע, געלאָקטע קאַשטאַנען־האָר, וועלכע האָבן אויף דער עלטער געהאַט דעם קאָליר פון אַלט זילבער, האָפענונגספולע בלויע, לעגגלעכע אויגן, אַ געמאָסטענע, גלייכע גריכישע נאָז, אַ פאַרמירטן פּולבלוטיקן מויל, וועלכן זי האָט דערהאַלטן פריש ביז אירע עלטערע יאָרן. צו די זעכציקער איז איר אַריסטאָקראַטישער פּנים, אַ דאַנק דער שיינער גרויסקייט, געוואָרן מאַיעסטעטיש. זי פלעגט אויסזען אַזוי אימפּאָזאַנט, אַז מענטשן פלעגן זאָגן, אַז זי האָט אין זיך עפּעס קעניגלעכעס, וואָס צווינגט פאַר איר זיך צו בוקן. אין אירע מיידלשע יאָרן, זייענדיק אַ באַרימטע שיינע רבנישע טאָכטער, איז שווער געווען צוצופּאַסן אַ שידוך פאַר איר, קודם צוליב יחוס, שפּעטער צוליב אירע מעלות, וועלכע מ'האָט געקענט אין די רבנישע הייף פון דער

הינדע דאווידזאָן - קאצענעלסאָן
מוטער פונעם דיכטער

מינסקער גובערניע. ר׳ יצחק יחיאל, דער רב פון קאַרעליטש, פלעגט קלייבן נחת פון זיין הענדע און זי רופן: „משיחס כלה״. דער פעטער ר׳ אליהו פון פרוזשאַני האָט צוגעגעבן, אַז „הענדע איז געקנאָטן פון שיינקייט, גוטסקייט און חכמה״.

פאַרשטענדלעך, אַז פאַר אַזאַ בת תלמיד חכם, מיט אַזעלכע מעלות, האָט משפחה באַשלאָסן, וועט מען נישט געפינען אין דער גאַנצער אימפּעריע קיין פּאַסיקערן שידוך ווי מיט בנימינקע, דעם עילוי, איר לייבלעכן קוזין.

יצחק פלעגט אָפט באַהויפּטן, אַז אונדזער מאַמען האָט געפּאַסט בעסער צו זיין אַ רביצין, ווי אַלע אירע שוועסטערס, ווייל זי איז באמת געווען אַ דירעקטע פאַרקערפּערונג פון איר גייסטרייכן פאָטער. יעדער איינציקער, סיי מאַן, סיי פרוי, אַלט צי יונג, פלעגט זיך גלייך דערפילן היימיש נעבן איר. זי האָט אין זיך פאַרמאָגט אַ מאָדנעם אינטואיציע־חוש צו רעדן מיט יעטוועדן, געהאַט צו אַלעמען אַ שנעלן אינטימען צוגאַנג, פלעגט באַוועגן אפילו אַן איינגעצוימטן „מרוק״ זיך פאַר איר אַראָפּרעדן פון הארצן. ווי איר פאָטער, ר׳ יצחק יחיאל, פלעגט זי אַלעמען פסקענען שאלות און געבן די טרעפלעכסטע עצות.

אין קעגנטייל צום טאַטן, איז זי געווען צוגעגלעך פאַר אַלעמען, זייער באַרעדעווודיק, המצאהדיק, פאַרמאָגט אַ פערלדיקע יידישע שפּראַך מיט זאַפטיקע פאָלקסטימלעכע גלייכווערטלעך, משלים און מאמרים. פון איר שפּראַכלעכן קוואַל און אידעאישן אוצר האָט יצחק, לויט זיין באַהויפּטונג, געגאָסן מיט אַ פולער מאָס.

א בעלת טובה איז זי געווען כמו שנאמר, ווייל דאָס גוטס פלעגט זי טאָן בסתר, העלפן אַלע נויטבאַדערפטיקע, אַליין צו זיי טראָגן שווערע פעקלעך מיט עסנווארג.

יצחק, וועלכער האָט פון איר געירשנט אַ סך מידות, פלעגט אָבער ליב האָבן צו ווייזלען זיך, אַז זי איז די צענטראַלע, דער פאַראיין פון אַלע אינסטיטוציעס: מושב זקנים, בית יתומים, סומך נופלים, מלבוש ערומים, גמילות חסדים, הכנסת אורחים.

„...אוי, אוי, עולם הבא! וואָס טוט נישט אַ יידענע צוליב עולם

הבא?״ די מאַמע פלעגט דערביי, אַ פאַרשעמטע, זיך פאַרענטפערן, אַז זי איז גאָרנישט אויסן קיין עולם הבא און נאָכן אויסשעפּן זיך פון אירע אַר־גומענטן, וועלכע יצחק פלעגט שטיפעריש דיסקוטירן, באַליידיקט אָנבלאָזן אירע ליפּעלעך. אויף דעם פלעגן מיר בלויז וואַרטן און דערזעענדיק איר נאַ־איווע פאַרלעגנהייט, מיט הייסע קושן זי באַרואיקן.

אַרום זיך פלעגט זי תמיד האָבן אַלע צעבראָכענע הערצער פון גאַנץ שטאָט, מיט אַלערליי טובות, בקשות. זי פלעגט שטיצן דירעקט און אומ־דירעקט. די לעצטע פלעגן זיין הענדלערס, וועלכע פלעגן איר פאַרקויפן, לויט די פּרייזן, וואָס זייער אייגענער חשק אָדער געוויסן האָט זיי דיק־טירט. די מאַמע פלעגט שוין אָפּטמאָל אַ פאַרלאָרענע ביי זיי זיך בעטן: „האָט אויף מיר רחמנות, מיין זון בערל וועט אייך נישט וועלן באַצאָלן! ווער וועט עס אַלצדינג אויפעסן?..״ אַ גאַנצער כאָר פלעגט איר ענט־פערן: „וואָס רעדן זי! מאַדאַמישי! קרוינישע! לאַכטיקע נישומע! פראָ קאַצנעלזאָן! קאַצנזאָן! קאַצ...״

נאָך אַזאַ מין קאַצניאָמער פלעגן זיי די פּעקלעך מיט די קויבערס איבערלאָזן אומעטום: אין קאָרידאָר, אין קיך, אין עס־צימער, אַ גאַנצן באַרג מיט שפּייז־פּראָדוקטן: אייער, פּוטער, קעזן, עופות, פיש, פּרוכט, גרינס, הכלל אַ גאַנצן נישט פאַרקויפטן מאַרק פלעגט מען צו אונדז אַראָפּ־ברענגען. אונדזער שטוב פלעגט פון די קויבערס באַקומען אַן אויסזען פון אַ דריטן קלאַס פון אַ באַן־סטאַנציע מיט פּויערים, וועלכע פירן צו פאַר־קויפן זייערע פּראָדוקטן אין שטאָט אַריין.

די באַצייכענונג „וואָקזאַל״ האָט זיך גענומען אָט ווי אַזוי: ס׳איז געווען קורץ נאָך מיין חתונה, אין אַן ערב שבת פאַר ליכט־בענטשן... פון קיך טראָגן זיך ריחות פון גוטע שבתדיקע מאכלים, צו וועלכע יצחק פלעגט איינלאַדן חברים חוץ באַקאַנטע, אויך אומבאַקאַנטע, אָדער באַקאַנטע פון די באַקאַנטע. אַלץ פלעגט צו אונדז קומען צו גענוסן פון אַ גוטער סביבה און פון הכנסת אורחים. מיין מאַן האָט זיינע וואַקאַציעס געווידמעט דעם איבערזעצן אויף רוסיש יצחקס דראַמאַטישע קאָמעדיע „פּאַטימאַ״. יצחק האָט אים געבעטן, ער זאָל גיין אין קיך אַריין עפּעס פרעגן דער מאַמען.

אָבער גלייך איז ער צוריקגעקומען מיט אַ געלעכטער: „יצחק, ס'איז פּונקט, ווי אין דריטן קלאַס, אויפן וואָקזאַל, נישט אַדורכצושטופּן זיך!..״

יצחקן האָט דער פאַרגלייך אַריינגעבראַכט אין שטימונג. ער איז שנעל אַריינגעלאָפן צווישן דעם באַרג פון די קויבערס און נאָכמאַכנדיק דעם סטאַנציע-גלאָק, אַרויסגעקלונגען:

„גלינג!... פּיערווי זוואָנאָק! אַהיים, יידענעם, אַהיים! ס'איז שוין שבת!..״

זייער אָפט פלעגן מיר, קליינע בת לצנים, אַרומרינגלען אונדזער מאַ-מעניו און זי בעטן אונדז עפּעס צו דערציילן וועגן אונדזערע באָבעס און זיידעס, משפחה, וועגן אירע קינדער־יאָרן, וועגן אונדזערע קינדער-יאָרן און ספּעציעל וועגן דער „קרוין פון איר קאָפּ״, ווי זי פלעגט יצחקן רופן.

לאַנג פלעגט זי זיך נישט לאָזן בעטן און מיט תענוג אויף איר גוטן פּנים פלעגט זי איבערגעבן מיט אַלע פּרטים אַלע געשעענישן מיט און אַרום איר ליבן בחור. די דעראינערונגען פלעגן גלאַטיק און אינטערעסאַנט פליסן פון איר שיינעם מויל. פון לעבעדיקן רעדן פלעגט זיך אויף איר שטערן אַראָפּלאָזן אַ געקרייזלטער לאָק און מיטמאַכן אַלע אירע ענערגישע באַוועגונגען, פול מיט מוטער-התלהבות.

ס'פלעגט אָפט טרעפן, אַז יצחק אַליין פלעגט אויך צושטיין צו אונדז און מיט נייגער זיך צום וויפלסטן מאָל צוהערן צו דער מאַמעס זאַפטיקע דערציילונגען וועגן אירע איבערלעבונגען אין שייכות מיט זיינע קינדער-יאָרן. אָפטמאָל פלעגט ער נאָך דער מאַמען צוהעלפן מיט נייע באַמער-קונגען צו אַלטע זכרונות...

קאפיטל 3

אונדזער „ר׳ שיינדל״

חוץ יצחקן, וועלכן די מאַמע פלעגט מיט שטאָלץ רופן „די קרוין פון מיין קאָפּ״, האָבן מיר געהאַט פיר זין און צוויי טעכטער. דאָס ערשטע קינד, די בכורה, איז געווען אונדזער שוועסטער שיינדל. היות אין דער לאָדזשער אויסשפּראַך האָט עס געקלונגען — שאַנדל — פלעגט טאַקע די מאַמע מיט ליבשאַפט זי רופן: „מיין שאַנדל!״

אויב דער רעשט פון אונדזערע בני בית האָבן פאַרמאָגט פאַרשידענע פעאיקייטן, איז שיינדל, פונקט ווי יצחק, געווען אויך אַ פאַרבנרייכע פערזענלעכקייט, אַן אמתער עקסטראַקט פון אַלע טאַטע־מאַמע־מעלות. עלטער פון יצחקן מיט עטלעכע יאָר, איז אויך זי געבאָרן געוואָרן אין קאַרעליטש, יצחקס געבורט־שטעטעלע, געלערנט עברי ביים זעלבן מלמד, תנ״ך ביים טאַטן, צוזאַמען מיט די יינגלעך, צווישן זיי צוויי צוקינפטיקע דיכטערם: יעקב כהן און יצחק קאַצענעלסאָן. מיט יעקב כהן, וועלכער האָט פון קינדוויייז־אָן זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסע ידיעות, האָט אונדזער שיינדעלע געפירט אַ ריוואַליטעט, אַ דאַנק אירע פעאיקייטן און אַרבעטזאַמקייט. אין דער דאָזיקער הינזיכט איז זי געווען דער פולקאָמסטער פאַרטרעט פון טאַטן: פלייסיק ווי אַ בין, ערנסט און באַזאַכט ווי אַ בת תלמיד חכם!

יצחק, אַ צו לעבעדיקער, כדי צו זיין ווי זי, פלעגט זי אויסלאַכן, אָנרופנדיק מיט אַ באַהאַלטענעם דרך־ארץ „אונדזער ר׳ שיינדל״. „אַ שאָד, וואָס זי איז נישט געבאָרן געוואָרן אַ יינגל״ פלעגט דער טאַטע זיפצן, איידער ער האָט דערזען דעם ערשטן סימן פון נחת פון זיין בכור — יצחקן. „אַ מויד — אַ ישיבה־בחור!..״ פלעגט מען זי אין שטעטל רופן. זי פלעגט באמת באַווייזן גרויס פלייס צו יידישע לימודים, ווי אַ בחור, וואָס גרייט זיך צו באַקומען סמיכה אויף רבנות.

איז זי טאקע געוואָרן אַ העברעאיש־קענערן, „ווי גאָט האָט געבאָטן!..״

וועגן איר התמדה פלעגן טאטע־מאמע דערציילן קוריאָזן. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע פון 1905 איז געווען בשעת די אומרועז אַ פאַר־באַט אַרויסצוקוקן דורך די פענצטער. ס׳האָט געהערשט דעמאָלט באַלאַגע־רונגס־צושטאַנד. טיר און פענצטער האָבן געמוזט זיין פאַרשטעלט און פאַר־האַקט. שיינדל, שוין אַ דערוואַקסענע פריילין, אַ העברעאישע לערערין דעמאָלט, די ערשטע גננת אין לאָדזש, האָט באַשלאָסן זיך צו פאַרפּולקאָמען אין די לימודי חול, פּונקט ווי אין די לימודי קודש.

אין איינעם פון אַזעלכע טעג, ווען ווילקיר פון קאָזאַקן האָט געבור־שעוועט אויף די גאַסן, האָט זי זיך געזעצט, לויטן טאַטנס שטייגער, ביים אָפענעם פענצטער און אָנגעהויבן צו קנעלן איבער אַ באַרג מיט ביכער. אונדזער הויז אויף צעגיעלניאַנא 54 איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פון פאַבריקן, אין „סאַמע רעכטן גערדיכטן״... יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק פלעגן נעבן אונדז פאַרקומען שטרייקן, מאַניפעסטאַציעס, דעמאָנסטראַצ־יעס „מיט אַלע זיבן זאַכן״... אויך יענעם טאָג איז פּלוצים געוואָרן אַ שי־סעריי, ס׳זענען ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסן באַריקאַדן פון הויכע דעמבענע מעבל, די לופט איז פאַרהילכט געוואָרן פון געזאַנג פון „טשערוואָני שטאַנדאַר״. די שטימונג איז געווען אָן אָנגעצויגענע, אָבער שיינדל זיצט ביים אָפענעם פענצטער און לערנט. מיט אַ ווילדן געשריי און מיט אַ גערדיכטער שיסעריי קומט אָן צו לויפן אַ גרויסער קאָזאַקן־אָפּ־טייל אויף די ווילדע, קליינע פערדעלעך, וואָס פאַרהירזשען די לופט אַרום. אָבער שיינדל הערט נישט און לערנט. מ׳שיסט שוין אין איר פענצטער און שויבן פּלאַצן, אָבער שיינדל באַמערקט נישט און לערנט...

ס׳זענען אָנגעלאָפן בני בית, זיך אויסגעלייגט אויף די פּאָדלאָגעס, אַרויסגעריסן פון איר דעם שטול און זי אוועקגעלייגט מיט די ביכער צו־זאַמען. אַזוי אַרום האָט מען געראַטעוועט ר׳ שיינדלען פון אַ זיכערן טויט!..

דרך־אגב איז דער טאַטע אין דער זעלבער רגע אויך געזעסן ביי אַן אָפענעם פענצטער, אָבער צום הויף.

אָנגעפּיקעוועט מיט אַלערליי ידיעות, שטאַרק באַהאַוונט אין ליטע־ראַטור פון עטלעכע שפּראַכן, זייער אינטעליגענט, איז זי דערביי געווען

נאַאיוו ביז תּמימותדיקייט, קיינעם נישט חושד געווען אין זייטיקע געדאַנ־קען און יעטווערן באַשאַנקען מיט צוטרוי און די וועלט געמאָסטן לויט זיך...

אַלס אַ יונג מיידל האָט זי נישט פאַרמאָגט אין זיך קיין סימן פון ראַפינירטקייט און אַפילו פון ווייבערישן חוש. „אַ ריכטיקער ר׳ שיינדל, פלעגט די מאַמע בייז באַמערקן, על־פּי־טעות איז זי נישט קיין זכר... מיר וואָלטן ווידער געהאַט אַ רב אין דער משפּחה...״ זי פלעגט דערציילן, ווי שיינדל פלעגט פאַרברענגען אין הייסע וויכּוחים מיט איינעם אַ חבר זיל־בערשטיין, אַ פאַרברענטן פּועלי־ציון. זיי פלעגן צוזאַמען לויפן אויף אַלע „סכאָדקעס, בירזשעס און דעמאָנסטראַציעס״, ביז דעם בחור האָט מען געפּאַקט און אַרויסגעשיקט קיין סיביר.

אַלע אַרומיקע האָבן דאָס באַמערקט, אַז דער מינסקער בחור איז אין איר פאַרליבט, בלויז די בעל־דברטע אַליין, שיינדל, האָט עס נישט גע־וווּסט. ער פלעגט פאַר יצחקן זיך באַקלאָגן, אַז זי מיידט בכיוון אויס אינטימע געשפּרעכן... ווען די מאַמע האָט זי געפרעגט, צי איר געפעלט זילבערשטיין, אַזאַ טיף אינטעליגענטער און שיינער מענטש, האָט זי גע־ענטפערט, אַז יאָ. אויף איר צווייטער פראַגע, צי וואָלט זי מיט אים חתונה געהאַט, האָט זי תּמימותדיק געענטפערט: „אָך, אָך, פאַרוואָס ניט!..״

דער אויסרוף „אָך, אָך...״ איז געווען כאַראַקטעריסטיש. אַמאָל איז זי געזעסן ביי אַ קליין טישעלע אויפן באַלקאָן איבער תּורה און עבודה. ס׳האָט געהאַלטן פונקט פאַר אַ שלאַקס־רעגן. קענענדיק איר פאַרטראַכט־קייט, האָט איר יצחק מתרה געווען: „שיינדל, גיי שנעל אַרויס, ס׳וועט רעגענען!״ — „אָך, אָך, זאָל רעגענען!..״ האָט זי מעכאַניש געענטפערט. יצחק און מיר אַלע האָבן דאָס אונטערגעכאַפּט און תּמיד פלעגט מען דער־מיט אונטערשטרייכן איר צעשטרייטקייט: „אָך, אָך, זאָל רעגענען! אָך, אָך, שוין צייט חתונה צו האָבן!..״

דער חתן איז אָבער געזעסן פעסט אין חד־גדיא! ווען ער איז נאָך דריי יאָר קאַטאָרגע אַנטלאָפן פון סיביר און אָנגעקומען קיין לאָדזש, כּדי פון דאָרט איבער קראָקע זי מיטנעמען קיין ארץ ישראל, האָט ער דערזען,

אַז אהרן פײַנשטיין האָט זיך מקדים געווען. ער איז געוואָרן נידערגעשלאָגן פון דער קאַטאָרגע, פון שײַנדלס „אַך, אָך" און אַוועק גאָר קיין אַמעריקע.

שײַנדלס טאַלאַנט, איבערגענומען פון טאַטן בירושה, איז געווען, חוץ פּעדאַגאָגיק, דער שריפטשטעלערישער. זי האָט געשריבן לידער, דער־הויפּט פאַר קינדער, דערציילונגען. זי האָט אָנגעשריבן איר אויטאָביאָ־גראַפיע אין העברעאיש, אונטערן נאָמען „טל ילדותי", ווו זי באַווײַזט אַ פענאָמענאַלן זכרון פון איבערלעבונגען פון ערשטן לעבנסיאָר אָן. פון דער בעסטער איבערזעצונג פון „טויזנט און איין נאַכט", וועלכע איז געווען אין דער דײַטשער שפּראַך, האָט זי מיטן זעלבן ווערק באַרײַכערט די העב־רעאישע ליטעראַטור. „אלף ולילה אחד" של ש. קצנלסון־פײַנשטיין, איז געשריבן געוואָרן מיט אַ פּרעכטיק־זאַפטיקער תנ"ך־שפּראַך. יצחק פלעגט באַהויפּטן, אַז די דאָזיקע איבערזעצונג איז אַ צוגאָב־טעקסט צו דערלערנען אונדזער ביבליש־קלאַסישן סטיל.

אָבער מער ווי דער באַגער צום שרײַבן איז געווען בײַ איר איר נר תמיד, איר שטענדיקער פײַער פאַר יידישע קינדערלעך און דערמיט איז זי געווען נאָענט צו יצחקן. יידישע קינדער פלעגן, סײַ שײַנדלען, סײַ יצחקן, האַלטן תמיד געשפּאַנט, באַגײַסטערט זייער גאַנצן לעבן און ביז זייער לעצ־טער רגע האָבן זיי גלײַך געדינט און גלײַך געענדיקט מיט זייער דור הבא. בײַדע האָבן זיי געפונען דעם קרבנות־וועג, די מיסיע פון דעם אומ־באַקאַנטן סאָלדאַט, וועלכער ענדיקט שטיל און גבורה־פול זײַן שיינעם לעבן...

איר הויפּט־באַרוף, איר לעבנס־מיסיע איז געווען — קינדערגאָרטן!.. אַלס גאָר יונג מיידל פלעגט זי זיך שוין באַשעפטיקן מיט פרעבל־מעטאָדן, מיט אייגענע שיטות, צוגעפּאַסט פאַר דעם געביט. תחילת פלעגט זי פּראַק־טיצירן מיט אָרעמע קינדער, וועלכע זי פלעגט איבערנעמען פון אַרבעטנ־דיקע מאַמעס. שפּעטער איז זי געוואָרן אָנגענומען אַלס פּריוואַטע פרעב־ליסטן צו קליינע קינדער. אגב איז אויך מײַן מאַן געווען איינער פון אירע תלמידים.

אין 1911, זייענדיק שוין אַליין אַ מאַמע, האָט זי געענדיקט אין וואַרשע אַלטערמאַנס פרעבל קורסן. אין יאָר 1912 האָט זי מיט יצחקס מיטאַרבעט געעפנט דעם ערשטן העברעאישן גן־ילדים אין לאָדזש. במשך

פון איבער אַ האַלבן יובל פלעגט זי מדריך זיין די ערשטע שריט, די ערשטע רייד, די ערשטע איבערלעבונגען פון הונדערטער און הונדערטער קליינע מלאכימלעך...

אין גן-ילדים-איז זי געווען אריינגעטאָן בלב ונפש, מיט איר גאַנצער דיכטערישער התלהבות, מיט אומבאַגרענעצטער מוטער-ליבע. אין איר פּריוואַט-לעבן האָט זי אויך געלעבט מיטן בלויזן געדאַנק פון גן-ילדים.

איר גרעסטער חלום איז געווען צו ווערן אַ גננת אין ארץ ישראל, אָנ־צופירן דאָרט מיט אַזאַ גן־ילדים, וועלכן זי אַליין האָט גוט פאַרשטאַ־נען און וועלכן בלויז אין יענע באַדינגונגען איז מעגלעך צו שאַפן. צוליב פיינשטיינס קראַנקהייט און צוליב אַ שוואַכן זון פון אַ צווילינג איז איר די עליה נישט געלונגען. דערפאַר אָבער איז איר גרעסטע פרייד געווען, אַז זי האָט באַצייטנס ארויסגעראַטעוועט פון דעם ביטערן גלות אירע צוויי עלטערע קינדער: בן-ציון און באַדאַנע.

אונדזער שיינדל... עפּעס אַ מאָדנער הייליקער פייער פלעגט ברע־נען איר איר: וואָס מער צו לערנען, דערציען, אויסהאָדעווען, צוגרייטן יידישע קינדערלעך... די דאָזיקע מיסיע האָט זי אומדערמידלעך אויסגע־פירט ביז איר לעצטן לעבנס-טאָג אין לאָדזשער געטאָ... איר נשמה איז געווען אַ קריסטאַל־ריינע פון אַ תמימותדיק קינד, אַן אייביק, אומשול־דיק, באַגייסטערט קינד...

גאַנץ לאָדזש האָט גוט געקענט קאַצענעלסאָנס „שיינדעלע" אַלס ספּע־ציאַליסטין אין דער פאַרשול-דערציאונג. אפילו אין די חושכדיקסטע נאַצי־יאָרן האָט מען איר אָנפאַרטרויט אָנצופירן מיטן קינדערהיים אין העלענ־ועק, וואָס איז געווען אַן ענלעכע אַנשטאַלט ווי קאָרטשאַקס אין וואַרשע.

פּונקט ווי קאָרטשאַק האָט זי נישט געוואָלט פאַרלאָזן אירע קינדער־לעך פון איר „אויסגעהרגעט יידיש פאָלק", פּונקט ווי קאָרטשאַק איז זי געגאַנגען צו דער עקדה מיט די שוואַכסטע פון די שוואַכסטע...

אונדזער שיינדעלע, אַ גרויס קינד, איז געגאַנגען צוזאַמען מיט קינ־דערלעך, מיט יידישע, אויף יידישן קידוש השם...

קאפיטל 4

מיינע ברידער

פון די ברידער גייט, נאָך יצחקן, וועלכן ס'איז געווידמעט דאָס דאָזיקע בוך, אונדזער בערל. ער טראָגט דעם זעלבן נאָמען, וואָס דער א"י ארבעטער-פירער בערל קאצענעלסאָן, נאָך אַן עלטער-זיידן, אַ רב אַ גאון, ר' בער, וועלכער האָט געהאַט פאַרנומען דעם כסא הרבנות אין צוועלף שטעט פון מינסקער גובערניע.

אונדזער בערל איז געווען דער שענסטער פון מיינע ברידער. ער איז אין לאָדזש באַקאַנט געווען אַלס דער „שיינער קאַצענעלסאָן". התפעלות-פולע מיידלעך פלעגן אים רופן „אַפּאָלאָ".

ער איז געווען אַזוי מאַגנעטיש-שיין אין זיין הויכער, שלאַנקער געשטאַלט, אין זיין קלאַסישן פּאַטאַגעניש פּנים פון אַן אמתן פילם-סטאַר, אַז מענטשן פלעגן מיינען, אַז אָט דער איז עס דער דיכטער קאַצענעלסאָן.

בערל איז געווען אויך אַ באַגאַבטער. זיין הויפּט טאַלאַנט אַן ארטיסטישער. ער האָט אין זיך פאַרקערפּערט אַלע פאָדערונגען פאַר אַן ערשט-קלאַסיקן ליבהאָבער: אויסערלעכע און אינערלעכע. ער האָט געהאַט אַ וווּנדערבאַרע דיקציע, שיינע באַוועגונגען, אויסדרוקספולע מימיק, ברוויזנדיקן טעמפּעראַמענט. אַלס ערשטקלאַסיקער קענער פון העברעאיש, איז ער געווען אַן ענטוזיאַסטישער מיטשפּילער אין יצחקס ערשטן העברעאישן טעאַטער אין לאָדזש „הבימה", שפּילנדיק די אחריותפולסטע ראָלן מיטן גרעסטן דערפאָלג.

כאטש בערל האט געקענט א גוטן העברעאיש און געווען א גאנץ פע־איקער לערער, דאך איז ער, צוליב זיינע אדמיניסטראטיווע פעאיקייטן, געווען אונדזער געשעפטס־פירער, אנגעהויבן פון גן־ילדים און געענדיקט מיט דער הערלעך אויסגעבויטער גימנאזיע אויף זאוואדזקא 43, ווו מלכות זדון האט איינגעארדנט די לאדזשער געשטאפא און געפייניקט שפעטער יידן...

יצחק און מיר אלע, וועלכע האבן מיטגעארבעט, האבן זיך אויף אים פאר־לאזן, אויף זיין שכל הישר. ער פלעגט אויף זיינע פלייצעס אויסטראגן דעם גאנצן עול, א בודזשעט, וועלכער פלעגט מיט די יארן וואקסן אין די הונדערטער טויזנטער: קויפן, צוקויפן, בויען, צובויען. אלעמאל א פאר־זארגטער, א פארדאגהטער — ווו נעמט מען אזא און אזא סומע אויף צו דעקן די לויפנדיקע חובות? ארויס פון איין התחייבות, אריין אין א צווייטער און אזוי כסדר. טאמער האבן מיר געהאט איין איינציקן סוחר אין דער משפחה „א געוואגטן אונטערנעמער" — איז עס געווען אונדזער בערל. בעת מ'פלעגט אים אין דעם פרט געבן שבחים, פלעגט ער זאגן: „אלץ פאר מלמדות!.." באווייזנדיק א ליכטיקן שיין אויף זיין ארטיסטישן פנים.

יצחק, וועלכער איז אין מסחר־ענינים געווען אין גאנצן א פארלא־רענער און אומבאהאלפענער, פלעגט אן בערלען זיך נישט געבן קיין ריר. דערפון האט זיך גענומען זייער צוגעבונדנקייט. דער תמצית פון זייערע באציאונגען געפינט זיך אין זיין טאג־בוך פון וויטעל, געשריבן אלס לעצטער ווידוי, אלס צוואה, נאך חשבון הנפש, ווען פון א צאלריי־כער משפחה פון ברידער, שוועסטער, פלימעניקעס — זיינע אייגענע פרוי און דריי קינדער, איז געבליבן ער אליין, דערוויייל ער, מיט זיין בכור.

„מיין ברודער, בערל, ביסט יינגער פון מיר און ביסט מיר געווען ווי א טאטע. ווי א פאטער האסטו זיך פאר מיר געזארגט... האסט מיך ליב געהאט, האסט עס מיר נישט געזאגט, אזוי ווי איך האב דיר אויך נישט געזאגט וועגן מיין ליבע. ווו ביסטו? דו, דיין טייערע פרוי דארא, דיין יונגער זעבצן־יאריקער זון, וואס איז אוועק מיט חלו־צים אין די וועלדער — ער איז אויך געטויט געווארן צווישן גוטע און ערלעכע בחורים. ווי ער, מיט זייער גרויסער נקמה, וואס זיי האבן

נישט פארווירקלעכט... ווער וועט זיך נוקם זיין פאר אונדז פון דעם דאזיקן ווילדן, עקלהאפטן פאלק?..״

**
*

נאך בערלען קומט מיין ברודער משה.

ער טראגט דעם נאמען נאך דעם פעטער משה טאבענקין, דעם פא-טער פון א״י מנהיג, יצחק טאבענקין. אונדזער טאטע, אן אינטימער חבר פון משה טאבענקין, וועלכן ער האט אליין געשדכנט זיין שוועס-טער, האט, נאכן טויט פון דעם אומפארגעסלעכן, טייערן, אמתן אלטרו-איסט, באערט מיט זיין נאמען אונדזער ברודער.

אונדזער משה האט חלילה נישט פארשעמט זיין אנדענק, הלוואי אויף זיין אייניקל געזאגט, וועלכער טראגט זיין נאמען. אונדזער משה האט ריכטיק אפגעשפיגלט די דאזיקע ליכטיקע געשטאלט. פון זיינע קינדערשע יארן אן ביז זיין לעצטער רגע איז ער געווען, פונקט ווי אונדזער מוטער, „געקנאטן פון געווייסן, הארץ, נשמה...״

טאטע־מאמע און ספעציעל יצחק האט זיך באמיט די יינגערע קינ־דער צו געבן נישט נאר יידישע בילדונג, נאר א נארמאלע וועלטלעכע בילדונג. היות אין די פריוואטע מיטל־שולן האט מען געמאכט אנטיסע־מיטישע שיקאנעס בעת די עקזאמענעס, האט אים יצחק איינגעשריבן אין אכטן קלאס פון א רעגירונגס-גימנאזיע אין טורעק, א שטעטעלע אין לאדזשער קרייז. דארט האט מען אויף באשטימט געהאפט, אז ער וועט באקומען די „מאטורע״.

די לעצטע עטלעכע וואכן פאר די עקזאמענעס האט די מאמע אים פארזארגט מיט אן אפוטרופס, איינעם פון אונדזערע לערערס און א שטוב-פריינט, מיטניק האט ער געהייסן. אבער אנשטאט דערמיט משהן צו פארלייכטערן, האט אונדזער מוטער אים דערמיט געשטערט.

דער גוטהארציקער און גאסטפריינדלעכער משה, וועלכער האט די מצווה פון הכנסת אורחים אין גאנצן איבערגענומען פון אונדזער מאמען, האט זיך דערפילט אין דער ראל פון א באלעבאס לגבי א גאסט. היות

מיטניק האָט אָקאָרשט געענדיקט דעם שול־יאָר, האָט ער זיך פאַרדאַגהט וועגן זיינע וואַקאַציעס. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאָרען ארום אים, באַזאָרגן אים מיט גוט, נארהאפט עסן, ער זאָל נעבעך קומען צו זיך, געשאַפן פאַר אים אַלע באַקוועמלעכקייטן און געזעלשאַפט, כדי אים צו פאַרוויילן...

דער סך־הכל פון דער מצווה פון הכנסת אורחים איז געווען, אַז משהל האָט נישט געהאַט קיין צייט און קאָפּ צום לערנען און דעם עקזאַמען האָט אויסגעהאַלטן אַ גוי, אַ פויער, אָבער נישט אַ ייִד, וועלכן מען האָט געזיפּט מיט אַלע זיבן זיפּן.

משה איז געווען זייער אַן ארבעטזאַמער. זעענדיק, אַז אים גייט נישט אין די גוייִשע לימודים און היות זיין נאַטירלעכער דראַנג איז געווען צו לערעריי, בפרט, אַז מיר האָבן שוין געהאַט אַנטוויקלט אַ גרויסע שולע מיט אַ פערסאָנאַל, האָט ער זיך גענומען צום „משפחה־פאַך", נאָך שיינדלען, יצחקן, בערלען און מיר.

זיין גאַנץ לעבן האָט ער געאַרבעט איבער זיך, סיי איבער העברעאיש, סיי גמרא. געלערנט האָט ער ביים טאַטן און דאָס צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, צוליבן לערנען וועגן און שנית, כדי דערמיט דעם טאַטן צו פאַרשאַפן נחת־רוח.

דער דאָזיקער צווייטער טעם איז געווען זיין כאַראַקטעריסטישער שטריך — צוליב־צו־טאָן אַלע זיינע ארומיקע... ער פלעגט דאָס טאָן בנעימות און מיט דער גאַנצער קרבנותפולער גרייטקייט.

פונקט ווי אַ גוטער רבי איז ער געווען ארומגערינגלט מיט חסידים און דער דאָזיקער „הויף" האָט אים געקאָסט אַ סך געלט. טאָג און נאַכט, אויף טיש און אויף בענק, אין שולע און אויף פּריוואַטע לעקציעס האָט ער געהאָרעוועט, כדי... אויסצוהאַלטן אַ חברה פון אָרימע חברים. ער פלעגט טאַקע זיין מאַטעריעל זייער פאַרענגט. געאַרבעט מער פון אונדז אַלעמען צוזאַמענגענומען, און דערביי געווען דער גרעסטער נצרך, ביי אַלעמען געכאַפּט אַ גמילות חסדל, געבאָרגט און אוועקגעגעבן, אוועקגעשאָנקען חברים, חברים פון חברים א. א. וו.



זיצן פון רעכטס: בערל קאצענעלסאָן, שיינדל קאצענעלסאָן - פיינשטיין און משה קאצענעלסאָן
שטייענדיק: יצחק קאצענעלסאָן

איינע פון זיינע ערימע הברטעס, דווקא נישט די שענסטע, וועלכע ער האט במשך פון יארן אויסגעהאלטן מיט שכר־לימוד און ביכער, האט באשלאסן מיט אים חתונה צו האבן. ער האט זיך נעבעך נישט געקענט פון איר פעסטן באשלוס ארויסדרייען און איר צוליב געטאן... פון רחמנות־וועגן. „זי קען זיך נאך, חלילה, אנטאן א מעשה..."

שפעטער, ווען בעלע, אגב זייער א קלוגע און אינטעליגענטע פרוי, וועלכע איז אויך געווארן א לערערקע אין אונדזער שולע, האט אים באשאנ־קען מיט א בחור, האט ער זי שטארק ליב באקומען.

אן אנאלאגישע לעבנס-פאסירונג האט שפעטער געטראפן מיט יצחקן.

א ווונדערבארער מענטש איז ער געווען! די אפפערווויליקייט פון משהן איז געווען דער „מאמעדיקסטער" שטריך פון זיין הארציקער נשמה. בלויז מידות טובות, גוטע מעשים, סאמאראדנע שניר פערל, קרישטאל-ריינע וועגן, ציען זיך במשך זיין קורצן לעבן ביזן לעצטן טאג פון זיין „גליקלעכן" טויט...

משה איז דערטרונקען געווארן פונקט א יאר פארן אנקומען פון אשמדאים מלחמה. דאס איז געשען אין יולי 1938, אויף דער הכשרה־קאלאניע אין וולאדזשימיעזשוו, ביי פיעטריקאוו. דארט האט יצחק מיט בערלען איינגעארדנט פאר עטלעכע הונדערט תלמידים אן אגראנאמישע צוגרייטונג פאר ארץ ישראל. דארט איז אויך געווען דער „בכבודיקער, גליקלעכער טויט" פון משהן.

ער האט געהיט א גרופע קינדער, וועלכע האבן זיך געבאדן אין טייך. דערזעענדיק פלוצים, אז צוויי פון זיי האלטן ביי טרינקען זיך, האט ער זיי ארויסגעראטעוועט און אליין, אן אויסגעשעפטער, דערטרונקען געווארן.

זיין יונג לעבן, נאך נישט קיין פערציק יאר אלט געווען, האט ער, קרבנותפול, אזוי, ווי ער איז עס געווען, אוועקגעגעבן פארן פרייז פון צוויי פון זיינע תלמידים... זענען כאטש זיי ביים לעבן געבליבן?...

***

דער יינגסטער און איינציק לעבן־געבליבענער, אים צו לאנגע יארן, פון מיין גאנצער משפחה, איז אונדזער מיזינקל, אברהם.

א ווייסינקער, ווי אַ פּודעל, איז ער געווען ביי אונדז אַ צאַצקעלע, מיט וועלכער מיר האָבן זיך געשפּילט. זיין נאָמען פלעגט מען, מיט ליב־שאַפט, אַלץ מער און מער פאַרציען. פון אברהם, אויף אברהמעלע און פון דעם איז געוואָרן „עמעלע". אזוי פלעגן מיר אים רופן. פון דער צאַצ־קעלע איז געוואָרן אַ „צאַצקע..." ער האָט מיטן חוש פון קינדער־דעספּאָ־טיזם דערפילט און אויסגענוצט זיין פּריווילעגירטע ראָלע פון אַ מיזינקל, פלעגט אָפטאָן פאַרשידענע שמד־שטיקלעך אונדז און אַלע ארומיקע.

מוסיא יוזעפאָוויטש, אַ שכנה, באַליבט צווישן דער גאַנצער ליטע־ראַרישער משפחה, וועלכער ער איז אין די ביינער אריינגעקראָכן, האָט אים אָנגערופן „ווייסער שטשור!..", צוליב וואָס זיין כעס אויף איר פלעגט נאָך מער שטייגן.

אויף עמעלען האָבן זיך שוין אַלע אין שטוב פאַרמאָסטן, אַז חוץ מיר זאָל כאָטש איינער פון די יינגלעך ענדיקן גימנאַזיע, ענדיקן און וויי־טער שטודירן, ברעכנדיק דערמיט די טראַדיציע פון לערעריי, וואָס ביי אונדז איז עס שוין געוואָרן אַ מאַסן־דערשיינונג: ברידער, שוועסטער, שניר און אָן איידעם, ד. ה. מיין מאַן. אַלע האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער שולע, וועלכע האָט דורך דער אָנשטרענגונג פון דער גאַנצער משפחה זיך פאַרוואַנדלט מיט דער צייט אין אַ גרויסער מיטל־שול — די קאַצענעלסאָן־גימנאַזיע אין לאָדזש.

מיר האָבן זיך געגעבן אַ נדר כאָטש איינעם פון צווישן אונדז ארויס־ראַטעווען פון מלמדות. אונדזער ווונטש איז געווען צו מאַכן פון עמעלען כאָטש אַ דאָקטאָר... אויך אַ יידישע מלאכה! מיר האָבן אונדזער ציל טייל־וויז דערגרייכט. אברהם איז דער איינציקער צווישן אונדז, וועלכער איז נישט געוואָרן קיין לערער. קיין דאָקטאָר איז ער אָבער אויך נישט געוואָרן, ער איז געוואָרן... אַ חלוץ.

אַלס יונגער יינגל איז ער געווען אַזוי צעפּיעשטשעט, אַז דאָס פלעגט ארויסרופן אַ פאַרביטערונג מצד אונדז אַלעמען. ער פלעגט עסן נישט אַבי וואָס!... פאַר אים איז נישט געווען קיין אָפּשטעל פאַר די געקליבנסטע מאַכלים, די טייערסטע קאָנסערוון, פרוכט, ספּעציעל אימפּאָרטירטע, וועלכע פלעגן קאָסטן צענדליקער זלאָטים. פון אים אַליין פלעגן פון דעליקאַטעסן

געשעפט אָנקומען היפשע חשבונות. די מאַמע אָבער פלעגט זיך דערביי פרייען, אַז דער מיזיניקל עסט. „גיט אַ קוק אויף אים, נעבעך! אַ דאַרער „באַכט!", הויט מיט ביינער! ער זאָל, חלילה, אין טשאַכאָטקע נישט אריינפאַלן!"...

אין אַ שיינעם טאָג האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז עמעלע איז אריין אין „גורדוניה". ס'איז ביי אונדז געווען אַ שמחה, אַז לכל הפחות וועט ער ווערן אביסעלע געלאַסענער און ווייניקער צעפּיעשטשעט. איינמאָל איז גע-קומען צולויפן מיין שוויגערמוטער נאַכומאָוו און מיט איר פרייליכן און וויציקן אופן פון דערציילן האָט זי אונדז איבערגעגעבן דאָס פאָלגנדיקע: דורכגייענדיק דעם לאָקאַל פון די „חלוצים", האָט זי פון דאָרט דערהערט עמעלעס קרעכצנדיק קול. „...אוי... כ'האָב נישט געוווּסט, אַז ס'איז אַזוי... שווער!" אריינקוקנדיק אינעווייניק, האָט זי דערזען אונדזער מיזיניקל מיט פאַרקאַשערטע הויזן, באָרוועס, וואַשנדיק די פּאָלן פון „גורדוניה". ווען עמעלע איז אַהיים געקומען, האָט יצחק געמאָלדן, אַז היות עמעלע איז גע־וואָרן פּראָדוקטיוו, וועלן מיר פון היינט אָן און ווייטער אים שוין מער נישט רופן „ווייסער שטשור", נאָר — אונדזער חלוץ.

ס'איז געווען אין די צייטן פון דער „גראַבסקי-עליה", וועלכע האָט זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל און צוריקלויפן פון ארץ־ישראל. עמעלע איז געקומען מיט אַ מעלדונג, אַז ער האָט אַ „פּריקאַז" פון זיין „נאַטשאַלסטווע" עולה צו זיין.

די מאַמע האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַוועקלאָזן דעם „דאַרן באַכט", אָבער ס'האָבן נישט געהאָלפן נישט דער מאַמעס טענות, נישט געוויין. אונדזער עמעלע האָט זיך פאַרעקשנט. יצחק, וועלכער האָט לכתחילה צוגעהאָלפן דער מאַמען, עצהנענדיק עמעלען צו שטודירן און פאָרן קיין ארץ ישראל, כאָטש אַלס אַגראָנאָם, האָט שפּעטער געביטן זיין מיינונג, זע־ענדיק אַז ער וועט אַנדערש גאָרנישט אויפטאָן. ער האָט אָנגעהויבן צו האַלטן לעקציעס וועגן בנין הארץ, פּונקט ווי אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונ-גען אָדער ווי אין די חלוצישע הכשרות, אַז אַזעלכע נחשונים־עקשנים זענען נייטיק דאָרטן, ווייל נאָר מיט עקשנות וועט מען דערלעבן די גאולה שלמה. הכלל, עמעלע איז אַלס חלוץ אַוועק קיין ארץ ישראל. ער פלעגט צו

אונדז שיקן באַגייסטערטע בריוו, אָבער מיר האָבן פון קרובים אָנגעהויבן צו באַקומען אומדירעקטע ידיעות וועגן „אונדזער חלוץ". פון די דאָזיקע ידיעות איז די מאַמע שיעור נישט אַוועק פריצייטיק פון דער וועלט!... אונ־דזער חלוץ, כדי צו גרינגערן דעם קבוצה־באַנד, האָט זיך אָנגעדונגען אין חיפהער פּאָרט אַלס פּשוטער טרעגער... דער „דארער באָכט" האָט אויף זיינע הויט און ביינערדיקע פּלייצעס געטראָגן שווערע קאַסטנס און משאות.

דער געוויין און געיאָמער פון דער מאַמען איז געווען אומבאַשרייב־לעך. „ברענגט מיר צוריק עמעלען! ברענגט מיר אים וואָס שנעלער אַ לע־בעדיקן!..." זי האָט אים אָנגעהויבן צו פאַרוואַרפן מיט בריוו.

אויף דעם אַלעמען פלעגט אונדזער חלוץ שטאָלץ ענטפערן: „אויס קאַטשקעלעך מיט גענדזועלעך! אויס מאַרציפּאַנעס! איך בין געפאָרן נישט צוליב די גליקן... אַא"וו".

ערשט נאָך צען יאָר איז אונדזער חלוץ געקומען קיין לאָדזש. ס'איז געווען אין 1935, איידער איך בין געפאָרן קיין אורוגוויי. ער איז געקומען מיט זיין פרוי און זונעלע, בנימין, אַ נאָמען נאָך אונדזער טאַטן. טאַטע־מאַמע האָבן שוין נישט געלעבט...

אין 1939, נאָך משהס דערטרונקענע ווערן, איז עמעלע געקומען מנחם אבל זיין... צום גליק אַליין. ער איז אַריינגעפאַלן אין סאַמע מלחמה, עס האָט אים אָבער אַרויסגעראַטעוועט זיין ארץ־ישראל פּאַספּאָרט.

מיין ברודער, דער חלוץ, איז היינט צוריק אויף זיין פּאָסטן... אין שפיים. אברהם קאַצענעלסאָן איז פאַרבליבן דער איינציקער פון מיינע ברידער... אינעם אויסגעטרוימטן, איינציקן אָרט פון די קאַצענעלסאָנס... אין ארץ ישראל!..

קאַפּיטל 5

קאַרעליטש — יצחקס געבורט-שטעטעלע

צווישן די אומענדלעכע, געדיכטע און שמעקעוודיקע וועלדער פון דער מינסקער גובערניע, פונקט ביים גרויסן טראַקט פון דער קייזערין קאַטע-רינע, דעם ברייטן שאָסיי, וואָס פירט אין די „גובערנסקע" שטאָט מינסק, 24 וויאָרסט פון מיר, 22 פון נאָוואָגרודעק און עטלעכע צוואַנציק פון באַ-ראַנאָוויטש האָט זיך... אַמאָל געפונען קאַרעליטש... איינע פון די הונ-דערטער פולסירנדיקע מיטן ווירוואַר פון יידישן פולבלוטיקן לעבן, שיינע, יידישע שטעטעלעך, אַזוי היימישע, האַרציקע, אונדזעריקע...

איינער פון די באַקאַנטע גרויסע פּריצים פון דער דאָזיקער געגנט, אַן אוהב ישראל, מיטן נאָמען קאַרעליטש האָט באַשלאָסן זיינע גיטער צו אַנטוויקלען. האָט ער אין דער גובערניע, אין מינסק אַליין, זיך אויסגעפו-נען אַ גאָר בכבודיקן יידן און אים דאָ באַזעצט אַלס אַרענדאַטאָר. דער דאָזיקער ערשטער תושב האָט אַראָפּגעבראַכט אַנדערע יידן, קודם-כל זיי-נע קרובים, פון וועלכע איינער איז געווען אַ קרעטשמער. און אַז עס איז דאָ אַ קרעטשמע, באַווייזן זיך גלייך גויים! זיי האָבן ביים פּריץ אָפּגעדונ-גען וועלדער און פון זיי געמאַכט דערפער און פעלדער. יידן האָבן אָנ-געהויבן צו האַנדלען מיט האָלץ און שפּעטער מיט תבואה. אַזוי אַרום איז געוואָרן דאָס באַרימטע שטעטעלע קאַרעליטש, אַ ליטיש, גאָר, גאָר לי-טיש שטעטעלע, נישט ערגער פון אַנדערע אין דער גובערניע! דער אַלטער, גאָר אַלטער בית עולם, די אַלטע שול, מיט אירע קינסטלערישע, פיינע שניצערייען, האָבן עדות געזאָגט וועגן, לכל הפּחות, אַ 600-יאָריקן שטאַרקן יידישן לעבן.

דאָס שטעטל קאַרעליטש איז געווען פאַרביק געבויט און האָט גע־האַט אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע פון איר סאַמע צענטער אַרויס, דאָס איז פונעם מאַרק וואָס איז געשטאַנען אויפן העכסטן באַרג פון דער געגנט און פון דאָרט אַרויס האָבן זיך געצויגן. באַרג־אַראָפּ אַלע געסלעך. „אַראָפּ-באַרג" פלעגט מען זאָגן ביים ענדע פון שטעטל, וווּ ס'האָבן שוין געוווינט פּויערים און דערהויפּט באַזיצער פון סעדער און גערטנער. בשעת גרויסע רעגנס פלעגט דאָרט זיין אַ פאַרפּלייצעניש און די ביימער פלעגן כמעט שטיין אונטערן וואַסער, אָבער דאָס האָט נישט געשאַדט, אדרבא, יידן פלעגן דעמאָלט זיך טאָפּלט פרייען: ראשית, צוליב די ביימער, וועלכע זענען זיך מחיה פון די לעצטע היצן, והשנית, ווייל זיי, אויפן באַרג, זע־נען ב"ה פאַרהיט פונעם מבול. דער גורל פון די סעדער און גערטנער איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער פּרנסה פונעם רוב יידן, ווייל זיי זענען דאָס געווען די אָרטיקע אַרענדאַטאָרס. קאַרעליטש האָט אויך געהאַט אַ סך יידישע בעלי־מלאכות און אַ היפּשע צאָל פון קלייטניקעס. מיטן גרויס-האַנדל, מיטן תבואה און האָלץ־מסחר, האָבן זיך פאַרנומען די פּני העיר, די חשובסטע אַלטע בעלי־בתים, די אַריסטאָקראַטן פון קאַרעליטש. אָבער, ווי געזאָגט, ס'רוב יידן, עמך־יידן, האָבן געפירט דעם קליין־האַנדל מיט די סעדער און גערטנער־פּראָדוקטן. מען האָט אויך געשמאַק געהאַנדלט מיט מילך־פּראָדוקטן. קאַרעליטשער קעז האָט געהאַט אַ שם איבער דער גאַנצער גובערניע.

אויך מכוח יידישקייט איז קאַרעליטש נישט אָפּגעשטאַנען פון אַלע אַנדערע מיוחסדיקע שטעטלעך. דער כסא הרבנות איז אַלעמאָל געווען פאַרנומען מיט די שענסטע פּערזענלעכקייטן. שולן, ישיבות, חדרים, ווו אַלע, בפירוש, אַלע יידישע קינדער, האָבן געשעפּט פון יידישער תורה און חכמה. קיין עם־הארצים, חלילה, זענען אין קאַרעליטש נישט געווען בנמצא. אפילו די וואַסער־טרעגערס האָבן דאָרט געקענט אַ פּרק משניות.

ביי אַלע זייטן פונעם גרויסן טומלדיקן מאַרק, אויפן שפּיץ באַרג, האָבן זיך געצויגן לאַנגע שורות מיט קראָמען, קלייטן פון אַלע מינים, דערהויפּט שניט-סחורה. אָבער האָט דען עפּעס, חלילה, געפעלט פון אַנ-דערע זאַכן? אחינו בני ישראל האָבן אַלץ געהאַט אין זכרון! פון וואָס נאָר

א מויל קען עסן און פון וואס נאר א קאפ, א יידישער קאפ, קען גערעד־קען — האט איר געקענט געפינען אין די אלע קראמען און קלייטן!...

ביים אנהייב פון איינער פון די דאזיקע שורות מיט קלייטן איז גע־שטאנען דער איינציקער, טראדיציאנעלער שטאט־ברונעם, וועלכער איז געווען דער שטאלץ פון קארעליטש. יעדן גאסט, וועלכער פלעגט אנקור־מען פון דער גובערניע־שטאט, דאס הייסט פון סאמע מינסק, פלעגט מען קודם כל ווייזן דעם דאזיקן ברונעם, וועלכער איז געווען א זכר נאכן ערשטן קארעליטשער תושב ז"ל, דעם גרינדער פון קארעליטש, דעם יהודי הראשון, דעם ערשטן ייד פון שטעטעלע. דער ערשטער ברונעם פון קא־רעליטש געפינט זיך נעבן דער ערשטער קרעטשמע. במשך פון הונדערטער יארן איז תמיד דארט געווען דער זאמלפונקט פון מענטשן און פערד. די פערד פלעגן דארט באקומען פריש וואסער און די מענטשן פלעגן זיך אנ־טרינקען מיט פרישן שנאפס, אפטמאל וואסערדיקן, צוליב וואס ס'פלעגט אפט קומען צו סכסוכים צווישן גויים מיטן קרעטשמער. דערפאר איז דארט אויך געשטאנען איינער פון די געציילטע פאליציילייט. דער „גאראדא־וואי" האט געהיט די שיכורים, זיי זאלן זיך נישט צו ערנסט צעהרגענען. ער פלעגט זיין ארבעט אפטון בשלימות, כאטש ער איז דערביי אליין אויך געווען בגלופין... די קרעטשמע, ווי די קרעטשמע, פון דארט ארויס פלעגן נישט אלעמאל אנקומען ניכטערע געדאנקען, אבער דער ברונעם, דער שטאט־ברונעם איז געווען באמת א מקור פון די נייעסטע ידיעות, בפרט אין די צייטן ווען צייטונגען האט מען נאך נישט געלייענט. די לעבעדיקע צייטונגען זענען דעמאלט געווען די בעלי־עגלות. יידישע בעלי־עגלות פלעגן ארומרייזן איבער אלע תפוצות הארץ און פלעגן דערפאר ברענגען די סאמע צאפלדיקסטע ידיעות פון דער גארער וועלט. בפרט ווענן די פאגראמען אויף יידן, וואס פלעגן פארקומען אין די ווייטע גע־גנטן פון טיף רוסלאנד, אזש פון דער גאר ווייטער מאסקווע, ווו ס'איז דאן געווען דער ערשטער גירוש... און די דורשטיקע נאך נייעס קארעלי־טשער פלעגן באלד זיי ארומרינגלען, די ערשט־אנגעקומענע, בשעת זיי פלעגן אנטרינקען זייערע פערד ביים ברונעם. די בעלי עגלות פלעגן תיכף זמיד מיט צופרידנקייט איבערגעבן אלע בשורות, זעלטן אבער זענען עס

געוועזן בשורות טובות!... זיי האָבן געוווּסט, אַז יידן לעכצן צו וויסן וועגן די יידישע צרות, די עינויים, וואָס מ׳שטייט אויס נעבעך אין דעם ביטערן גלות... און משיח וויל אַלץ נישט אָנקומען... הפנים דער כוס, וואָס עס קומט אונדז פאַר אונדזערע חטאים האָט זיך נאָך אַלץ נישט איבערגע־פולט... אַלטע יידן פלעגן פרום זיך שאָקלען און זייערע ליפּן פלעגן תפילה זאָגן דערביי... ווייבער, דערהויבט אַלטע יידענעס, פלעגן זיך שטאַרק אויפן קול, צעוויינען... אויך יונגע, באַחנטע מיידלעך פלעגן כאַפּן אַ כליפּע, אָבער גלייך אויף שנעל זיך אויסוואַשן דאָס פּנים מיטן קרישטאָל־ריינעם וואַסער פונעם אַלטן ברונעם און האָבן ווידער געשיינט און זיס געשמייכלט.

אַראָפּ גאַס, דער פאַרבראַכענער, וועלכע האָט טאַקע געהייסן זאַלאַ־מאַנקע, אויפן וועג קיין נאָוואָראַדע, (נאָוואָגרודעק), אויף אַ צווייטן בערגל, ביים זייט פונעם קאַרעליטשער פּריצס הויף, איז געשטאַנען דער איינציקער פּראַוואָסלאַוונער, רוסישער קלויסטער. אויפן וועג אַהין פלעגן זיך ציען, אין די זונטיק און חגא־טעג, גאַנצע מחנות פון גויים, וועלכע פלעגן, גייענדיק צו זייערע תפילות, זיך צוקויפן אַ מלבושל אָדער גאָר־לאַנ־גע ליכט פאַר די צאַלרייכע הייליקע פונעם קלויסטער. דער גרויסער הויפּט־פּדיון פלעגט פאַר די שניט־קראָמען צופאַלן, בעת וויכטיקע חגאות פלעגן זיך צוזאַמענקומען מיט גויישע חתונות. קרעמערס פלעגן זיך דערפון פרייען און זיך באַצייטנס צוגרייטן מיט אַ גרויסן אויסוואַל פון רויטע קליידער און פלאַם־רויטע קאָפּ־טיכלעך פאַר די יונגע שיקסעס, וועלכע האָבן אַזוי אָרום געדופן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די אויסגעדינ־טע צאַרסקע סאָלדאַטן, וואָס דאַרפן, חוץ דעם לעבעדיקן בהמות־אינווענ־טאַר, אויך אַן אייגענע ווייב. דער גאַנצער מאַרק און דער וועג צום און פון קלויסטער פלעגט זיך אָנפולן מיט הילכיקע קוויטשערייען פון דער גויאישער זאַרגלאָזער יוגנט. אַלץ אַרום פלעגט זיך אויך באַדעקן מיט רוי־טער פאַרב פון די רויטע קאָפּ־טיכלעך. ס׳פלעגט דערביי פינקלען אויף דער ברענענדיקער שיין פון דער זון און פאַרבלענדן די אויגן פון די קרע־מערס גופא, וועלכע פלעגן מיט אַן אינסטינקטיוון קאַלטן ציטער אין זייע־

רע גלידער אָנווייזן אויף דער דאָזיקער רויטער פּאַנאָראַמע: זעט, זעט, אַלץ אַרום איז רויט... ווי בלוט... ווי...

פון איינער פון די זייטן פון מאַרק האָט זיך געעפנט דאָס שמאָלסטע שטאָט־געסל, אָבער דאָס מיוחסדיקסטע דערביי — דעם רבס געסל — ביי וועלכנס ענדע ס'איז געשטאַנען דעם רבס הויז. דאָס דאָזיקע הויז, דאָס גרעסטע אין קאַרעליטש, איז געווען דער שטאָלץ פון די קאַרעליטשער יידן, ווייל דאָרט האָט זיך געפונען מכמה דורות דער כסא הרבנות און דער בית עם. דעם רבס הויז איז געווען אָפן, כדי אויפצונעמען, ברייטהאַר־ציק אַלע חשובסטע אורחים, ווי אויך פרעמד־אָנגעקומענע סוחרים, וועלכע פלעגן זיך דאָ באַווייזן געשעפטלעך, אַנדערע, כדי גלאַט אַזוי צו באַזוכן דאָס אַלטע, באַרימטע יידישע שטעטל און אָנצוקוקן זיינע מערקווירדי־קייטן.

אין די צייטן פון דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה, ווען דער פראַנצוי־זישער וועלט־דעראָבערער האָט ביים טייך בערעזינא געקעמפט קעגן דעם רוסישן גענעראַל קוטוזאָוו, זענען זיך די יידן פון דער גרויסער שטאָט באָברויסק צעלאָפן איבער די אַרומיקע געגנטן. מיטן דאָזיקן שטראָם פון עמיגראַציע פון דער שטאָט באָברויסק האָט זיך אויך אָפּגעריסן אַ טייל פון דער פאַרצווייגטער משפחה קאַצענעלסאָן, וועלכע האָט פאַרנומען דורך אירע דירעקטע און אומדירעקטע מיטגלידער דעם כסא הרבנות פון אַ סך שטעט און שטעטלעך פון רייסן (ווייסרוסלאַנד) און ליטע.

אויך אין קאַרעליטש איז דער רב, ר' יצחק יחיאל ז"ל, געווען פון דער דאָזיקער משפחה. און ווען זיין קליגסטע און שענסטע טאָכטער, הענדע, איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן דער חלום פון די בעסטע בחורים פון ווייט, ווייט אַרום, האָט דער רב נישט געקענט געפינען קיין פּאַסי־קערן חתן, ווי איר אייגענעם קוזין. — „ווער איז דען פון אַ גרעסערן יחוס, ווי אונדזער משפּחה?" און אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן דער שידוך צווישן הענדע דעם רבס און זיין פּלימעניק, דעם עלוי בנימין יעקב קאַ־צענעלסאָן פון קאַפּוליע. (מיין מאַמע פלעגט תמיד מיט אַ געלעכטער זאָגן, אַז דאָס איז געווען איר ערשטע „קאַפּוליער אָנצוהערעניש").

דאָס איז געשען פּונקט אין 1882, אין די יאָרן פון דער ערשטער

רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דער „נאַראָדנאַיא וואָליא" (פאָלקס־פרייהייט), נאָכן אַטענטאַט אויפן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. דער געלונגענער אַטענטאַט האָט אויפגערודערט די מוחות פון דער גאַנצער רוסישער אינטעליגענץ און דער רושם איז דערגאַנגען אויך צו די פּיאָנערן פון אונדזער השכלה. אָבער די אַלמעכטיקע צאַרישע רעאַקציע פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן האָט דערשטיקט דעם אויפשטאַנד, פאַרשיקט זיינע בעסטע פירערס אין די קאַטאָרגעס פונעם ווייטן סיביר און צעיאָגט די מחנות פון די קלענערע רעוואָלוציאָנערן איבער די שטעט און שטעטלעך פון גאַנץ רוסלאַנד. די גויאישע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך אפילו קאָנצענטרירט איבער די דערפער, דאָרט געוואָרן לערערס. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געהייסן: „גיין אין פאָלק אריין..." יידישע נאַראָדאָוואָלצעס האָבן זיך אָבער באַזעצט כמעט בלויז אין די שטעט און שטעטלעך, ד"ה צווישן עמך. דאָרט האָבן זיי אָנגעהויבן אויפצוקלערן, מחיה מתים זיין די יידישע יוגנט. מען האָט אומעטום געגרינדעט ביבליאָטעקן. דאָרט פלעגן זיך פאַרזאַמלען בחורים און מיידלעך. לציס פלעגן עס רופן שדכנים־שטיבלעך, בייזע צינגער — נאָך מיט אַן ערגערן נאָמען... די ערנסטערע יוגנט האָט אָנגעהויבן צו לייענען ביכער וועגן סאָציאָלאָגיע און פּאָליטישער עקאָנאָמיע, דאָס רוב אָבער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער בעלעטריסטיק אין רוסיש, העברעאיש און יידיש. מען האָט אָנגעהויבן צו שלינגען ראָמאַנען פון דער וועלט־ליטעראַטור און מיידלעך פלעגן זיך פאַרליבן מיט שמרס ווערק.

די דאָזיקע רענעסאַנס האָט אויך נישט אויסגעמיטן דאָס שטעטעלע קאַרעליטש. חוץ דער ביבליאָטעק, האָט זיך דאָרט אפילו געגרינדעט אַ דראַמאַטישער טעאַטער־קרייז, צו וועלכן עס האָט אָנגעהערט אפילו הענדע דעם רבס. די צניעותדיקע ווייבער און פרומע מענער פון שטעטל האָבן שוין געוואָרט מיט אומגעדולד, אַז הענדע וועט חתונה האָבן, וועט זי זיך דערוויטערן פון דער „באָסער קאָמאַנדע". מען האָט מיט שפּאַנונג אויסגעקוקט, ווי וועט עס אויסזען הענדעס באַשערטער, איר קוזין, אַ באַקאַנטער תלמיד חכם. מען האָט מיט נייגער געוואָלט שוין זען „דעם געקוילעמענעם". אַזוי פלעגט מען רופן אַלע די, וועלכע זענען נישט געווען געבוי־

רענע קארעליטשער. און דער געקומענער קאצענעלסאן, אלס איידעם פון רב, האט נאך געהאט מזל, ווייל צו גאר ווילד פרעמדע געקומענע פלעגט מען זיך באציען מיט ביטול און אפטמאל מיט שנאה.

„דער געקומענער" רבס איידעם האט איבערראשט אלעמען. מען האט פאר זיך דערזען א שיינעם, הויכן יונגנמאן, מיט א געפוצט גויאיש בערדל, און נייגעריקע אויגן האבן אים דערכאפט, אז ער זיצט און לייענט ביכער מיט א בלויזן קאפ... שפעטער האבן זיך שוין דערטראגן קלאנגען, אז ער איז געכאפט אין דער מעשה — ער לייענט גאר לשון קודש ביכער — נישט קיין ספרים און יש אומרים, אז אפילו גויאישע ביכער אויך. אנדערע ווידער האבן „דעם געקומענעם" געזען אפילו אין וואלד אליין שפאצירן. ער איז געגאנגען אן א יארמולקע, האט געקוקט ארום זיך, אפילו צו די הימלען און עפעס אויף שנעל אריינגעשריבן אין א קליין ביכעלע... ווער ווייסט וואס פאר אן אפיקורסישע זאכן ר"ל ער שרייבט אלץ איין, ווייל קיין ספר תורה אדער מזוזה וועט ער דאך אין וואלד און מיט גילוי ראש נישט שרייבן... חוץ דעם איז דער וואלד אן ארט פון אלע פושעי ישראל, די בונטאוושטשיקעס און וואס האט דארט צו טאן דעם רבס איי-דעם?...

מיט דער מילנער-גאס, בארג־אראפ, צום וואלד צו, פלעגן זיי גיין אלע אוונטן, די אפיקורסים, די קראמאלניקעס. זיי פלעגן דארט גיין אין פאר-לעך, יונגעץ מיט מיידן צוזאמען, געארעמט, געגאנגען כלומרשט שפאצירן, אבער אריינקומענדיק אין וואלד אריין, פלעגן זיי דארט רעדן קעגן קייזער אליין און אפילו קעגן גאט, קעגן רבנים און גלחים, רייכערן פאפיראסן און פראוועץ אנדערע הפקרות... אפטמאל פלעגן זיי זיך נאך קבלת שבת, ארייגרייסן אין שול אריין, אראפרייסנדיק דעם שלאס, דארט אנמאכן אן אמתן חורבן, אנווארפן א פולן פאל מיט פאפירלעך און — א חרפה און א בושה פאר גאט און פאר לייט — באדעקן דעם פאל, די בענק און דעם בעלעמער מיט פאפיראסן, מיט וועלכע זיי פלעגן בפרהסיה מחלל שבת זיין און לעסטערן גאטס הייליק הויז... צו דער גרעסטער פארביטערונג פונעם שמש און די גבאים פלעגן זיי נאך איבערלאזן א חוזק בריוול. אינעם דאזיקן מכתבל פלעגן זיי שרייבן בזה הלשון: ר' תרח — מיר זענען אלע

אויף א דרך!... זומערצייט, אין די גרויסן היצן, פלעגט מען זיך נאך אפּ־שטעלן אין מיטן וועג צום וועלדל,ביים ביעראזאווער טייכל, ביי דער מיל. דער מילנער ר׳ גבריאל פלעגט פון זיי זיך אויך גוט אנלײדן. געברענ־טע צרות פלעגן זיי אים אנמאכן, די דאזיקע ווייסע חברהניקעס... קוים געוועזן פטור צו ווערן פון זיי און חוץ אלעמען פלעגט ער נאך מוזן, עד לחשבון, זיי מכבד זיין מיט פרישע מילך און ברויט מיט פוטער דערצו! „אנדערש", פלעגט ר׳ גבריאל טענהן צו זיך אליין: „אנדערש פּאסט זיי נישט פאר זייער טאטן דעם פּיאניצע!..." נישט אומזיסט האבן זיך אזוי געשראקן די חשובע באלעבאטים פון קארעליטש: מ׳זאגט, אז איינער פון די דאזיקע חברהניקעס איז געוועזן דער היינטיקער „גדול בגויים", קאגא־נאוויטש, סטאלינס רעכטע האנט.

הכלל — דאס שטעטל קארעליטש האט געהאט געברענטע ענויים, האט זיך געענוג אנגעליטן פון דער חברותא און דערצו, אויב דאס איז נאך געווען צו ווייניק, האט נאך דער רש"ע זיי געשטראפט מיט אן אנדער מכה, א צרה אן אומדערווארטע: הענדע דעם רבס האט אויך ארייננגע־כאפּט יענעם תכשיט, אן אמתער אפיקורס! ווען נישט דער דרך־ארץ פאר רב אליין, פארן ליבן ר׳ יצחק יחיאל, א ייד א צדיק, א חכם און א גרויסער בעל טובה דערצו, וואלטן זיי אנדערש געהאנדלט מיטן „אנגעקומענעם". פון דער גוטהארציקייט פון מיין זיידן פלעגט מען דערציילן גאנצע וווּנ־דער מעשיות. ער האט געטון טובות נישט נאר ארום זיך, נאר אפילו גע־וועזענע ישיבה חברים, ווי ר׳ אליהו חיים מייזל, דעם לאדזשער רב, וועלכן ער האט מיט געלט אויסגעהאלפן, איידער ער האט פארנומען דעם גרויסן כסא הרבנות. דער סוף איז געווען, אז מיין זיידע האט אים דעם חוב נישט געמאנט און דער לאדזשער רב, דער צדיק, וועלכער האט קיינמאל קיין געלט נישט געהאט, כאטש ארום אים זענען מענטשן נתעשר גע־ווארן, האט זיך ווען דאזיקן חוב נישט דערמאנט...

און מיין טאטע, ר׳ בנימין יעקב קאצענעלסאן, דער אויפגעקלערטער עילוי, האט נישט געקענט פארבלייבן אין דער דאזיקער סביבה, נישט אויסגעהאלטן אפילו די יארן פון צוגעזאגטע קעסט. ער איז ארויסגע־

פאַרן אַליין, ווייל אין קאַרעליטש האָט ער נישט געהאַט קיין גלייכע צו זיך, דאָס הייסט משכילים פון זיין שניט.

די מאַמע איז פאַרבליבן אַליין אין איר שטעטעלע קאַרעליטש, צו-זאַמען מיט אונדזער עלטסטער שוועסטער, שיינדלען. די מאַמע איז אויך איבערגעוואקסן איר אייגענע סביבה, די ענג־דאָגמאַטישע, רבנישע און האָט פאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע פאַרלירט זיין צייט אין קאַרעליטש, אַז זיין אָרט איז אין די גרויסע יידישע ישובים, אַז ער דאַרף אַרויסגיין אין דער גרויסער וועלט. דער טאַטע איז אַרויסגעפאָרן קיין קרעמענטשוק, וווּ עס האָט זיך דערעפנט אַ ספּעציעלער סעמינאַר פאַר רעגירונגס־רבנים. דאָס איז געווען פּאַסיק פאַר אים אַלס אַן עלוי און אויפגעקלערטער דערצו און דאָס איז געוואָרן די שטרעבונג אויך פון דער מאַמען, וועלכע האָט מסכים געווען צו זיצן אין קאַרעליטש במשך פון זיבן יאָר אַליין. במשך פון יאָרן פלעגט דער טאַטע צופאָרן קיין קאַרעליטש אויף פּסח און ימים נוראים. בלויז ראש חדש תמוז. פון יאָר 1887, ווען ס'איז אויף דער וועלט געקומען זיין בכור, איז ער אייליק אַראָפּגעקומען, שוין פון וואַרשע, וווּ ער האָט געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון „האשכול". ער האָט דע-מאָלט פאַרבראַכט אין קאַרעליטש עטלעכע וואָכן, ווייט איבערן ברית, וועלכער איז פאָרגעקומען מיטן גרעסטן פּאַראַד פאַרן גאַנצן שטעטל, לכבוד דעם געבורט פון דעם רבס אייניקל, וועלכער וועט טראָגן נאָך אים אַ נאָמען — יצחק יחיאל און זיין גייסט וועט רוען אויף זיין נאָכפאָלגער, וועלכער וועט מיט אַזאַ נאָמען אי"ה זיין געראָטן אין זיין זיידן.

דער ענטוזיאַזם פון גאַנץ קאַרעליטש איז געווען גרויס און קינד און קייט האָבן זיך געפרייט מיטן געבורט פונעם קליינעם יצחק יחיאל. נישט קלענער, פאַרשטענדלעך, איז געווען דער ענטוזיאַזם אין רבס הויז, די שמחה פון מיין טאַטע־מאַמע גופא. עס האָט זיך געפילט מחוץ און אין דער אייגענער סביבה, אַז עס איז געבוירן געוואָרן די קרוין פון אונדזער שטוב.

קאפיטל 6

יצחקס ערשטע יאָרן

יצחקס האַדאָוואַניע איז צוגעגאַנגען זייער שווער — עפּעס, לא עליכם, אַלע קרענק, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, פלעגן זיך צו אים צו־טשעפּען. צום רומל איז נאָך צוגעקומען די ענגלישע. באַציענדיק זיך צו זיין ענגלישער קראַנקהייט, פלעגט ער אין זיינע דערוואַקסענע יאָרן, קאָ־מענטירנדיק די ענגלישע פּאָליטיק, וועלכע ער האָט גאָר גוט תופס גע־ווען, תמיד אַרויסזאָגן: „דאָס יידישע פאָלק ליידט פון ענגלישער קרענק...״ אין באַצוג צו אַנגלאָפילן פלעגט ער צוגעבן: „אויף ענגלישער קרענק האָב איך געליטן אין מיינע ערשטע קינדער־יאָרן! איצט גיי איך אַליין און מיט אויסגעגלייכטע פיס...״

די ענגלישע קראַנקהייט האָט תחילת אָפּגעשטעלט זיין פיזישע אַנט־וויקלונג אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט אויפגעהערט צו גיין און דערצו באַ־קומען אַן אומפּראָפּאָרציאָנעלן גוף, מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַן אויפגע־בלאָזענעם בויך. די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק פון זיין פיזישן געבוי איז אים אויף תמיד געבליבן, כאָטש ער איז אויסגעוואַקסן געזונט ווי אַ ריי־בעלע. אַז מ׳פלעגט אים שפּעטער באַמערקן, אַז ער איז צו דיק, פלעגט ער, פּאַטשנדיק זיך מיט אַ ביטול אין בויך, ענטפערן: „אַן ענגלענדער! זאָל ער גיין אין דער ערד!...״

די מאַמע, די באָבע און די גאַנצע משפּחה האָבן געהאַט פון יצחקס שווערער האָדאָוואַניע צו זינגען און צו זאָגן. דער קליינער יצחק יחיאל האָט געגעבן אַרבעט אַלעמען — אַלע בני בית פון רבס הויז. מיט איין

זאך האט מען זיך געטרייסט: דעם קינדס גרויסע, לעבעדיקע אייגעלעך, זיין הויכער שטערן אויפן גרויסן קאפ, האבן בולט באוויזן סימנים פון קלוגשאפט. זיין גאנצער אויסזען און אויסדרוק פון געזיכט פלעגט ציען די אויפמערקזאמקייט פון אלע אריינגייערס אין רבס הויז.

און אויב ס'איז געגאנגען שלעכט מיט זיין ערשטער דערציאונג, איז נאך צוגעקומען א שפאגל נייער אומגליקלעכער צופאל, וועלכער האט גורם געווען, אז יצחק איז געווארן — א שטאמלער. פאר די, וועלכע האבן אים געקענט אלס א שפרודלדיקן, שיינעם רעדנער, וועט עס באמת זיין א וווּנדער זיך צו דערוויסן, אז יצחק איז אין זיינע קינדער־יארן געווען בפירוש א שטאמלער. ווי אזוי ער איז געווארן באפרייט פון דעם מום — איז אן ענין אויף שפעטער צו דערציילן, אבער ווי אזוי עס האט זיך צו אים גענומען די שטאמלעריי, וועל איך איצט דערציילן. דאס איז געקומען — צוליב... לאסקען.

די מאמע האט געהאט א חברטע מיטן נאמען לאסקע שימשעלע־וויטש, איינע פון די אויפגעקלערטסטע מיידלעך פון קארעליטש — די רעדלפירערין פון דער ביבליאטעק. פונקט ווי זי איז געווען פעאיק און אינטעליגענט, אזוי איז זי אויך געווען העסלעך מיט איר פיזישן אויס־זען. קיינער אין שטעטל האט זיך נישט געוואלט מיט איר חברן, פון בחורים שוין אפגערעדט, אפילו די מיידלעך פלעגן זיך שעמען מיט איר צוזאמען אין גאס ארויסגיין, ווייל איר אויסזען איז פשוט געווען א קארי־קאטור. איר אייגענע מוטער האט זי געהאלטן פאר א פארזעעניש און זי מיט חוזק גערופן „מיין גלייבע". דער דאזיקער אויסדרוק האט זיך גענו־מען דערפון, וואס איר גאנצע פיגור איז געווען פון אויבן אראפ א גליי־כע ווי א קלאץ, אן א טאליע. אפילו איר פנים איז געווען ווי פון א שטיק רוי מאטעריאל: די אויגן אויסגעשטשירעטע, ווי פון א סאווע, די נאז — א בולבע, ליפן — ברייטע און פלאטשיקע ווי צוגעקלעפטע. איר אויסער־געווענלעכע מיאוסקייט איז אבער געגאנגען פאראלעל מיט איר אלגעמיי־נער אינטעליגענץ, פעאיקייט צו שפראכן און, כדי אויסצופירן דעם עיקר הדבר, צו כלערליי האנטארבעטן. לאסקע פלעגט צום ביישפיל העקלען די שענסטע זאכן. קיין בעסערע און גרעסערע קינסטלערין אין העקלען איז

נישט געווען צו געפינען אין גאנץ רייסן. אירע ארבעטן פלעגן אוועקגיין אלס מאָדעלן אין מינסק און פון דאָרט אפילו אזש אין דער סאמע רעזי־דענץ פון דער רוסישער אימפעריע — קיין פעטערבורג.

לאסקעס מוטער, אן אָרימע אלמנה, פלעגט איר טאָכטער זייער אויסנוצן און היימן אָרבעטן טאָג און נאכט. זי פלעגט זי באהאנדלען פונקט ווי א שטיפמאמע פון די קינדער־מעשיות. אָבער לאסקע האט זיך נישט געלאָזט פון איר מאמען פארשקלאפן און ווערן אן ארבעט-מאשין. זי האָט אין זיך געהאט א באגער צו וויסן און איז מיט דער צייט געוואָרן אן „אויפגעקלערט" מיידל. ווען נישט די השפעה פון מיין מאמען, וועלכע איז געווען די איינציקע, וואָס האט זי מקרב געווען, וואָלט זי אריינגע־פאלן אונטער דער השפעה פון די רעוואָלוציאָנערן און וואָלט גאָר אפשר געוואקסן אלס אזעלכע — ווייל מעגלעכקייטן דערצו האָט זי געהאט. גע־ווען אפילו זייער א בארעדעוודיקע און מיט איר כוח הדיבור, וואָלט זי אפשר געוואָרן א בארימטע רעדנערין. זי האָט אָבער, צוליב מיין מאמעס פריינטשאפט, אָנגעהאלטן דעם אינטערעס צו יידישע לימודים און צו העברעאיש. ביי זיך אין שטוב האט לאסקע נישט געהאט קיין אנדער אָרט צום לערנען און לייענען ווי אויפן בוידעם, ווייל איר מאמע פלעגט איר צערייסן אלע ביכער. דערפאר פלעגט זי מיטנעמען, כלומרשט צום העק־לען, א קנויל וואָל און זאָגן, אז דאָרט, אויפן בוידעם, איז איר זייער באַ־קוועם און לופטיק צו העקלען.

עס האָט פאסירט איינמאָל, אין א זומערדיקן פארנאכט, ווען די צו־געפאלענע זון האָט מיט אירע מידע, לעצטע שטראלן, באדעקט די דע־כער פון די קארעליטשער הייזער און הייזקעס. לאסעניו האָט פון אונטער דעם געהעקלטן טישטוך, וועלכער איז געווען באשטעלט פאר דער פריצ־טע, ארויסגענומען שמרס א ראָמאן און אזוי זיך אין אים שטארק פאר־טיפט, אז איר האנטארבעט האט זיך פון אירע הענט ארויסגעגליטשט און אראָפגעפאלן פון בוידעם אראָפ. אויף צו להכעיס האָט עס איר מוטער גלייך באמערקט. זי האָט פון דער ווייטנס אָנגעהויבן צו שרייען און לאס־קע האָט מיטן גרעסטן פחד אָנגעהויבן צו לויפן מיטן קנויל וואָל אין

האַנט צו הענדען דעם רבס. דאָרט, אין רבס הויז, וועט איר מאַמע נישט האָבן קיין העזה צו שלאָגן און אויסצוקנייפּן גאַנצע שטיקער באָקן.

אַריינלויפנדיק צו מיין מאַמען אין צימער, האָט זי בלויז געטראָפן דעם קליינעם יצחקן, וועלכער האָט זיך רואיק געשפּילט מיט צאַצקעס אויפן טיש. ער האָט אויסגעגלאָצט אויף איר אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן. צוליב איר האַסטיקן אַריינלויפן, ווי ער וואָלט זי געפרעגט: „וואָס איז דאָס לויפעניש? וואָס איז געשען?" לאַסקע האָט עס געלייענט אין די אויגן פון דעם אַנדערטהאַלבן יאָריקן יצחקל און איז דערפון אַזוי נתפּעל געוואָרן, אַז זי האָט אימפּעטפּול אויף אים געוואָרפן דעם קנויל וואָל, וועלכן זי האָט בשעת־מעשה געהאַלטן אין האַנט. אָבער דאָ האָט געטראָפן אַן אומגליק, דער ערשטער טרויעריקער אַקצידענט אין יצחקס לעבן. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און איז אַראָפּגעפאַלן פונעם טיש, צעקלאַפּנדיק זיך דאָס קעפּל אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז אים געווען שווער אָפּצומינטערן. און פון דעם טאָג אָן האָט יצחק אָנגעהויבן צו שטאַמלען.

כאָטש לאַסקע איז שיעור נישט אַראָפּ פון זינען פונעם גרויסן עגמת־נפש און פלעגט במשך פון חדשים און יאָרן זיך באַמיען איר גרויסן פעלער צו פאַרבעסערן, האָט יצחק, וועלכער פלעגט קיינמאָל נישט טראָגן אויף קיינעם קיין האַס, שוין אין די עלטערע יאָרן, דערמאָנט די דאָזיקע פּאַסירונג מיט באַדויערן. אים פלעגט זיך תמיד אויסדוכטן, אַז דער קלאַפּ צוליב לאַסקען האָט אים געשטערט צו אַ נאָך בעסערער פעאיקייט, ווי ער האָט פאַרמאָגט. ער פלעגט זיך אָבער מיט פאַרדרוס אויף איר דערמאָנען, ווי שווער ס'איז אים אויסגעקומען צו קעמפן קעגן דעם שטאַמלען און ווי מ'פלעגט פון אים לאַכן אין חדר צוליב זיין שווערער אויסשפּראַך.

מאָדנע, ווי צום קינד האָבן זיך געטשעפּעט די משונהדיקסטע פּאַסירונגען. ווען יצחקל איז געוואָרן צוויי יאָר אַלט, און אַ שטיפער איז ער שוין געווען אַ גרויסער, איז ער אַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ באַליע מיט זודיקע וואַסער, ווו ער איז שיעור נישט אָפּגעקאָכט געוואָרן לעבעדיקערהייט... מען האָט פון אים גלייך אַראָפּגעריסן דאָס אָנצוגל, אָבער צוזאַמען מיט גאַנצע שטיקער לעבעדיק פלייש... די מהומה פון דעם הויז איז אַרי־

בערגעגאַנגען אויפן גאַס און בליץ שנעל זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל. קאַרעליטש איז אַוועק כּאַדאָראַם: „יצחקל, העגדע דעם רבס, איז געפערלעך! ער איז אַ חולה מסוכן. גאָט זאָל אים שומר ומציל זיין — אַ נאָמען נאָך אונדזער אומפאַרגעסלעכן אַלטן רב, דעם צדיק, ר׳ יצחק יחיאל ז״ל...״ פרומע יידן האָבן זיך געכאַפּט צום דאַווגען און פּראַקטישע יידע־נעס און אַפילו שיקסעס האָבן אָנגעהויבן צו טראָגן לאַדאָשקעס מיט זויער־מילך, אַ באַבסקער, אָבער אַ גוטער מיטל אויף צו היילן פרישע ווונדן. במשך פון עטלעכע טעג האָט גאַנץ קאַרעליטש און די אומגעגנט געזאַמלט זויער־מילך פאַרן קליינעם יצחקל, וועלכער איז געבעך געלעגן מיט ווונדן, אָן אָפּגעשוונדענער בפועל ממש... איין קאָמפּרעס אַראָפּ און אַ צווייטער אַרויף. די, וועלכע האָט דערביי מער פון אַלעמען געהאָוועט און געשטעלט די גאַנצע וועלט אויף רעדלעך, איז געווען לאַסקע. זי האָט מורא גע־האַט, אַז זיין שטאַמלען, אין וועלכן זי האָט זיך געפילט שולדיק, וועט איצט זיך נאָך מער פאַרערגערן. לאַנגע חדשים האָט געדויערט, ביז יצחק איז געקומען צו זיך.

און ס׳גייט נישט אַריבער אַ יאָר, ד״ה, ווען ער איז געווען דריי יאָר אַלט און ס׳פּאַסירט מיט אים אַ נייער אומגליקספאַל, וואָס האָט אים ווידער שיעור נישט געקאָסט זיין יונגן לעבן. איינמאָל איז מיין שוועסטער שיינדל, וועלכע איז געווען שוין אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט, געגאַנגען מיט אים שפּאַצירן. זיי זענען געגאַנגען פון רבס געסל איבערן מאַרק צום בערגל פון קלויסטער. דאָרט פלעגן זיי זיך ביידע שפּילן אין גראָז און זען באַרג-אַראָפּ גאַנץ קאַרעליטש ווי אויף דער האַנט. גייענדיק דורכן מאַרק, ביי איינעם פון זיינע זייטן, האָט זי זיך אויף עפּעס פאַר־גאַפּט (זי איז געווען אַ פאַרטראַכטע, אַ בעלת חלומות, איר גאַנץ לעבן). פלוצים דערהערט זי און אַלע ארומיקע מענטשן — יצחקס האַרצרייסנדיקן געשריי. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַן אָפענער טיר פון אַ וויינקעלער, ווי־דער שטאַרק זיך צעקלאַפּט דאָס קעפּל און דערצו אַריינגעהאַקט זיך אַ גרויסן טשוואָק כּמעט אין סאַמע שלייף... אַ האַלב טויטן האָט מען אים געבראַכט אהיים. אַלע דאָקטוירים פון די אַרומיקע שטעטלעך און אַ ספּע־

ציאַליסט פון מינסק איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן און מען האָט יצחקן קוים דערהאַלטן ביים לעבן.

חוץ די אַלע אויסערגעוועהנלעכע אומגליקספאַלן, האָט יצחק אַלץ איבערגעקומען — געפּאָקט און געמאָזלט, אַדורכגעמאַכט געוועהנלעכע און אויסערגעוועהנלעכע קראַנקהייטן. ווי עפּעס אַ משוגענע חולאת האָט זי זיך אָן אים אָנגעטשעפּעט... דער טאַטע, וועלכער פלעגט באַקומען בריוו קיין קרעמענטשוק, האָט בלויז געהאַט ידיעות וועגן זיינע נאָרמאַלע קינדערישע קראַנקהייטן און פלעגט די מאַמען בארואיקן, אַז ער האָפט, אַז יצחקל איז אַ קינד פון יידישן פאָלק און פונקט ווי זיין פאָלק וועט ער בשלימות אַדורכגיין אַלע צרות אַ געקרעפטיקטער.

קאפיטל 7

יצחקס חדר־יאָרן

צו די פיר יאָר איז יצחק געווען אַ שוואַך און האַרינקער ייִנגעלע. די מאַמע און די גאַנצע משפחה האָט געהאַט גרויס זאָרג מיט אים צוליב זיין שוואַכן געזונטצושטאַנד. אָבער גייסטיק, כאָטש אַ שטאַמלער, האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס רירעוודיקייט, דערביי געווען עמפינדלעך און גאָר שטאַרק געפילפול. זיין סענסיביליטעט אין די ייִנגסטע יאָרן זיינע איז געבליבן דער הויפטשטריך פון זיין גאַנצן רייפן וועזן און לעבן. פון זיינע אויפמערקזאַמע, גרויסע און לעבעדיקע אייגעלעך פלעגט זיך קיין שום זאַך נישט קענען באַהאַלטן. פון זיינע אָנגעשטרענגטע אויערלעך פלעגט נישט פאַרשווונדן ווערן דער מינדסטער קלאַנג און וואָרט. ער האָט זיך זייער גערן געשפילט מיט קינדער, אָבער זיין פעלער פון אַ כבד פה, האָט אים הפנים געצוווּנגען זיך אויך קאָנצענטרירן אין זיך אַליין: ער פלעגט זיך שפילן אונטערן פרייען הימל, אין גראָז, ליב געהאַט דעם וואַלד, דעם סאָד, ווו פאַרשידענע מינים פון שיינע פייגעלעך פלעגן זיך הילכיק פרייען מיט גאָטס פרעכטיקער וועלט און אויסזינגען צו די הימלען זייער שירה און זאָרגלאָזע פרייד, צוליב דער גרויסער שפע פון די שענסטע פרוכטן, מיט וועלכע דאָס שטעטעלע קאַרעליטש האָט געשמט אין גאַנץ רייסן.

ווי כ'האָב דערמאָנט, איז אונדזער פאָטער במשך פון יצחקס קאַרעליטשער יאָרן, דאָרט כמעט קיינמאָל נישט געווען, ווייל זיינע קורצע באַזוכן אויף ימים טובים קען מען נישט נעמען אין באַטראַכט. ער האָט אין אָנהויב שטודירט אין קרעמענטשוק, אין דאָרטיקן סעמינאַר פאַר

רעגירונגס־רבנים. שפּעטער האָט ער, צוליב זיין אחריותפולן געפיל פון א ברודער, אָפּגעלאָזט דאָס שטודיום, ווייל ער האָט געוואָלט באַזאָרגן זיינע שוועסטער מיט אַ שטיקל נדן. ער איז געוואָרן אַ העברעאישער לערער אין קרעמענטשוק גופא. פון דאָרט האָט אים נחום סאָקאָלאָוו איינגעלאַדן אין דער רעדאַקציע פון „האשכול", קיין ווארשע.

אַזוי אַרום איז די ערשטע דערציאונג פון יצחקלען געווען פולשטענדיק אין דער מאַמעס רשות און פארשטענדלעך פון זיין ערשטן מלמד, אָן אינטערעסאַנטן און באַגאַבטן, וועלכן ס'לוינט זיך דערפאַר צו באַשרייבן צוליב צוויי טעמים: צוליב אים אַליין, אַלס טיפּ פון אַ פאַרשווונדענער ווונדער־גאַלעריע... און אַלס דעם, וועלכער האָט געהאַט אַ באַזונדערע השפעה אויף יצחק'ס גייסטיקער אַנטוויקלונג.

איך מוז אָבער דערביי שילדערן מיט עטלעכע קורצע שטריכן, דאָס סאַמע עיקרדיקע אין קהילהשן אויסזען פונעם שטעטל קאַרעליטש. אין דער „אַלטער שול", וועלכע איז געשטאַנען, נאָך זעקס הונדערט יאָר פון נישט אָפּפרישן זי, ווי אַן איינגעהויקערטע זקנה, האָט עמך יומם ולילה געלערנט און מיט גרויס התמדה, ווייל קיין עם־הארצות איז דאָרט חלילה נישט געווען... די אַלטיטשקע שול איז געווען אַרומגערינגלט מיטן גרויסן שולהויף און אויףביידע זייטן האָבן זיך געפונען אַלע אָרטיקע אינסטיטוציעס, דאָס גאַנצע קהילה־ווען. קודם־כל דעם רבס הויז, די צירונג פון שטעטל, אַנטקעגן — די „קאַלטע שול", וואָס איר נאָמען האָט געשטאַמט פונעם אמתן ציטער, וועלכן מ'פלעגט כאַפּן, אפילו ווען אין דרויסן איז נישט געווען קיין פראָסט... און פונקט ווי אַ סימבאָל איז נעבן דער „קאַלטער שול" געווען נאָך אַ קעלטער אָרט — דער בית החיים... זיינע פאַרוואַקסענע מיט גראָז און פאַרשימלטע, איינגעוואַקסענע אין דער ערד פשוטע מצבות האָבן בולט עדות געזאָגט אויפן אוראַלטן יידישן קאַרעליטש... זעקס מאות יאָר זענען נישט קיין קלייניקייט... דער שענסטער אָרט פונעם בית החיים, מיט וואָס דאָס שטעטל האָט שטאָלצירט, איז געווען דער אוהל פונעם פאַרשטאָרבענעם רב, ר' יצחק יחיאל ז"ל, נאָך וועמען אונדזער יצחק האָט געטראָגן זיין נאָמען.

אין אַן אַנדער עק פון שולהויף איז געשטאַנען די מקווה, די שוויצבאָד. נאָך די דאָזיקע הילצערנע, פּראָסטע בנינים, האָט זיך געענ־דיקט די גרעניץ פון יידישקייט.

פּונקט ווי די אַלע שטעט און שטעטלעך פון רייסן און ליטע, האָט אויך דאָס שטעטל קאַרעליטש, איידער ס'איז אָנגעקומען די „מגפה" פון השכלה, נישט אויסגעמיטן צעשפּאַלטן צו ווערן אין צוויי אידעאָ־לאָגישע מחנות — חסידים און מתנגדים. אויך אין אונדזער משפּחה, אין באַברויסק, האָט זיך אַריינגעריסן דער שטראָם פון חסידיזם. אַ הייסער חסיד איז געווען דער שווער פון ווילנער פּאַרלעגער באָרים קלעצקין, אַ חסיד און אַ גרויסער מיסטיקער איז געווען אונדזער עלטער פעטער, אַ ברודער פון רב ר' יצחק יחיאל. יש אומרים, אַז אפילו אונדזער עלטער־זיידע, ר' בער, נאָך וועמען בערל קאַצענעלסאָן ע"ה האָט געטראָגן זיין נאָמען, פלעגט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַן אַלקער, נעבן בוידעם און דאָרט פּראַווען חסידות... בערל האָט געהאַט אין וועמען געראָטן צו זיין. ער האָט אָבער זיין חסידות געפּראַוועט בפרהסיא פאַר גאַנץ ארץ־ישראל און גאָרער יידישער וועלט...

אויך אין קאַרעליטש, פּונקט קעגן דער „קאַלטער שול" און אַלטן בית החיים, האָט זיך געפונען אַ חסידיש שטיבל פון קוידאַנאָווער רבין. דאָרט האָט געדאַוונט און געווען גבאי ראשון ר' צבי הכהן באַיאַרסקי, זועלכנס הויפּט־עובדה איז געווען חינוך בנים, אַ קנאַפּע פּרנסה אין יענע צייטן און בפרט אין אַ קליין שטעטל. ר' צבי, מיט זיין שוואַרצן, קורצן בערדל, אַ נידריקער און קיילעכדיקער, איז געווען אַ פריילעכער ייד, ווייט פון אומעט, פול מיט בטחון און אַליץ פלעגט ער אָננעמען פאַר ליב, וואָס קומט מן השמים. ער איז געווען אַ גוטער בעל מנגן, אַ משורר און אַ גרויסער טענצער. זיין שטאַרקן קול ביים „ישמחו במלכותך" האָט מען געהערט אַראָפּ באַרג אָפּהילכן אין אַלע געסלעך. און צווישן ציבור איז ער געווען דער משמח הקהל. ס'האָט נישט געקענט געמאָלט זיין קיין שום יום־טוב ביים קוידאַנאָווער רבין אָן צבי־הערשן. און בעת ער פלעגט זיך קלייבן פאָרן צו זיין רבין, האָבן דאָס אַלע אין שטעטל און אין אַלע אַרומיקע מיט אַ צייט פריער געוווּסט.

הערשל מלמדס „הויז און שולע" איז געשטאַנען אויף דער „טוי־בער גאַס", אויף אַ באַרג. דאָס איז געווען אַן אַלטע חורבה, אין עטלע־כע ערטער שטאַרק צעשעדיקטע, פון קיילעכדיקע קלעצלעך געבויטע שטוב מיט צוויי צימערן. איינער, אַ גאַר גרויסער, האָט געהאַט דריי פאַרוועגדונגען — אַלס קיך, עסצימער און חדר פאַר די תלמידים. דער צווייטער, קלענערער צימער, איז געווען דער פּריוואַטער שלאָפצימער פון הערשלען מיט זיינע בני בית.

הערשל האָט זייער ליב געהאַט זיינע תלמידים און דערפאַר פלעגן זיי אים אויך אָפּענטפערן מיט דער זעלבער ליבע. קודם־כל, ווייל ער פלעגט תמיד זיין פריילעך, זינגען מיט זיי. ס'איז אַן אַלטער כלל, אַז קינדער האָבן ליב אַ פריילעכן לערער, אַ צוגעלאָזטן צו זיי. ער פלעגט פאַרמאָגן אין זיך אַ סך פּעדאַגאָגישן חוש. צום ביישפּיל — די שווערע קעפּלעך פלעגט ער נישט פאַרשעמען, נאָר זיי אַריינגעמען צו זיך אין שלאָפצימער, כדי דאָרט זיי באַזונדער צו לערנען. דערווייל פלעגן די עלטערע תלמידים אויסהערן די יינגערע. דער רבי פלעגט אפילו דער־לויבן, אַז אַן עלטערער תלמיד זאָל אַרויסגיין מיט דער קליינער חברה אויפן גראָז, נעבן גאַנעק פון חדר, אונטערן פרייען הימל, לערנען די קינדער עברי. אָפטמאָל פלעגט דער ניי געבאַקענער ממלא מקום, אַליין זיך פאַרגעסן און שפּילן זיך מיט דעם קליינוואַרג.

יצחק פלעגט אַלעמאָל דערציילן, אַז די שיינקייט פון דער וועלט האָט ער דערפילט אַלס חדר־יינגעלע, טאַקע אַרום דעם גאַנעק פון זיין קאַרעליטשער רבין. פון דעם בערגל נעבן חדר האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ שיינע פּאַנאָראַמע אויף העט, העט און אויף די שיינע הימלען, וועלכע ער האָט זיין גאַנץ לעבן אַזוי שיין באַזונגען און... פאַר זיין טויט אַזוי ביטער געשאָלטן...

צווישן מנחה און מעריב, בשעת דער רבי איז געווען ביים דאַוונען, פלעגן די גמרא־בחורים דערציילן שרעקלעכע מוסר־מעשיות און די קליינטשינקע יאַטלעך מיט אָפענע מיילעכלעך פלעגן זיך צוטוליען איינס צום אַנדערן און ציטערן פאַר מורא...

יצחקל פלעגט דער מאַמען איבערדערציילן אַ טייל פון די דאָזיקע

מעשיות, אָפטמאָל איבערדרייען און פארפּלאָנטערן אזוי, ווי ס׳האָט עס באוויזן משיג צו זיין זיין קינדערישער מוחל. מיט זיין שווערן לשון, אָבער פול מיט ענערגיע, פלעגט ער זיך פארכלינען ביים רעדן, שטארק שטאמלענדיק דערביי. פאר די חדר־ייִנגלעך פלעגט ער זיך שעמען מיט זיין מום — א סך פלעגן עס אויסנוצן, כדי זיך מיט אים צו רייצן און לאכן פון אים. דערפאר האָט ער זיך צוגעוווינט אין יענע יאָרן צו קאָנ־צענטרירן זיך, איינזאפּן אין זיך זיין גאנצן ארום, די גאנצע וועלט, וועלכע ער האָט תחילת באוונדערט פון זיין רבינס גרינעם בערגל. אפשר פון דער דאָזיקער אָבסערוואציע האָט זיך שוין פון דאן אָן אָנגע־הויבן צו וועבן אין זיין אונטערבאוווסטזיין דאָס צוקינפטיקע בארימטע פאָלקס־לידל „די זון פארגייט אין פלאמען?״... ער פלעגט שוין אלס פיצעלע קינד רעאגירן מיט באגייסטערונג אויף דער הערלעכקייט פון די פאנאראמעס, וועלכע ער פלעגט זען בארג אראָפּ פון זיין רבינס בער־געלע...

ער האָט אין זיינע רייפערע יאָרן אזוי שיין באזונגען גאָטס גאנצע וועלט, די וועלכע האָט שפעטער זיך אזוי גלייכגילטיק צוגעקוקט צו זיין און אונדזער פאָלקס־עקדה...

הערשל דער מלמד האָט מיט זיינע פערזענלעכע מעלות גוט גע־ווירקט אויף יצחקס ערשטער גייסטיקער אנטוויקלונג. דער בעסטער באַ־וויז דערצו איז געווען זיין התפעלות מיטן רבין און זיין שטארקע צוגע־בונדנקייט צו אים. אין שטוב פלעגט ער אלע זיינע באמערקונגען, אלע געשעענישן פארבינדן מיטן רבין, מיטן חדר, מיטן רבינס הייזקעלע, וואָס שטייט דאָרט הויך, אויפן גרינעם בערגעלע...

די מאמע פלעגט אָפט דערציילן אן אינטערעסאנטע געשעעניש, וועלכע האָט זייער גוט כאראקטעריזירט זיין געפילפולקייט... אמאָל האָט זיך אין מיטן נאכט, ווען אלע זענען טיף געשלאָפן, אראָפּגעלאָזט איבער קארעליטש א ווילדער שטורעם: ס׳האָט געגאָסן, פונקט ווי די הימלען וואָלטן באשלאָסן צו פארפלייצן די גאנצע ערד אין א צווייטן מבול און א הוראקאן־ווינט האָט בפועל ממש געריסן די הייזער און גע־פליקט פון זיי גאנצע שטיקער דעכער, וועלכע האָבן זיך געטראָגן אין

לופטן, אין דער באגלייטונג פון בליצן און דונערן. מיט שרעק האט זיך די מאמע אויפגעכאפט פון שלאף און דערזען יצחקלען, דעם פינפיאריקן, ביים פענצטער א פארווײנטן, א פארצווייפלטן. זיין בליק איז געווען געווענדט צום רבינס הייזל, אויפן בערגל. — „וואס שטייסטו ביים פענצטער? לייג זיך אין בעטעלע, וועסטו גארנישט הערן און גארנישט זען!" — „מאמע! איך וויל זען! אוי, מיין רבינס הייזעלע, אוי, מיין רבי וועט אוועקפליען אין הימל אריין! מא...מע!..." און ער איז טאקע די גאנצע קיילעכדיקע נאכט נישט געשלאפן און ווי נאר ס'האט אנגע־הויבן צו טאגן, האט שיינדל געמוזט אים אוועקפירן און ווייזן, אז סיי דער רבי, סיי זיין הייזעלע זענען נישט אוועק מיטן ווינט.

דער טאטע, וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט בעת זיינע קורצע באזוכן אין קארעליטש באזוכן דעם רבין, האט ביי אים געפועלט מיט אים נישט ווייטער גיין פון תנ"ך. דעם טאטנס שטרעבן, אלס העברע־איסט, איז געווען, אז יצחק זאל אין זיך וואס מער איינזאפן פונעם קוואל פון העברעאיש. גמרא, פלעגט ער האלטן, דארף א יינגל אנהויבן צו 12 - 13 יאר.

די איינדריקן און איינפאלן פון יצחקן זענען געווען אזעלכע אוי־סערגעווענלעכע, אז די דאזיקע האבן געדינט פארן גאנצן שטעטל אלס געלונגענע חכמות און מיר פלעגן זיי איבערחזרן אין די שפעטערדיקע יארן שוין אין לאדזש גופא. דער קליינער יצחקל פלעגט זיינע אבסער־וואציעס דערציילן מיט אזא אימפעטפולער לעבעדיקייט און נאטירלעכ־קייט, אז עס האט זיך שוין דעמאלט געמערקט זיין צוקינפטיקער אר־טיסטישער טאלאנט, ספעציעל ביי אימיטאציע.

אין יאר 1894, יצחק איז נישט אלט געווען קיין אכט יאר, האט אונדז דער טאטע אריבערגענומען פון קארעליטש קיין זגיערזש נעבן לאדזש. יצחק פלעגט זיין גאנצן לעבן מיט דער גרעסטער ליבשאפט דער־מאנען זיין שטעטעלע, דאס ארט פון זיינע ערשטע און שטארקסטע איינדריקן, וועלכע האבן זיך טיף איינגעקריצט אין זיין פיינפיליקער נשמה. קארעליטשער טיפן, פערפעקציאנירטע דורך דער מאמעס דער־גענצונגען און דערציילונגען, וועלכע אויך איך האב זיי איבערגענומען

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, זענען אַריינגעגאַנגען אַלס פּערסאָנאַזשן פון זיין ווערק „בגבולת ליטא".

אויך די קאַרעליטשער פלעגן שטאָלצירן מיט זייער דיכטער, זייער בן-עיר. אין רבס הויז, דאָרט נעבן שול-הויף, דעם בכבודיקסטן מקום פון שטעטל, האָט מען מיט דער גרעסטער פּיעטעט אויפגעהאַלטן ווי אַ רע־ליקוויע דאָס קינדער־וויגעלע, אין וועלכן זייער יצחק קאַצענעלסאָן איז געבוירן געוואָרן.

יצחק פלעגט קיינמאָל נישט אויסמיידן זיין געבורטס־שטעטעלע קאַרעליטש בעת זיינע רייזעס איבער ליטע. ער פלעגט גערן אָננעמען איינלאַדונגען אויף פאָרלעזונגען אַהין.

בעת זיינע באַזוכן אין קאַרעליטש פלעגט ער קודם-כל קומען אין רבס געסל און אין רבס הויז אָנצוקוקן זיין וויגעלע און אויך זיין רבינס הייזעלע אויפן באַרג... מיט אומעט פלעגט ער דערציילן, אַז ר' הערשל איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע...

ק א פּ י ט ל 8

וואַרשע און זגיערזש

ווי געזאָגט, האָט דער טאַטע פון קרעמענטשוק באַקומען אַן איינ־לאַדונג פון נחום סאָקאָלאָוו קיין וואַרשע און האָט דאָרט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דער רעדאַקציע פון „האשכול". דאָרט איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט די חשובסטע זגיערזשער יידן, וועלכע האָבן אים איבער־געגעבן די אָנפירונג פון אַ מאָדערנעם חדר מתוקן.

די מאַמע מיט צוויי קינדער, יצחקן און שיינדלען, זענען אַרויסגע-רופן געוואָרן פון טאַטן קיין זגיערזש, אָבער היות דער וועג איז געווען דורך וואַרשע, ווו דער טאַטע האָט געוווינט ביים פעטער משה טאַ־בענקין, האָט מען טאַקע באַשלאָסן דאָרט צו פאַרוויילן עטלעכע טעג, צו פאַרברענגען צוזאַמען מיטן גרויסן משכיל, וועלכער איז געווען אין דער וואָלאָזשינער ישיבה דעם טאַטנס חבר און שפּעטער געוואָרן זיין שוואָגער. משה טאַבענקין איז אויך שפּעטער געוואָרן נישט נאָר אַ משכיל, נאָר אויך אַ פירנדיקער רעוואָלוציאָנער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ"-באַוועגונג. זיין אויסזען איז געווען אַזוי באַצויבערנדיק, אַז מ'פלעגט אים רופן דער בעל-מופת — ער האָט כלומרשט מיט זיינע סוגעסטיווע אויגן געקאָנט היילן קראַנקע, נערוועזע מענטשן.

די מומע טאַבענקין, דעם טאַטנס שוועסטער, איז אויך געווען זייער אַן אינטעליגענטע פרוי, זייער באַלעזן און אַ באַוווסטזיניקע ביז אירע נייַנציק יאָר. ביזן טיפסטן עלטער איז זי געווען טעטיק אין דעם קיבוץ

עין חרוד אין ארץ־ישראל, צוזאַמען מיט אירע זייער באַגאַבטע קינ־
דער: דעם אַרבעטער־פירער יצחק טאַבענקין און נאַטאַלקע טאַבענקין,
אַ וואונדערבאַרע קינדערגערטנערין.

פול מיט באַגייסטערונג איז דער 8־יאָריקער יצחקל געפאָרן מיט
דער באַן. דעם גאַנצן לאַנגן וועג פון קאַרעליטש ביז וואַרשע האָט ער
זיך כסדר געפרייט און שטאַרק באַוואונדערט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר
געזען. ספּעציעל איז זיין צופרידנקייט געוואָרן גרויס, ווען דער פעטער
און מומע טאַבענקין האָבן זיי גענומען פון דער באַן און זיי זענען גע־
פאָרן מיט אַ „גומקע" איבער די גאַסן פון דער ריזיקער שטאָט וואַרשע.
דער דראָזשקאַזש איז געווען אַ ייד און יצחק האָט זיך מיט אים אדורכ־
געשמועסט און גלייך געוואָרן היימיש. אגב האָט ער מיט התפעלות
אַרויסגערופן זיין פרייד, אַז ער הייסט יאָסל, פונקט ווי דער קאַרעלי־
טשער בעל עגלה, מיט וועלכן יצחק פלעגט אַרומפאָרן שטאָלץ איבערן
שטעטעלע און גאַנצע מיילן דורכן גאַנצן מאַרק און זאַלאַמאַנקע ביז
העט, העט... ער וואָלט מיט יאָסעלען פאָרן גערן אַזש ביז נאַוואַרעדאָק,
אָבער ס'איז אים געווען אַ שאָד נישט צו גיין אין חדר אַריין.

דער וואַרשעווער בעל־עגלה יאָסל דראָזשקאַזש האָט יצחקן גענומען
צו זיך הויך אויף די קאָזלעס און גאַנץ געשמאַק זיך מיט אים אונטער־
געהאַלטן. דער לאַנגער וועג פון בריסקער וואָקזאַל איז אים אויסגעקומען
גאָר קורץ און מען האָט יצחקן געמוזט צוזאָגן, אַז יאָסל וועט אים פירן
אין זאָאָלאָגישן גאָרטן צו זען אמתע ווילדע חיות.

צו זיין שמחה און התפעלות אין זאָאָלאָגישן גאָרטן איז נישט גע־
ווען קיין גרענעץ. ער האָט נישט געהאַט באַוויזן גענוג איינזאַפּן מיט די
וואונדערלעכע דערציילונגען וועגן אַזוי פיל משונהדיקע חיות און זייערע
פאַרשידענע מנהגים. וועגן דעם אַלץ האָט אים געדולדיק דערציילט
דער באַהאַוונטער אין אַלע ידיעות און חכמות — פעטער טאַבענקין.
יצחק האָט געפאָדערט עטלעכע טעג כסדר, מען זאָל אים אַהינפירן, ספּע־
ציעל צום גוטמוטיקן גרויסן העלפאַנט, פאַר וועלכן די קליינע קינדער־
לעך האָבן נישט געהאַט קיין מורא, פלעגן זיך אויף אים און אויף זיין
לאַנגן, לאַנגן נאָז אויסזעצן אין שורות און אים גלעטן, פונקט ווי מען

גלעט א קליין שטוב־הינטעלע, ספעציעל האט ער זיך געוויילט און היל־
כיק געלאכט נעבן דער שטייג פון די קליינע מאלפעס, וועלכע האבן זיך
זשוואווע גערדייט מיט זייערע ווײדלעך אויף די ביימער און געמאכט
אזעלכע פרייליכע העוויות, וואס ער אליין האט זיי קוים באוויזן נאכ־
מאכן.

ס'איז אים אויך זייער געפעלן דער באטאנישער גארטן. יצחקל האט
מיט זיין נאטירלעכן הומאר, וועלכער האט אים כאראקטעריזירט במשך
פון זיין גאנצן לעבן, זיך גלייך אויסגעדריקט, אז ער איז א סך שענער,
ווי דער גארטן ביים קלויסטער אין קארעליטש. ער האט אבער גלייך צו־
געגעבן: „אבער אויפן גראז ביים חדר איז דאך געוועזן בעסער"...

ספעציעל האט יצחקלען איבערראשט דער גרויסער אפערן־טעאטער
אין ווארשע. עטלעכע יאר נאכאנאנד פלעגט ער מיט זיין קינדערישן
לשון ווייזן דעם גרויסן רושם, וואס דער דאזיקער באזוך האט אויס־
געקריצט אין זיין עמפפינדלעכער נשמה. כאטש די קארעליטשער טעא־
טער־אויפפירונגען האט ער געהאט באזוכט אין באגלייטונג פון דער
מאמען, אבער ווי קומט דאס? „מ'שפילט און מ'זינגט און מ'טאנצט"...
„איך וויל גיין דארט ווו מ'זינגט און מ'טאנצט", פלעגט ער שפעטער
זיך אויסדריקן וועגן דער אפערע.

משה טאבענקין האט גוט געוווסט, אז די מאמע האט זייער ליב
טעאטער. די דאזיקע ליבע אירע צום טעאטער האט ביי איר אנגעהאלטן
איר גאנצן לעבן. זי האט געמעגט זיין אין דער ערגסטער שטימונג און
אפילו קראנק, וויבאלד יצחק פלעגט זאגן „מאמע, ווילסט גיין אין טעא־
טער?", פלעגט זי, נישט פרעגנדיק אפילו וואס מ'שפילט, לויפן זיך
גלייך איבערטאן. אין קארעליטש פלעגן די חשובע באלעבאטים, פון כלי
קודש איז דאך שוין אפגערעדט, בורטשען אומצופרידן, אז מ'דארף זיך
גארנישט וואונדערן אויף פראסטע מוידן, ווען אפילו הענדע דעם רבס
לויפט אויך אין דעם דראמקרייז, ווו מ'מיינט גארנישט די אגדה, נאר...
צו פארדרייען דעם קאפ די בחורים און אראפפירן די מיידלעך פונעם
דרך הישר...

די מאמע פלעגט אונדז תמיד דערציילן, מיט וואס פאר אן ערנסט־

קייט דער קלײנער יצחק האָט זיך צוגעקוקט אויף דער סצענע, ווי אויף פּויליש, אַ שפּראַך, וועלכע ער האָט נאָך דעמאָלט לחלוטין נישט פאַר-שטאַנען, האָט מען אויפגעפירט „אַטעלאַ". דאָס איז געווען אין דעם דראַמאַטישן פּוילישן טעאַטער. סיי די מאַמע, סיי די מומע און פעטער טאַבענקין האָבן נישט געוווּסט ווהין זייערע אויגן צו ווענדן: צי אויף דער בינע, צי אויף יצחקלען, וועלכנס גליענדיקער אינטערעס און בליש-טשענדיקע אויגן האָבן אָפּגעשפּילט די גאַנצע דראַמע, וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט כמעט אינטואיטיוו. אָבער ביי דער לעצטער סצענע, ביים סאַמע קלימאַקס, ווען אָטעלאָ גייט מיט אַ מעסער דערהרגענען דעזדע-מאָנען, האָט יצחק שוין נישט אויסגעהאַלטן און אָנגעהויבן שרייען אויפן גאַנצן קול: מאַ...מע! נעם מיך צו פון דאַנען! כ'קען נישט צוקוקן! ער גייט דאָך זי הרגענען!...

דעם ערשטן אַנטיסעמיטיזם אין זיין לעבן האָט יצחקל דערפילט טאַקע אין וואַרשע, בעת זיין ערשטן קינדערישן באַזוך. ער האָט זיך געשפּילט אויפן הויף, ווו ס'האָבן געוווינט קריסטלעכע שכנים, מן הסתם האָט יצחק נישט אויסגענומען ביי איינעם פון די קליינע צוקינפטיקע כוליגאַנעס, ער האָט גערעדט בלויז יידיש, האָט ער דערהערט טאַקע דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן דעם מי שברך פון „זשידעק" און „פּשאַ קרעוו זשידזשיע פּאַרשיווי" און דערצו האָט מען אים געוואָלט מכבד זיין מיט אַ שטיין אין קאָפּ, וואָס ער האָט געשיקט אויסגעמיטן. אין זיין קינדערישער נשמהלע איז דאָס דאָזיקע בילד געבליבן פאַרפיקסירט. יצחק פלעגט, איידער מ'פלעגט דינגען אַ דירה, זען צי דער הויף איז אַ יידישער אָדער גויאישער. דאָס פלעגט ער געדענקען, צוליב אונדז, זיי-נע קלענערע ברידער־שוועסטער.

נאָך עטלעכע וואָכן פון וווינען ביים פעטער משה טאַבענקין האָט יצחק זיך אַזוי צוגעבונדן צו דעם האַרציקן, גייסטרייכן מענטשן, וועל-כער האָט מיט זיין גאַנצער נשמה זיך אָנגעשלאָסן אין דער ערשטער רע-וואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַז זיין גאַנץ לעבן פלעגט ער זיין נאָמען דער-מאָנען מיט אַ הייליקן יראת הכבוד און איבערגעגעבענער ליבשאַפט, וועלכע ער האָט שפּעטער אריבערגעטראָגן אויפן קוזין יצחק טאַבענקין.

דער פעטער משה האָט זיך פאַרקילט צווישן די נאַסע ווענט פון דער רוסישער תפיסה, אין וועלכער ער פלעגט תמיד אַפּזיצן און אין אַ בלי־ענדיקן עלטער געשטאָרבן אויף שווינדזוכט, איבערלאָזנדיק אַ יונגע ענערגישע פרוי, אונדזער מומע, וועלכע האָט מיט מסירת נפש אויס־געהאָדעוועט צוויי גערעטענע קינדער, וואָס האָבן טריי אָנגעהאַלטן די גייסטיקע, שוין יידישע ירושה, פון זייער וווּנדערבאַרן פאָטער.

מיר האָבן זיך באַזעצט אין זגיערזש גלייך נאָך ימים נוראים פון 1894, ביים אָנהויב פון „זמן". די פני העיר האָבן שוין אומגעדולדיק געוואַרט אויפן בארימטן משכיל בנימין יעקב קאַצענעלסאָן, וועלכער האָט געזאָלט אָנהויבן אַ נייע מאָדערנע ערע אינעם יידישן נאַציאָנאַלן חינוך בגבלות פוילן. די זגיערזשער משכילים האָבן זיך שטאַרק מתקנא געווען אָן די קלוגע ליטוואַקעס, וועלכע האָבן שוין אין וואַרשע געגרינ־דעט און דערפאָלגרייך געפירט אַ חדר מתוקן. אגב האָבן זיך אויך אין זגיערזש געפונען ליטוואַקעס, וועלכע האָבן געטראַכט נישט בלויז פון פאַבריצירן שמאַטעס, נאָר טאַקע בפועל ממש וועגן רוחניות. פון צווישן די באַלעבאַטים האָט זיך ספּעציעל מיטן חדר אינטערעסירט דער גרוי־סער סוחר און מלומד יששכר שוואַרץ, פאָטער פונעם באַוווּסטן מאַלער מאַרק שוואַרץ און פון דעם וויסנשאַפטלער אויפן געביט פון דער מאַ־ראַנען געשיכטע אין פּאָרטוגאַל, אינזשיניער שוואַרץ.

די בעסטע באַלעבאַטישע משפּחות, עטלעכע אפילו פונעם נאָענטן לאָדזש, האָבן געשיקט זייערע קינדער אין זגיערזשער חדר מתוקן פון ר' קאַצענעלסאָנען. אָבער ער האָט נישט אויסגעהאַלטן אין זגיערזש מער ווי זיינע צוויי יאָר. ס'האָט אים געצויגן, ריכטיקער געזאָגט, די לאָ־דזשער יידן האָבן אים געצויגן, צום וואַקסנדיקן אינדוסטריעלן כּרך, וועלכער האָט געהאַט שוין איינגעזאַפּט די אַרומיקע שטעטלעך און כסדר איינגעשלונגען שטראָמען פון יידן, וואָס האָבן אהין געשטראָמט פון גאַנץ פוילן און גרויס־רוסלאַנד.

דער איינגעצוימטער אין קינדערישער סביבה יצחקל איז אינעם טאַטנס חדר געוואָרן — „אַ באַנדיט"... אָט געפינט ער זיך אין זיין טאַטנס חדר, דער זון פון רבין, אַ גאַנצער „יאַ טיעביע דאַם!" דאָ האָט

ער ערשט מגלה געווען פאַר די ייִנגלעך זיין מיטגעבראַכטן פון קאַרעליטש שלל פון ספּעציעלע „ידיעות", וועלכע ער האָט דאָרט פון אַנדערע גע־לערנט. דערצו האָט נאָך אים דער טאַטע געמאַכט פאַר אַ שטיקל באַהעל־פער ביי די עברי-קינדער און אַליין האָט ער שוין געלערנט מיט די דער־וואַקסענע, אין דער כיתה פון תנ"ך און העברעאיש. פון זגיערזש אָן איז יצחק געוואָרן אַ גרויסער שטיפער און פּרובירט צו רעגירן און אָנפירן מיט אַלע חדר-ייִנגלעך.

זגיערזש איז גאָרנישט געפעלן דעם קליינעם יצחקלען. קליינע הייז־קעס, פּונקט ווי אין קאַרעליטש, אָבער רוישיקע און שמוציקע, אומע־טום קלאַפּן האַנטשטולן. טאָג און נאַכט קלאַפּן זיי און די מענטשן טראַכטן גאָרנישט וועגן אַרויסגיין שפּילן זיך אויפן גראָז... אויף יעדער גאַס חוץ דעם הייבט זיך אויף אַ גרויסער בנין מיט רויטע, רויע ציגל, זיינע פענצטער זענען באַלויכטן טאָג און נאַכט און גאַנצע מחנות אַרבע־טער פליסן דאָרט אַריין און אַרויס, ווען די פאַבריק-סירענע צעפּייפּט זיך אַזוי אומהיימלעך... יצחק פלעגט פאַר די חדר-ייִנגלעך זיך באַרימען מיט זיין שיינעם קאַרעליטש און די בערגלעך פון רבין און פון קלויסטער, מיט די אַרומיקע בערגלעך און טאָלן און טייך און שמעקעוודיקע סאָסנע וועלדער אַרום. אין זגיערזש איז בלויז געווען אַ שטינקעדיקער סטאַוו, אין וועלכן כ'פלעגן אַריינפליסן אַלע שטאָט-אומריינקייטן און כל מיני פאַרבן פון וואָסער האָט געהאַט דער סטאַוו, פון די פאַבריקן און פאַר־בערייען. אין דעם דאָזיקן סטאַוו איז ער שיעור נישט דערטרונקען גע־וואָרן, פאָרנדיק מיט זיינע חברים אויף אַ לאָדקע. מען האָט אים פון וואַסער אַרויסגעראַטעוועט אַ דאַנק דעם, ווייל אַ וועסלע האָט זיך פאַר־טשעפּעט אין זיינע לאַנגע לאָקן האָר.

זגיערזש, דאָס פּראָזאישע, דאָס פאַררויכערטע פון די פאַבריק-קוי־מענס, האָט געהאַט אַ ליכטיקן אָפּשיין אין יצחקס לעבן און דאָס איז געווען דאָס איינציק גוטע, פון וועלכן ער פלעגט זיך דערמאָנען וועגן זגיערזש — דער געבורט פון זיין דיכטערישן טאַלאַנט. אפשר האָט דע־רויף משפּיע געווען זיין עלטערער חבר און תלמיד פונעם טאַטנס חדר, דער דיכטער יעקב כהן, וועמענס העברעאישע לידער האָבן אַרויס־

גערופן די באוונדערונג פון דעם העברעער־קרייז און שטאָלץ פון אונדזער פאָטער.

דער אמביציעזער יצחקל, צוקוקנדיק צום דערפאָלג פון זיין חבר, האָט צו צען יאָר אָנגעשריבן, טאַקע אין זגיערזש, זיין ערשטן העברע־אישן קינדערישן, אָבער זאַפטיקן מלא־חנעוודיקן לידעלע, וועלכער איז אריין אין אלע כרעסטאָמאַטיעס און געוואָרן אַ קלאַסיש ליד פון די קינדערגאָרטנס.

און אפשר האָט ער שוין אויסגעדריקט דערמיט זיין קינדערישע בענקשאַפט צו די ערשטע יאָרן פון זיין געבורטשטאָט קאַרעליטש, דאָס דיכטעריש־מאָלערישע, ווו פייגעלעך זינגען אַזוי גערן און זאַפן אין זיך איין דעם לופטזאַפט פון די גערטנער און סעדער און פון די טיפע, אראָ־מאַטפולע סאָסנע־וועלדער?...

על חלון, על חלון
עמדה צפור יפה
ילד בא אל חלון —
צפור יפה עפה!

בוכה ילד. בוכה
איה צפור יפה?
אין צפור על חלון —
צפור יפה עפה!

ק א פ י ט ל 9

דער קייסער פון די לאָבוסעס

פונעם גאַנצן אינדוסטריעלן געביט פון דער פּיעטריקאָווער גובער־ניע, אין מיטן קרייז פון די שטעט טאָמאַשאָוו, זגיערזש, זדונסקא־וואָליא, פּאַביאַניץ, צווישן אַלע אַרומיקע „פאַבריטשנע שטעטלעך", האָט זיך פלו־צים אַרויסגערוקט די שטאָט לאָדזש און פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ אין חשיבות.

ביז דער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט לאָדזש כמעט נישט געהאַט קיין שום פּערספּעקטיוו צו וואַקסן צוליבן מאַנגל אין שטח. ערשט א דאַנק דער יידישער שעפערישער אַרבעט און איניציאַטיוו האָט לאָדזש זיך אָנגעהויבן אויסצוברייטערן און אירע גרעניצן האָבן זיך דער־נענטערט ביז צו די גרעניצן פון איר מאַמען — זגיערזש.

דער אויפבלי פון יונגן, פּולבלוטיקן לאָדזש אויפן חשבון פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך איז צו פאַרדאַנקען קודם כל דעם שטראָם פון די אָנגעקומענע יידן, וועלכע האָבן געזוכט, ספּעציעל נאָך די פּאָגראָ־מען פון 1882, צו עמיגרירן אין דער ווייטער אַמעריקע, אויפן צווייטן עק פון גאָטס וועלט. דאָך נישט אַלע פלעגן זיך קענען שיידן מיטן אמתן יידישן לעבן, מיט זייער משפּחה, מיט די נאָענטסטע, מיט די אַלט־איינ־געזעסענע און אַזוי ליבע יידישע ישובים...

ווען ס'איז פאַרשפּרייט געוואָרן די סענסאַציאָנעלע ידיעה איבער פּוילן און איבער גאָר, גאָר ווייטע גובערניעס פונעם תחום המושב און פון טיף רוסלאַנד, אַז מ'דאַרף שוין גאָר נישט פאָרן אין די ווייטע אַמעריקעס,

אז עס איז דאָ נאָענט פון וואַרשע אַ שטאָט לאָדזש, וווּ „מ׳מאַכט אויך אַמעריקע״, האָבן זיך גאַנצע שטראָמען פון פּרנסה־זוכערס, מנחם מענדלס און געשעפט־ראָמאַנטיקער מכּל המינים געלאָזט אַהין.

לאָדזש! — לאָדזש — אַ נייע אַמעריקע!

אויך אַ סך זגיערזשער יידישע באַלעבאַטים האָבן זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַריבערציען אין דעם וואַקסנדיקן ווי אויף הייוון לאָדזש, בפרט אַז די נייע קאַלישער באַן פון וואַרשע קיין בערלין און דערהויפּט דער מאָדערנער עלעקטרישער טראַמוויי צווישןביידע שטעט האָט זיי אַזוי דערנענטערט און געמאַכט כּמעט איינס.

אין יאָר 1896 האָט דער טאַטע דערעפנט זיין חדר מתוקן אין לאָדזש אויף קאַמיעננאַ־גאַס, אַנטקעגן גאַרפּיין דעם אַפּטייקער. סייווי פלעגן די „שענסטע״ באַלעבאַטים פון דערבייאיקן זגיערזש צו אים שיקן זייערע קינדער. פון דעמאָלט אָן איז אונדזער משפּחה געוואָרן אַ לאָדזשער. מיר האָבן פאַרגרעסערט די צאָל פון די „לאָדזשער ליטוואַקעס״, וועלכע זענען געווען גאַנץ צאָלרייך און איינפלוסרייך אין אונדזער שטאָט. דאָ זענען אויך געקומען אויף דער וועלט דער רעשט פון אונדזערע קינדער.

דאָס הויז אויף קאַמיעננאַ 4 נעבן וסכאָדניאַ, וווּ מיר האָבן גע־וווינט, איז געווען אַ גאַנץ שטעטל, אָנגעשפּיקעוועט מיט קלענערע און גרויסע דירהלעך, מיט אַ סך קינדערלעך אָן עין הרע... זיי פלעגן זיך שפּילן ביים סוף פונעם לאַנגן הויף, וווּ ס׳איז נאָך דערווייל נישט געווען פאַרבויט, אין דעם בערגל פון דינעם, געלן זאַמד, וואָס דער באַלעבאָס האָט צוגעגרייט פאַר פאַרשידענע רעמאָנט־צוועקן. צוליבן שפּילן פון די קינדער איז דאָס זאַמד שנעל פונאַנדערגעטראָגן געוואָרן אויף אַלע ער־טער פון הויף, לעבער, קעלערס, טויער און אין די אַרומיקע גאַסן.

דאָס זעלבע איז אויך געשען מיטן בערגל ליים, וואָס מ׳פלעגט פון אים אויסקלעפּן פאַרשידענע צאַצקעס און גלאַט אַזוי זיך וואַרפן מיט אויסגעטרוקנטע קייקעלעך און אויסהאַקן שויבן ביי די שכנים. אַפילו דאָס פעסל מיט סמאָלע, וואָס האָט געזאָלט דינען צום באַשמירן זומערצייט דעם געלעכערטן דאַך, איז אויך דורך די קינדער אויסגעליידיקט געוואָרן

און דאָס פּאַס האָט מען געקייקלט איבערן גאַנצן הויף, צו להכעיס פון אייביק שיכורן, איינציקן גוי אין הויף, דעם הויזוועכטער, פּאַן יוזעף.

דער כיטרער באַלעבאָס פלעגט פאַרגלאָצן די אויגן צום הימל — געוועזן אַ פרומער גערער חסיד — און ענטפערן אויף די טענות און רוגזות פון די שכנים, צו וועלכע דער רעגן פלעגט אַריינדרינגען דורכן געלעכערטן דאַך אין שטוב אַריין: „נו, וואָס זאָל איך ענק טין? היטס ניט אופ ענקערע מחבלים! אי״ה איבער אַ יאָר, אז דער רבש״ע וועט געבן געזינט און פרנסה...״

אָבער ווי אַזוי היט מען זיי אָפּ, די טייוולאָנים? און אויב ס׳האָט בישט געפעלט אינעם אייגענעם הויף, פלעגן נאָך צוקומען גאַנצע מחנות פון די אַרומיקע הייף, ענג ווי הינער־שטייגן.

קאַמיעננאַ גאַס!... אַן אָפּגעהאַקטע צווישן צוויי גרויסע פּאַראַלעלע אַרטעריע־גאַסן: ווסכאָדניאַ און ווידזעווער. דער ביינאָמען פון דער דאָזיקער שמאָלער ווי אַ העלדזל גאַס איז געווען — פינסטער. דער דייטש, וועלכער האָט פאַרצעלירט די גאַס, האָט געהייסן פינסטער און אַזוי האָט ער זי געבויט. דאָס געסעלע איז געווען אַזוי שמאָל, אַז צוויי סחורות־פורן פלעגן קוים באַוויזן אַדורכצופאָרן און איינע פון זיי האָט זיך געמוזט צוריקציען אָדער רופן די הילף פון דעם „שטומען טרעגער״, אַ קליינטשינקער יידעלע מיט שמשון הגבורס כוחות. ער האָט עס געהאַט די חזקה אויף אַלע שינויים פון דירות און זייערע באַוווינער פלעגן אָנקומען צום שטומען טרעגערס קרעפטיקע פּלייצעס, וועלכע פלעגן אויסטראָגן דעמבאָווע שרענק, אַזעלכע שווערע, אַז די הילצערנע טרעפּן פלעגן קרעכצן אונטער זיינע שווערע טריט... דער דייטש פינסטער האָט דאָס געסל געבויט ספּעציעל פאַר יידן, פונקט לויטן מוסטער פונעם באַלוטער־געטאָ, צווישן אַ שורה פון הויכע דריישטאָקיקע קאַמעניצעס און דערפאַר איז דאָרט אין ענגן געסל געווען פינצטער בלויז אין איינצלנע הייף, אויף די ניט פאַרבויעטע ערטער און צו די העכערע שטאָקן, פלעגט די זון יאָ צוקומען.

קאַמיעננאַ־גאַס איז געווען אָנגעפולט מיט הונדערטער שכנים און מיט הונדערטער קינדערלעך, טאָקע בלויז יידישע. דער גאַנצער אַרום פון

קאמיעננא-גאס איז געווארן דאס ארט פון דער צווייטער לאדזשער געטא, שוין דער גוטוויליקער, ווו יידן האבן זיך אליין קאנצענטרירט. דאס איז געווען דער נייער טייל, מחוץ דער אלטשטאט און געטא-באלוט, וועלכע האבן זיך געגרענעצט מיט „ווילקי" מיטן נייעם מארק, שפעטער „פריי־הייטס־פלאץ". „ווילקי" האט אמאל געהייסן די דאזיקע גאנצע ניי-שטאט לאדזש, ווייל אויפן ארט פון די גרויסע לאדזשער פאלאצן זענען געשטאנען פינסטערע וועלדער און ווילקעס (וועלף), פירפיסיקע, האבן דארט געוווינט.

אויף קאמיעננא־גאס איז, חוץ מיין טאטנס, געווען כמעט אין יעדן הויף, א חסידישער חדר מיט א סך תלמידימלעך. דאך האבן אויך געוווינט אויף דער גאס אוודאי א מנין ליטוואקעס. דער ערשטער ליטוואק פון דער גאס און אפשר דער פראטאגאניסט פון אלע שפעטער אנגעקומענע ליטוואקעס איז געווען גארפיין, דער אפטייקער. ביי אים האבן געארבעט עטלעכע ליטווישע בחורים, צווישן וועלכע ס'איז געווען מיין שוועסטערס ערשטער פארערער, דער פראוויזאר בערנשטיין. אויף קאמיעננא-גאס איז אויך געבארן געווארן מיין מאן. אויף דעם קאמיעננא־געסל איז אונדזער יצחק געקרוינט געווארן אלס „קייסער פון די לאבוסעס". דעם דאזיקן צונאמען האט אים צוגעטיילט אונדזער א משפחה-פריינט און שפעטערדיקער שוואר מיינער, פנחס נאכומאוו ע"ה.

קאמיעננא־געסל איז אויך געווען א גאס פון ראמאנטיקער — פון יידישע וועלטבאפרייער... אט־א טאקע די פראוויזארלעך און אנדערע „ליטוואקעס" האבן געבראכט דעם סם, די מגפה פון „אחדות"... בשעת די אפטע דעמאנסטראציעס, וועלכע פלעגן זיך ציען איבער די צוויי גרויסע נעבן-גאסן, ספעציעל דורך דער וסכאדניא גאס, ווו נומער 19 איז געווען די געהיימע דרוקעריי פון „ראבאטניק" און זיצפלאץ פון יוזעף פילסודסקי. בשעת פון אונטער דער ערד פלעגן זיך באווייזן די ווילדע קאזאקן, פלעגן די דעמאנסטראנטן בליצשנעל נעלם ווערן אין פינסטערס פינסטערן געסל, די אזוי גערופענע קאמיעננא גאס.

אט פארוואס יצחק פלעגט מיט אזא ליבשאפט און אויך איך טו עס גערן — דערמאנען די קאמיעננא גאס!...

איינמאָל איז אויסגעבראָכן אַ פאַרביטערטע מלחמה צווישן די לאַבור־סעם פון קאַמיענגאַ און װסכאַדניאַ גאַס. די לעצטע האָבן זיך מתקנא געווען אָן דעם רום פונעם קליינעם געסל, וועלכעס האָט שוין אפילו געהאַט אַן אייגענעם „קייסער״. און כאָטש די לאַבוסעס פון װסכאַדניאַ האָבן ניט געהאַט קיין אייגענעם, האָבן זיי אָבער אַראָפּגעבראַכט אַן אמתן לאַדזשער יאַטל פון באַלוט — מאַטעלע, דער „בלינדער״ מאַטעלע. דער בלינדער מאַטל האָט געהאַט איין אויסגעהאַקט אויג, אָבער דערפאַר האָט ער מיטן צווייטן געהאַט אַזאַ גוטן ציל, אַז מ׳האָט געהערט פון זיין שם אַלס שטיינער־שיסער ווייט איבער די גרענעצן פון באַלוט, אין „ווילקי״ אפילו.

ויהי היום און שליחים פונעם „בלינדן מאַטל״ האָבן דערקלערט מלחמה אונדזער יצחקן — דעם קייסער פון די לאַבוסעס פון דער קאַמיענגאַ גאַס. דאָס איז געשען שוין כמעט אין אָוונט, ווען הונדערטער חדר־יינגלעך האָבן געשטראָמט פון די חדרים. פּלוצים האָט זיך אין הויף אויף קאַמיענגאַ גאַס באַוויזן אַ גאַנצע מחנה פון װסכאַדניאַ, אָנגעפירט דורכן בלינדן מאַטל און מ׳האָט אָנגעהויבן צו באַוואַרפן מיט שטיינער יצחקס „אַרמיי״. אָבער דער „קייסער״ פון די לאַבוסעס האָט שוין דורך זיינע מרגלים געוווּסט פונעם אָנפאַל און אַ גוט צוגעגרייטע אָפּטיילונג האָט שוין אָפּגעוואַרט די אינוואַזאָרן מיט אַמוניציע, וועלכע איז באַשטאַנען פונעם צעגומענעם בערגל ציגל, צוגעגרייט אויף צו פאַרריכטן שלעכטע אויוונס און די שאַרפסטע, שפּיציקע שטיינער, וועלכע זענען געפלויגן פון די אָקאָפּעס, ד״ה פון די קעלערן. דער „קייסער״ פון די לאַבוסעס, יצחק, האָט אויסגעאַרבעט אַ סטראַטעגישן פּלאַן, לויט וועלכן ס׳איז אויסגעקומען, אַז עס איז בעסער צו קעמפן אין דעפענסיווע און אויף אייגענעם באָדן, ווו מ׳קען זיך בעסער צוגרייטן. דאָס האָט ער אויסגעלייענט פון די רוסישע ביכער און זיינע בירגער האָבן געהאַט אמונה אין זייער פאַניע און אין זיינע פאַנישע ביכער, ווו די נאַפּאָלעאָנישע מלחמה איז געווען אַזוי גוט באַשריבן.

די פאַרביטערטע שלאַכט איז אויסגעבראָכן אַזוי אומדערוואַרט פאַר אַלע שכנים, אַז במשך פון עטלעכע מינוטן האָבן זיי פאַרהאַקט טיר און פענסטער, מיינענדיק, אַז עס איז חלילה אַ פּאָגראָם. דער שיכורער יוזעף

איז געלאָפן ברענגען דעם סטראזשניק. די צעיושעטע צוויי מחנות האָבן זיך באַוואָרפן מיט שטיינער און שוין עטלעכע שויבן זענען געווען צע־האַקט, ביז אַ הילכיקער געוויין האָט איבערגעריסן אַלץ: „געהרגעט... גע-הרגעט יאַנקעלען...”ביידע אַרמייען זענען זיך ווי אַ פייל פון בויגן צע-לאָפן. ס׳איז אָנגעקומען פריער פּאָליציי און שפּעטער אַן אַמבולאַנס פון „לינת הצדק”.

דער „קייסער” פון די לאָבוסעס, יצחק, איז אַריינגעלאָפן אַ צעשראָ־קענער אַהיים און איידער מ׳האָט אים באַוויזן עפּעס צו פרעגן, איז ער אַרויפגעקראָכן ווי אַ קאַץ אויפן גרויסן דעמבענעם שראַנק און דאָרט זיך באַהאַלטן. כמעט גלייך מיט אים איז אַריינגעשפּרונגען אַ פרוי און מיט אַ גרויסן געפילדער אָנגעהויבן צו שרייען: „אַווו איז ער, דער מערדער? ער האָט מיין שוועסטערקינד געמאַכט אַ טיפן לאָך אין קאָפּ. אַווו איז ער? כ׳וויל אים איבערגעבן אין פּאָליציי...”

נאָכדעם ווי דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט, האָט יצחק פאַר־זיכערט דעם טאַטן און דער מאַמען, אַז ער האָט זיין „אַרמיי” פאַרבאָטן צו שיסן אין די קעפּ, ער האָט בלויז געהייסן וואַרפן די שטיינער אין די פיס, אַז ער וועט שוין גוט אָנברעכן די ביינער דעם יעניקן, וועלכער האָט אים נישט געפאָלגט. ער איז געווען פאַרצווייפלט, הערנדיק, אַז יאַנקעלע קען נאָך חלילה שטאַרבן און ווען נאָך עטלעכע טעג איז געקומען די ידיעה, אַז די סכנה איז פאַרביי, האָט יצחק ערנסט געמאָלדן אין שטוב, אַז ער וועט איצט אויסזוכן אַ נייעם שפּיל, נישט אין „קיסרים” און נישט אין מלחמות, ווייל די ביידע זאַכן זענען ענג פאַרבונדן. אויס קיסר און אויס מלחמות... און יצחק איז געוואָרן אַ פּאַציפיסט...

קאפיטל 10

דער הויפטעאטער

ווי כ׳האָב שוין פריער דערציילט, האָט אונדזער מאַמע געהאַט שוין אַלס פריילין און אפילו אַלס אַ יונג ווייבל, אַ גרויסן אינטערעס פאַר טעאַטער און אַ ספּעציעלע ליבע פאַרן יידישן. אויב אין דעם קליינעם שטעטל קאַרעליטש האָט עס בשעתו געהאַט ארויסגערופן אַן אמתע אומ־צופרידנקייט און תערומות, הלמאי הענדע דעם רבס גייט צו די לצים, וואָס מאַכן „טריאַטער", פלעגט זי אָבער אין אונדזער נייער היים, אי־נעם פּאָלסירנדיקן מיט יידישן קולטור־לעבן לאָדזש, נישט אַדורכלאָזן קיין איינציקע אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונג.

יצחקל פלעגט תמיד מיטגיין מיט דער מאַמען, עס האָט געמעגט זיין אַ דראַמע, קאָמעדיע, צי אַ לייכטער וואָדעוויל, אָדער אָפּערעטע. ער פלעגט שוין אָפּהיטן אין די צייטונגען, אַז מ׳זאָל מיט אים מקיים זיין מיטן טעאַטער און די מאַמע פלעגט די דאָזיקע מצווה אָפּטון מיט חשק, להיפך צום טאַטן, וועלכן מ׳פלעגט נישט קענען ארויסציען אין טעאַ־טער, כיבע צו זען אַ באַרימטן אַרטיסט אָדער אַן אייראָפּעאישע טרופּע.

די ערגסטע שטראָף איז פאַר יצחקן געווען דאָס קנסענען אים מיט נישט גיין אין טעאַטער. דער ערשטער שווערער איינדרוק פון וואַרשעווער „טעאַטר פּאָלסקי", ווו ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן פאַרן גורל פון דעז־דעמאָנאַ, איז ביי אים אין יידישן טעאַטער פאַרשוואונדן, ווייל דאָ האָט ער גוט פאַרשטאַנען דעם האַרציקן עמך־לשון, דעם הומאָר און דעם גאָלד־פאַדן־רעפּערטואַר. ער פלעגט אין שטוב אויסזינגען אַלע לידער און אויך

איבערדערציילן דעם גאַנצן ספּעקטאַקל, מיט אַזויפיל פּרטים, אַז עס פּלעגט אַלעמען וווּנדערן און מ׳פּלעגט אים פּאַראויסזאָגן אַן אַרטיסטישע צוקונפט. ער פּלעגט מאָדנע קונציק נאָכמאַכן אַלע שוישפּילערס, דער־ביי פּלעגט ער אַלעמען זייער ווײַלן. ס׳איז שוין געקומען דערצו, אַז מ׳איז געגאַנגען אין טעאַטער, נישט אַזוי צוליבן טעאַטער גופא, ווי צוליב דעם שפּעטערדיקן, שטוביקן, וועלכן יצחקל פּלעגט אַזוי שיין אָפּשפּילן.

נאָר איין איינציקע ראָל, ביי וועלכער ער פּלעגט זיך נישט ווײַלן און נישט וועלן זי בשום אופן נאָכמאַכן, מיט שרעק זיך אָפּזאָגן דערפון, איז געווען די פון אַ שטאַמלער. די דאָזיקע ראָלע פּלעגט ער אויסמיידן אַפילו אין זיינע רייפערע יאָרן, ווען ער איז שוין געוואָרן אַן אמתער רעזשיסאָר פון דעם ערשטן קינסטלערישן טעאַטער אין לאָדזש — „דראַמאַטישער קרייז" און שפּעטער פון דער העברעאישער „הבימה". די סיבה דערפון איז געווען, וואָס ער איז קינדווייז, ווי שוין דערמאָנט, געווען אַ שטאַמ־לער. מיט דעם מום פּלעגט ער זיך שעמען במשך פון זיינע קינדערישע יאָרן און בלויז אַדאַנק זיין אייזערנער ווילנסקראַפט האָט ער זיך אַליין, אָן שום דאָקטוירים־אינטערווענץ, אָפּגעוווינט פון דעם דאָזיקן פעלער.

עס איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען ווי אַזוי האָט ער זיך, דער קליי־נער גבורל, גענומען אין די הענט און זיך אַליין אויסגעהיילט פון שטאַמ־לעריי. דאָס איז געווען אין זגיערזש, איידער מיר זענען אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש אויף קאַמיעננאַ־גאַס. די מאַמע האָט זיך געפּאַקט מיט אַלע חפצים און די גרויסע פור מיט מעבל האָט שוין געוואַרט אין גאַס, גרייט אויף אָוועקצופאָרן. יצחק איז ווי אַ וועווערקע אַרומגעלאָפן, אַ צופרידענער פון אַזאַ שיינער טרעוואָגע, וועלכע קומט נישט פאָר אַלע טאָג. פּלוצים האָט די מאַמע זיך דערמאָנט, אַז מ׳דאַרף פון אַ שכנטע אָפּנעמען די גע־באָרגטע שער. יצחקל, וועלכער האָט זיך געפרייט, אַז מיר ציען זיך אַריבער אין דער גרויסער שטאָט לאָדזש און אַז ער וועט פאָרן אַזאַ גרויסן מהלך, זיך אַרויפזעצן הויך אויפן פור, נאָך העכער פון פורמאַן גופא, אויפן דעמ־באָוון שאַנק, איז דאָך אַ צעקאָכטער און אומגעדולדיקער געלאָפן צו דער שכנטע. עס גייט אַריבער אַ לאַנגע צייט און ער קומט נישט צוריק. די מאַמע, זייער באַאומרואיקט, לויפט אויך אַהין און טרעפט יצחקן אַ שטאַרק

פּאַרוויינטן. ערשט נאָך עטלעכע מינוטן, נאָכדעם ווי זי האָט אים באַרו־איקט, האָט ער איר דערציילט, אַז ס'איז אים געווען אוממעגלעך אַרויסצו־רעדן דאָס וואָרט „שערל". ער איז נישט געווען בכוח מער צו זאָגן, ווי: מ...מ...מאַ...מע בעעט ששש..." די שכנטע האָט פּונקט פאַרגעסן וועגן דער שער און בשום אופן נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל פון איר, דערביי האָט זי נאָך אים אין שפּאָס באַליידיקט, פאַרלירנדיק די געדולד: „ביסט אַ שטומע־לאַלע! כ'פאַרשטיי נישט, וואָס דו רעדסט!"

ער האָט שוין נישט געוואָלט מיטפאָרן מיט דער פור און אויפן גאַנצן וועג קיין לאָדזש געוויינט, געטופּעט מיט די פיסלעך און געפאָדערט פון דער מאַמען, אַז זי זאָל אים גלייך פירן צו אַ דאָקטאָר, אַז ער וויל זיך אויסהיילן פון אַזאַ מין רעדן — ער וויל נישט זיין קיין „שטומע לאַלע"!...

מען האָט אים געמוזט צוליב טאָן און געגאַנגען צו דר. דאַנכין, וועל־כער האָט אים געהייסן מאַכן שפּראַכלעכע איבונגען פאַר אַ שפּיגל. יצחקל אַלס אַן אַכטיאָריקער יינגעלע איז שוין געווען אַזאַ בר־דעת, אַז ער האָט דעם דאָקטאָר פּינקטלעך אויסגעפאָלגט און מיטן אויטאָסוגעסטיוון סיס־טעם האָט ער זיך במשך פון געציילטע פאָר וואָכן גענצלעך אָפּגעוווינט פון שטאַמלען. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן זיך צו איבן ביים רעציטירן פרעמ־דע און אייגענע שירים און ספּעציעל זיך פּערפעקציאָנירט דורך רעציטאַ־ציעס פון ראָלן, וועלכע ער פלעגט נאָכמאַכן פון יידישן טעאַטער.

אין אַ שיינעם טאָג איז ער געקומען מיט אַן המצאה, אַז ער וועט מאַכן אַ טעאַטער, אַן אמתן טעאַטער אין הויף און אַז מ'האָט שוין דורכן הויזוווירטס פּלימעניק אויסגעפּועלט אַ דערלויבעניש דערצו. מען וועט נישט דאַרפן אפילו מורא האָבן פאַר דעם שיכורן סטרוזש, וועלכן דער באַלע־באָס האָט געהייסן מיט אַלצדינג העלפן די קינדער, אַבי זיי זאָלן נישט מאַכן די ביזהעריקע חורבונות.

די מאַמע און אַלע באַקאַנטע האָבן יצחקן צוגעזאָגט זייער פולסטע שטיצע. דער צען־יאָריקער יצחק האָט דערביי אַרויסגעוויזן אַן ערנסטן צוגאַנג. ראשית האָט ער זיך פאַרזיכערט מיט אַ שטענדיקער „סובסידיע", והשנית, אַז אַלע זאָלן קומען דעם דאָזיקן טעאַטער צו באַזוכן.

און דער געוועזענער „קייסער פון די לאָבוסעס" איז געוואָרן אַ יונגער

און פעאיקער רעזשיסער און דראַמאַטורג און דערהויפּט געוויזן זיין אָרגאַ-ניזאַטאָרישע פעאיקייט.

פון די ווייטסטע גאַסן פון „ווילקע" און פון אַלטשטאָט פלעגן קינדער אַליין זיך מעלדן און בעטן ביי אים, אַז ער זאָל זיי אויספּרוּוון. יצחק פלעגט ערנסט אויספּרוּוון פעאיקע און זיי סעלעקציאָנירן — די צום שפּילן, די צום זינגען און די צום טאַנצן.

מ'האָט ביי אונדז תמיד דערמאָנט, אַז יצחק האָט געזוכט געמאַכט אַ נערוועאיש מיידל, וועלכע מ'פלעגט רופן „הינדע די משוגענע". די משוגעת פון דער 13-יאָריקער פיזיש אַביסל צו אַנטוויקלטער מיידל איז באַשטאַ-נען דערין, וואָס זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ צו שיינע און נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם קוק פון מענטשן. כדי זי זאָל נישט געפעלן קיינעם, פלעגט זי זיך פאַרשמירן דאָס פּנים און דערמיט ווידער אַרויסרופן אַ רעאַקציע, ספּעציעל צווישן קינדער. יצחק האָט באַמערקט אין איר פעאיקייטן און ווייסנדיק, אַז זי האָט דעם שגעון פון וועלן זיין אויסגעשמירט, פלעגט ער זי אויף דער בינע אַרויסלאָזן אַן אויסגעשמירטע, אָפּטמאָל ווי אַ נעגערין, אַרויסרופנדיק דערמיט ביי אַלעמען הילכיקן געלעכטער און אמתן דערפאָלג.

די קינדער, וועלכע האָבן נישט געטויגט פאַרן טעאַטער, האָט ער אויך נישט פאַרשעמט און נישט באַליידיקט. ס'האָט זיך שוין דעמאָלט ביי אים אַרויסגעוויזן זיין טאַקטפולער, איידעלער כאַראַקטער און פעאי-קייט פון אַ דערציער — ווען ער פלעגט גאָר ערנסט זאָגן צו אַזאַ דורכ-געפאַלענעם קאַנדידאַט: „דו וועסט מוזן שפּילן די ראָלע פון פובליקום און אַז דו וועסט זיך רואיק צוקוקן — וועסטו מיט דער צייט אויך ווערן אַן אַרטיסט!"

יצחק האָט מיט זיין מחנה פון געוועזענע לאָבוסעס ביים סאַמע סוף פונעם לאַגער, נישט פאַרבויטן טייל פון הויף אויסגעבויט אַ בינע פון האָלץ און לייוונט. יעדן פאַרנאַכט פלעגן זיי דאָרט מאַכן רעפּעטיציעס. דער ערשטער רעפּערטואַר איז געווען דער איבערגעחזרטער פון יידישן טעאַטער, אין וועלכן יצחק און אַ סך אַנדערע קינדער האָבן געקענט פון פריער. שפּעטער האָט ער באַשלאָסן צו שאַפן אַן אייגענעם רעפּערטואַר.

דאָס איז געווען אין די צייטן פון דרייפוס-פּראָצעס, ווען מ'האָט אַ

סך דערפון גערעדט און געשריבן. און יצחק האָט צו צוועלף יאָר אָנגע־שריבן זיין ערשטע דראַמע „קאַפּיטאַן דרייפוס". ער האָט די דאָזיקע דראַ־מע גלייך מיט זיין טרופּע איינגעשטודירט און געמאַכט אַ גרויסע פּראָ־פּאַגאַנדע דורך פלוגבלעטער. די פּרעמיערע פון דער דאָזיקער דראַמע איז געווען די גרויסע סענסאַציע פון דער גאַנצער געגנט אַרום קאַמיעננאַ־גאַס. היות אינעם פלוגבלעטל, געדרוקט מיט אַ קינדער־האַנט-דרוקעריי, איז געשטאַנען, אַז יעדער איינציקער מוז זאָרגן פאַר זיין זיצפּלאַץ, האָט מען יענעם פאַרנאַכט געזען אַלע שכנים טראָגן בענקלעך אין הויפּטעאַטער.

דער אויטאָר און דער רעזשיסאָר, יצחק, איז אויך געווען אין דער הויפּטראָל פון דרייפוסן און האָט זי אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ טאַלאַנט, אַז אַלע ווייבער האָבן ביטער געוויינט און ס'האָט זיך געטראָגן אַ געיאָמער איבערן גאַנצן הויף, בעת דער העלד פון דער דראַמע האָט איבערצייגנדיק פאַרזיכערט דעם גלויביקן יידישן פּובליקום וועגן זיין אומשולדיקייט און אַז ער ליידט בלויז צוליב זיין יידישקייט...

יצחק, זייענדיק געראָטן, אין דעם פּרט, אין אונדזער פאָטער, דעם וואונדערבאַרן געשיכטע־קענער, האָט פון זיינע קלענסטע יאָרן אָן זייער ליב געהאַט יידישע געשיכטע; ער האָט געדענקט גאַנצע טיילן פון נביאים און פלעגט זיי מייסטערהאַפט רעציטירן. די דאָזיקע ליבע צום תנ"ך האָט ער באַהאַלטן זיין גאַנץ לעבן. די, וועלכע זענען מיט אים געלעגן אין די בונ־קערס פון וואַרשעווער געטאָ, דערציילן, אַז אַפילו מיטן געווער אין האַנט, האָט ער נאָך אַלץ געלערנט קינד און קייט פונעם אייביקן בוך פון אייביקן פאָלק...

באַלד נאָך „דרייפוסן" האָט יצחק פאַר זיין הויפּטעאַטער אָנגע־שריבן אַ היסטאָרישע דראַמע „הורדוס". די דאָזיקע דראַמע איז דורך יצחקן אָנגעשריבן געוואָרן מיטן געדאַנק אויפצופירן זי אין דעם טאָג פון זיין בר־מצווה, ווייל ער איז שוין דאַן געווען אַ פולשטענדיקער מענטש. ער האָט שוין געהאַט אַ נאָמען פון אַ צוקינפטיקן דיכטער, וועמענס לידער און נאָוועלן ווערן געדרוקט אין די העברעאישע זשורנאַלן און אין די וואַר־שעווער בלעטער.

קאפיטל 11

די ערשטע קינדער-ליבע

אזוי איז ער געוועז צו זיינע דרייצן יאָר שוין כמעט אַ גאַנצער מאַנס-פערשוין. די יוגנטלעכע אין זיין עלטער און אפילו אַ סך עלטערע פון אים פלעגן זיך באַרימען מיט זיין פריינטשאַפט. ער איז ביי זיי געוואָרן אַ גאַנצער פירער און נישט נאָר פון בחורים, נאָר אויך פון מיידלעך, וועלכע פלעגן אים פשוט פאַרגעטערן און זיך פאַרליבן אין שיינעם, לעבעדיקן און טאַלאַנטפולן יצחקן. ער איז געוועזן אַ געוויקסיקער בחור, מיט ערנסטע מאַנירן, די רעכטע האַנט אין טאַטנס שולע, וועלכע האָט אגב אָנגעהויבן שלעכט צו גיין, צוליב קאָנקורענץ פון אַנדערע ניי-געשאַפענע, ווי קרעמער, קרינסקי, וועלכער האָט זיך שפּעטער איבערגעצויגן קיין וואַרשע און דאָרט געעפנט אַ יידישע גימנאַזיע.

יצחקס רייפקייט צו די דרייצן יאָר האָט זיך אפילו אַרויסגעוויזן אין זיין ערשטער יוגנטלעכער נייגונג צו אַ פּראַקטיקער מיידעלע פון זיין עלטער — מיטן נאָמען אסתרקע. אַ מאָדנע כמעט פאַטאַלע קאָאינסידענץ אין זיין אינטימען לעבן: זיינע דריי ליבעס פאַר זיין חתונה זענען געווען פונקט צו דריי אסתרס! זאָל עס זיין באמת בלויז אַ צופאַל? איך פלעג האָבן דעם איינדרוק, אַז דער נאָמען אסתר איז ביי יצחקן געוועזן באַזונדערס ליב, אפילו צו זיינע תלמידות, וועלכע ער פלעגט ליב האָבן מיט דער ריינסטער ליבע פון אַ טאַטן, אַ דערציער. אַלע דריי אסתרס האָבן אויף אים, יעדע אויף איר שטייגער, פאַטאַל געווירקט...

לאָמיר אָנהייבן מיט דער ערשטער. אסתרקע איז געווען שלאַנק ווי א פּאַלמע, צו הויך פאַר אירע 14 יאָר, פיזיש און גייסטיק אַנטוויקלט, מיט אַ מאָדאָנע פּנימל, אַן אמת מלאכישן, מיט גרויסע, גרויע פאַרחלומטע אייגעלעך, תמיד אונטערגעהאַקטע, ווי נישט אויסגעשלאָפענע, מיט צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ ביז די קני. איר גאַנג איז געווען אַ מאַיעסטעטישער ווי פון אַ מלכּה. שכנים פלעגן שמועסן אויפן אויער, אַז ביי איר גאַנצער שיינקייט איז זי, וועלכע האָט געהאַט אַ טובערקולאָזן פאָטער, אַליין אויך נישט אינגאַנצן מיט די לונגען, ווייל תמיד פלעגט מען זי פירן קיין אָט־וואָצק, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע.

איר מוטער פלעגט עס פאַרלייקענען און פאַרזיכערן, אַז איר פאַר־שטאָרבענער פאָטער פלעגט זי בלויז מיטנעמען מיט זיך, צוליב דער גרוי־סער צוגעבונדנקייט צו איר און אַז ער אַליין וואָלט נאָך געלעבט און גע־לעבט, ווען נישט די פּאַפּיראָסן, וועלכע ער פלעגט רויכערן משוגענערווייז אַ פערציק שטיק אַ טאָג. די פּאַפּיראָסן הייסט עס האָבן אים געהרגעט! אָבער אסתרקע — זי איז געזונט ווי אַ ריבעלע, והראיה די מאַמע דער־לויבט איר צו שפּילן טעאַטער אין יצחקס הויפּטעאַטער, אָפּטמאָל אויף קעלט און אויסגעשטעלט אויף ווינטן.

אסתרקע פלעגט מייסטערהאַפט אויספירן די הויפּטראָלן און גע־וואַקסן אַן אמתע סאַראַ בערנאַרד לויט יצחקס מיינונג. די סאַמע שווער־סטע דראַמאַטישע ראָלן פלעגט זי אויספירן און יצחק איז געווען שטאָלץ מיט איר און דורך דער אָנערקענונג צו איר טאַלאַנט איז געקומען אויך זיין ליבע צו איר.

און פּלוצים איז אסתר, זיין הויפּט־אַקטריסע, די פּרימאַדאָנאַ, געקו־מען צו אים מיט אַן אָפיציעלער מעלדונג, אַז זי גייט פאַרלאָזן זיין הויפּ־טעאַטער. פאַר יצחקן איז עס געווען ווי אַ דונער פון העלן הימל! די סיבה? — איר הערצעלע טראָגט נישט אויס די שטאַרקע עמאָציעס פון טעאַטער. דער דאָקטאָר האָט עס איר פאַרבאָטן נאָך אַ האַרץ־אָנפאַל, וועלכן זי האָט ערשט געהאַט אין אַ שטאַרקער פאָרם. פריער פלעגט זי דאָס אויך האָבן, אָבער זי פלעגט זיך שעמען צו דערציילן, כּדי נישט צו דערשרעקן די מאַמען, ביי וועלכער זי איז די איינציקע קרוין אין קאָפּ. זי האָט עס שוין

לאנג געמערקט, אז בשעת זי רעפעטירט געפילפולע סצענעס און בפרט, ווען זי שפילט שוין פאר דער עפנטלעכקייט, ווען דאס פובליקום באווייזט זיין עמאציע און די פרויען הייבן אן צו וויינען — טיאכקעט איר, אסתר־קען, אין הארצן און זי צווימט זיך אליין איין, מיט די לעצטע כוחות, כדי נישט אויסצוברעכן צוזאמען מיטן עולם אין א הילכיקן געוויין.

האט טאקע יצחק צוליב אסתרקען געביטן דעם ערנסטן רעפערטואר און אין זיין הויפטעאטער אריינגעפירט לייכטן, קאמישן אינהאלט פון פאליטישער און געזעלשאפטלעכער סאטירע. די טעמעס פלעגט ער שעפן פון די טאג־טעגלעכע צייטונגס־ידיעות אדער סתם פון לעבעדיקן לעבן. די צייטונגען האבן דעמאלט געדרוקט אפטימיסטישע קארעספאנדענצן פון ארץ ישראל, ספעציעל פון די קאלאניעס פון די ערשטע בילויים־פיאנערן.

יצחק האט אויפגעפירט אויף דער בינע א דיאלאג אין פארם פון א טעלעפאן־געשפרעך. דער טעלעפאן אליין איז נאך דעמאלט אויך געווען א נייעס אין טעגלעכן לעבן, בפרט צוליב זיין נישט פערפעקטער פונקציא־נירונג, וואס די פראצעדור פון פארבינדן זיך, דורך דער פארמיטלונג פון דער צענטראל־סטאנציע מיט א נערוועאישער שיקסע, וואס פארשטייט נישט דעם צעקאלעטשעטן פויליש פון יידן, וועלכע ווילן צווישן זיך שמועסן — איז שוין אויך פאר זיך א קאמעדיע. די וויטערע קאמישע מאמענטן באשטייען אין דעם אויסוואל פון כאראקטעריסטישע טיפן פון „לאדזשער מענטשן": צוויי סוחרימלעך פון דער „נאוואמיעיסקא (א מין ווארשעווער נאלעווקעס) רעדן מיטן עכטן לאדזשער אקצענט, וואס רופט שוין אליין ארויס לעבעדיקן הומאר. דיביידע סוחרים זענען גאר נישט קיין סוחרים, ווי ס'ווייזט זיך ארויס פון זייערע בלאפערייען, נאר פשוטע מנחם מענדלס, לא יוצלחס, ווי דער שטייגער, וואס זוכן גוטע געשעפטן און אין שטוב פייפט דער דלות און דאס ווייב מיט די טעכטער איז דער צונאב־קאמפאט... די צוויי מנחם מענדלס, נאכדעם ווי ס'קומט בולט ארויס דאס קעגנזייטיקע בלאפן, גיבן זיך עצות, ווי אזוי ארויסצוקריכן פונעם ביטערן מצב. און דא קומט בולט ארויס דער אידעאלאגישער קאמף אויף דער יידישער גאס. איינער עצהט דעם צווייטן, אז ער מעג דעם „צאר" פארלאזן אן צער און פארן אין די רייכע אמעריקעס, ווו גאלד געוועלעך

געוואָרן. געשעפטן אין די גאַסן האָבן אין שבת פונקט זיך, מען האָט באַקענען זיך
הויכער איז דאָרט געוואָרן אין קורצע טעלעפאָן־יאָרן אַ עושר, אַ מיליאָ־
נער, אַ ראָטשילד... און היות איטשע מאיר איז זיינס אַ שטיקל מחותן,
האָפּט ער, אַז בקרוב וועט ער אים אַהין אַרויסרופן. דער צווייטער ייִד
אָבער טענהט, שוין נישט מיט אַזאַ האָפּערדיקייט, גיכער מיט אַ טאָן פון
מעלאַנכאָליע, אַז אויב שוין יאָ פאַרלאָזן די איינגעזעסענע היים, איז נישט
כדאי צו בייטן זי אויף אַ נייעם, ביטערן גלות. בעסער שוין מקדים צו
זיין משיחן און פאָרן קיין ארץ ישראל, צו זוכן דאָרט דעם יידישן תיקון
נצח.

דאָ צעהיצט זיך שוין דאָס געמיט פוןביידע שמועסער און ס'באַווייזן
זיך צוויי צדדים אין יידישן לעבן. אויף דער באַשולדיקונג פונעם אָנהענ־
גער פון אַמעריקע, אַז פאַלעסטינע איז אַ ווידסטער מדבר „מיט קדחת און
באַלערעס מיט בלאָטעס און שלאַנגען", אַז די „ציוניסטן" וועלן במילא
דאָרטן גאָרנישט אויפטאָן, אַז זיי זיינען משוגעים, וועלכע מ'דאַרף פירן
אין „קאַבאַנעוועס" (דאָס לאָדזשער משוגעים־הויז), שרייט און קאָכט זיך
דער געלאַסענער ייִד, דער חובב ציון, אַז ס'איז שקר וכזב און והראיה: עס
שטייט אין דער הייליקער תורה, אַז עס איז געווען און ס'וועט דאָרט ווי־
דער ווערן אַן אָרץ זבת חלב ודבש!... אויף דעם געשריי דורכן טעלעפאָן
פונעם שונא ציון, אַז נישט נאָר האָניק און מילך איז דאָרט נישטאָ, נאָר
אַפילו וואַסער, פשוטע פּראָסטע וואַסער „פון פּלומפּ" פעלט דאָרטן, אַז
אין זיין גן־עדן, פאַלעסטינע, גייען אַלע אַרום מיט אויסגעשטרעקטע, טרו־
קענע צינגער, שרייט אים דער חובב ציון, אַז „בעיני ראיתי", ער האָט
אַליין געזען „שטיין אָפן באַלאַטצייטונג", אַז אין ארץ ישראל איז שוין דאָ
אַ פּלומפּ, „אַ ראַכטיקער וואַדאָטשאָנג..."

דער עולם האָט זיך זייער געוויילט און דער הויפּטעאַטער האָט זיך
שטאַרק אַנטוויקלט אין זיין חשיבות. אַסתרקע האָט שוין געהאַט קאָמישע
דאָלן פון „דינסטערמוידן", פון שלעכטע ווייבער אָדער שוויגערס א. א. וו.
יצחק פלעגט זיך זייער פרייען זעענדיק אויפקומענדיקע רויטע קאָלירן אויף
איר בלאַסן, וואָס אַמאָל מער בלוטלאָזן פּנימל פון אַ מלאכל. דאָס האָט
יצחקן נאָך מער מוט צוגעגעבן צו שאַפן פרייליכן רעפּערטואַר, ווייל אסתר־

קעם מוטער פלעגט אים תמיד בעטן, אז ער זאל זי נישט אנשטרענגען מיט ערנסטע ראלן.

א צווייטע פריילעכע סצענקע האט ער אויפגעפירט א. נ. „וואס ברילן זענען!...״ א ייד, א קנאפער בן-תורה, נעמט פארקערט אין האנט א „בלאטצייטונג״ און דערזעט מיט פחד, אז א שיף איז שוין ווידער דערטרונקען געווארן, שפעטער לייענט ער קוים אדורך א ווארט און שטוינט: „וואס ברילן זענען!...״ — „א גאנצן לעבן האב איך געמיינט, אז מ׳זאגט מעמקי-ים, מעמקים, און היינט ערשט, דורך די ברילן זע איך, אז מ׳דארף זאגן... מעקקים!״

דער געזונטצושטאנד פון אסתרקען האט זיך אלץ מער פארערגערט, מ׳פלעגט באשיינפערלעך זען, ווי זי ווערט וואס אמאל שוואכער און בלאסער. איר מוטער האט זיך ביי יצחקן געבעטן, אז ער זאל זי באפרייען פון די פראבעס און אויפפירונג פון זיין נייסטער פיעסע „אחשורוש״, וועלכע ער האט געוואלט אויפפירן פונקט אין פורים און טאקע מיט אסתרקען אין איר היסטארישער ראלע. ער האט פארזיכערט און געגעבן זיין ערנווארט, אז דאס וועט שוין זיין דאס לעצטע מאל, וואס אסתרקע וועט אויפטרעטן אין זיין הויפטטעאטער.

און אזוי איז עס געווען. אסתרקע האט געהאט איר לעצטן אויפטריט אין איר ריכטיקער ראלע, צוגעפאסט סיי פאר איר נאמען, סיי פאר איר קייזערלעכן אויסזען און געשטאלט. דער גרימירער, אגב דער גרימירער פון יידישן טעאטער, האט אזוי מייסטערהאפט צוגעגעבן פארבן צו אירע וואונדערשיינע געזיכטשטריכן און אויגן, וועלכע האבן געבלישטשעט, ווי צוויי מאגנעטישע שטערנס, אז זי איז ארויסגעקומען די ריכטיקע, אויסגעחלומטע אסתר המלכה!...

יצחק האט געשפילט מרדכין און לײדער צו רעאליסטיש. ווען ער קומט אין טיפן טרויער, מיט א זאק אש אויפן קאפ און בעט וויינענדיק, אז זיין פלעמיעניצע אסתר זאל נישט פארגעסן איר אומגליקלעך פאלק, אז זי זאל זיך איינשטעלן פאר אירע ברידער און שוועסטער, וועלכע דער רשע וויל אויסקוילען... אז נאכדעם, ווי המן וועט אויסהרגענען אלע יידן, וועט ער אויך זי, אסתרן, אויך נישט שאנעווען און לסוף אומברענגען

(יצחק איז דערביי אַזוי אַריין אין ראָל, אַז ער האָט אסתרקען אָנגעהויבן כמעט צו ווערגן ביי איר שוואַכן, לאַנגן העלדזל) — איז מיטאַמאָל געשען אַן אומגליקלעכער סורפּריז!... אסתרל האָט אויף אַן אמת פאַרלאָרן דאָס באַוווסטזיין און איז געפאַלן אין חלשות... די פאָרשטעלונג האָט געמוזט איבערגעריסן ווערן, צום גרויסן עגמת-נפש פון יצחקן און פאַרדרוס פונעם ענטוזיאַסטישן פובליקום, וואָס איז געקומען זען די פּיעסע און אַפילו מיטגעבראַכט גרענערס, וועלכע האָבן שרעקלעך געוויזן בעת יעדן באַ-ווייזן זיך פון המנען מיט זיינע בנים רשעים.

יצחק האָט זיך זייער איבערגענומען מיטן טאָפּלטן עגמת-נפש: צוליב דעם איבעררייסן די פאָרשטעלונג און צוליב אסתרקעס געזונטצושטאַנד. עטלעכע וואָכן האָט ער נישט גערוט און גאַנצע טעג אָפּגעזעסן נעבן איר בעט, דערציילנדיק איר פרייעלעכע מעשהלעך, פרעמדע און אייגענע, גוט צו-געגרייטע אין דער היים. אַלע האָבן צוגעקוקט מיט אַ ווייטיק אין הארצן, ווי די בלאַסינקע, אויסגייענדיקע ווי אַ ליכט, אסתרקע, גלעט זיינע הערלעכע געקרייזלטע האָר און ווי ער האַלט אירע פאַרמעטענע הענטלעך...

מען האָט אויף דער עצה פון דאָקטוירים נישט געוואָלט זי איבער-לאָזן ווינטער אין לאָדזש, נאָר גלייך זי געשיקט קיין אָטוואָצק אין אַ סאַ-נאַטאָריע פאַר גאַלאָפּ-טובערקולאָזע. דאָרט איז זי אויסגעלאָשן געוואָרן גאָר שנעל.

די דאָזיקע טראַגישע פּאַסירונג מיט אסתרקען האָט יצחקן דערשי-טערט. פאַר זיינע נישט קיין גאַנצע פופצן יאָר איז עס געווען אַ שטאַרקע איבערלעבעניש! זיין רעאַקציע אויף דעם איז געווען זייער אַן עפעקטפולע, אַ דראַמאַטישע... ער האָט שפּעטער, אין די רייפערע יאָרן, דאָס דאָזיקע באַדויערט.

נאָך שבעה, נאָך אסתרקעס טויט, האָט ער צוזאַמענגערופן זיין גאַנ-צע טרופּע פונעם הויפּטעאַטער, זיי באַוויזן אַ צוזאַמענגעלייגטן בערגל מיט פּאַפּירן, זיינע כתב־ידן, דאָס אַלץ אונטערגעצונדן און בעת דאָס פייער האָט געפרעסן זיינע ווערק, האָט ער די צעשראָקענע יינגלעך און מיידלעך געמאָלדן, אַז ער פאַרברענט דעם זכר פון טעאַטער, אַז מיטן טויט פון אסתר-קען איז פאַר אים טעאַטער איצט אַ טויטע פאַרגאַנגענהייט... די קליינע

אַרטיסטן זענען געשטאַנען אין אַן אבל-שטימונג, אונטערן רושם פון די ווערטער, די מיידלעך האָבן געוויינט און די בחורים געווישט די טרערן אין באַהעלטעניש. לסוף, ווען יצחק האָט פּרובירט מספּיד זיין די פּאַרלאָרענע גוטע חברטע, וועלכע איז פאַר אים געווען... מער ווי אַ חברטע... האָט ער זיך אַליין אויך צעבליפּעט אויפן קול...

אַזוי האָט זיך געענדיקט יצחקס ערשטע ליבע פון זיין ערשטן הויף־טעאַטער, וועלכן ער האָט אַליין אָרגאַניזירט, אדמיניסטרירט, פאַרזיכערט מיט רעפּערטואַר, אַליין געשאַפענעם און אַליין רעזשיסירטן.

קאפיטל 12

פון א גימנאזיסט א... פעליעטאָניסט

שוין עטלעכע יאָר ווי יצחק האָט געלערנט וועלטלעכע לימודים און געוואָלט אריינטרעטן אין גימנאַזיום. עס האָט דעמאָלט געהערשט א גימנאַזיע־פיבער אין אַלע יידישע פאמיליעס. עפּעס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס רוקט זיך אָן אויף גאָטס וועלט א גאַנצע כמארע פון צוקינפטיקע דאָקטוירים. א דאָקטאָר! אַ דאָקטאָר! מיין זון וועט זיין א דאָקטאָר! ער שטודירט דאָקטאָר! דער זון האָט ערשט באַזוכט דעם פערטן, פינפטן קלאַס און אַרום אים האָבן זיך שוין אַרומגעוועבט חלומות וועגן דער קאַריערע פון דאָקטאָר, וועגן די טויזנטער רובל גדן, וואָס ער וועט באַקומען אא"וו.

אויך אונדזער מוטער האָט זיך געלאָזט מיטשלעפּן מיטן דאָזיקן שטראָם פון גימנאַזיע־פיבער. דערצו האָט זי געהאַט אירע סיבות: זי האָט זיך זייער אַנטוישט אין דער צוועקמעסיקייט פון יידישן וויסן אין טאָג־טעגלעכן פּראַקטישן לעבן. דער טאַטע, דער גרויסער למדן, די גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע, האָט קנאַפּ וואָס געקענט מאַכן פּרנסה פון מלמדות. דעם חדר האָט ער געמוזט פאַרמאַכן, מיר האָבן זיך פון דער קאַמיענעצ-גאַס אַריבערגעצויגן אויף צעגיעלניאַנא 54 און די מאַמע, נישט קענענדיק זיך פאַרלאָזן אויף דעם טאַטנס פּריוואַטע לעקציעס, האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן מיטאָגן פאַר אייגענע מענטשן. דער סוף איז געווען, אַז אויך זי האָט זיך נישט אויסגעטויגט צו קיין געשעפטן, צוליב איר אויסערגעוויינלעכער גוטסקייט. מען פלעגט זי זייער אויסנוצן און נישט באַצאָלן.

אין די באַדינגונגען האָט יצחק געמוזט שוין צו פערצן יאָר אָנהייבן אויך געבן פּריוואַטע לעקציעס פון העברעאיש. זיין לערנען זיך פאַר דער גימנאַזיע איז געווען זייער באַשווערט צוליב דעם נאָך, וואָס פאַר יידן האָט מען געשאַפן אַ פּראָצענט-נאָרמע, אַ נומערוס-קלאַוזוס און ספּעציעלע שוועריקייטן געמאַכט פאַר די עקסטערניסטן, וואָס האָבן געהאַלטן עקזאַמענס אין די העכערע קלאַסן.

יצחק האָט נישט געוואָלט די מאַמען מצער זיין. זי האָט דאָך גע־האָפט, אַז סוף־כל-סוף וועט ער זיך אַריינכאַפּן אין גימנאַזיע. אָבער דאָס איז געווען כמעט אוממעגלעך, ווייל ס׳איז פּשוט געווען פאַרבונדן מיט כלערליי נסים. קודם-כל האָט מען געדאַרפט זיין פריי פון דאגות פּרנסה, וואָס ער האָט שוין יונגערהייט געהאַט, צווייטנס האָט מען געדאַרפט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען אויף סאַמע אויסגעצייכנט, דריטנס האָט מען געדאַרפט האָבן אַ סך געלט און געבן כאַבאַר, כדי מיטן כוח פון דער מטבע זוכה בגורל זיין ביי דער פּראָצענט-נאָרמע.

האָט יצחק דאָס אַלץ, די אַלע לעכערלעכע קרומקייטן פון יידישן אומנאָרמאַלן לעבן באַשריבן אין פעליעטאָנען, וועלכע ער האָט פאַרעפנט־לעכט אין פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן. אין זיי פלעגט ער אַזוי קינסטלעריש אַרויסברענגען פערזאָנען און פּאַסירונגען פון זיין אייגענעם און אַרומיקן לעבן, אַז אין לאָדזש האָט ער אַרויסגערופן באַוווּנדערונג מצד דער גאַנצער סביבה און גלייכצייטיק שרעק מצד זיי אַלעמען, וועלכע האָבן מורא געהאַט, אַז דער גימנאַזיסט וועט זיי „אַריינשטעלן אויפן בלאַט-צייטונג".

דוד פרישמאַן, דער שטרענגער קריטיקער, וועלכער איז געווען די בייטש פון דער דעמאָלדיקער ליטעראַטור און ספּעציעל פון די גראַפאָ־מאַנען, פלעגט באַזוכנדיק אונדזער פאָטער, ספּעציעל זיך אינטערעסירן מיט יצחקס שאַפונגען. ער האָט זייגע ערשטע העברעאישע לידער גע-דרוקט אין „הצופה" און אים זייער געמוטיקט. לייענענדיק יצחקס פע-ליעטאָנען, האָט ער אַמאָל ביי אונדז אין שטוב אָנגעהויבן אויסצולאַכן די עלטערן, וועלכע האַלטן, אַז די גאַנצע בילדונג שטעקט אינעם דיפּ־לאָם. צו יצחקן האָט ער געזאָגט:

„פּאָלג מיך, פּאַרדריי זיך נישט קיין קאָפּ מיט דער גימנאַזיע! ערשטנס וועסטו נישט אָנגענומען ווערן, צווייטנס ווייס איך, אַז דו ביסט שוין נישט צוגעפּאַסט צו זיין אַ גימנאַזיסט און דריטנס, איידער צו זיין אַ ספּקדיקער גימנאַזיסט — ווער בעסער אַ גוטער פּעליעטאָניסט".

און אַזוי איז יצחק געוואָרן פון אַ גימנאַזיסט אַ פּעליעטאָניסט.

יצחק פּלעגט אויפכאַפּן אַלץ אַרום זיך און פאָטאָגראַפירן און מאָלן. אין זיין אופן פון שרייבן איז ער געווען אַ מאָלער און ליב געהאַט צו מאָלן שיינע בילדער-באַשרייבונגען, פּונקט ווי ער האָט ליב געהאַט אמתע קונסט־בילדער פון קונסטמאָלערס. זיינע חברים, די מאָלערס, פּלעגן שפּעטער זיי־נע שילדערונגען אויפכאַפּן אויפן לייוונט אַלס פיינע סיוזשעטן. דאָס איז צום ביישפּיל געשען מיט זיין פּעליעטאָן א"נ „דער שוואַרצער פּלעק".

אַמאָל, אַרויסקוקנדיק פונעם פענצטער, האָט ער באַמערקט, אַז דער גרויסער באַרג מיט קוילן פונעם קוילנהענדלער אין אונדזער הויף איז אויסגעפּאַרקויפט געוואָרן און אַז אויף דעם מיט געדיכטן ווייסן שניי באַ־דעקטן גאַנצן הויף שוואַרצט אַרוים אין איין אָרט אַ גרויסער שוואַרצער פּלעק. די פּרטים פון דעם פּעליעטאָן וועגן קוילנהענדלער געדענק איך נישט, נאָר די מאַמע פּלעגט דערציילן, אַז פון די ווייטע געגנטן פון לאָדזש איז מען געקומען אָנקוקן דעם אַזוי מייסטערהאַפט באַשריבענעם „שוואַרצן פּלעק", וואָס דער אונטערשלאַק דערפון איז צווישן די שורות געווען אַ כאַציאַל-געזעלשאַפטלעכער, פּאַרשטענדלעך, אַז די צענזור, די צאַרישע, זאָל זיך דערפון נישט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון.

אָבער דער אויספיר דערפון איז, אַז דער דאָזיקער פּעליעטאָן האָט גע־דינט איינעם פון די באַקאַנטסטע מאָלערס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער סביבה פונעם מאָלער גליצענשטיין. זיינער אַ תלמיד, וויינבערג און יצחקס אַ גוטער חבר האָט די דאָזיקע טעמע פּאַראייביקט אויפן לייוונט און באַקומען די ערשטע פּרעמיע אויף דער וואַרשעווער קונסט־אויסשטע־לונג.

אַ וואונדערבאַרן פּעליעטאָן, פּאַרבונדן מיט דער דעמאָלסטיקער „אח־דות-באַוועגונג", האָט יצחק אויפגעכאַפּט פון אונדזער קאַרעליטשער פריינ־

דין לאסקע שימשעלעוויטש. דער דאזיקער האט געהייסן: „כ'לאז זיך נישט טרעטן פון... עלטערן".

לאסקע איז אין לאדזש פון א גוטער העקלערין געווארן אן ערשטקלאסיקע שניידערין. זי האט אויסגעלערנט אירן א קרוב, מאיר, צו ווערן א ספעציאליסט ביי „קלאפעס" צו די דאמען־קאסטיומען. עס האבן אויך ביי איר געארבעט עטלעכע מיידלעך, ווייל זי איז אלס גוטע שניידערין געווען פארלייגט מיט ארבעט. אירע ארבעטן זענען געווען מאדעלן פאר די גרעסטע בעלער, טעאטער־אויפטריטן און חתונות, אלץ א דאנק דער גרויסער פאנטאזיע און געשמאק, וועלכן זי האט אין זיך פארמאגט. אָבער ווי פעאיק זי איז געווען, אזוי אויך נישט געארדנט, צעחושט. פלוצים פלעגט זי אנהייבן דעקלאמירן שירים, וועלכע איר זכרון האט אויפגעהאלטן במשך פון לאנגע יארן. פון איין זייט האט איר פארשטעלונגס־קראפט איר געדינט ביים באשאפן נייע מאדעל־קליידער, פון דער צווייטער זייט פלעגט דער ראמאנטישער חוש — פון איר מאכן א נישט ווארטהאלטערין און מען פלעגט זי רופן: „לאסעניו, די פלוידערין"... נישט איין חתונה פלעגט מען מוזן צוליב איר אפליינגן, אָבער איינמאל, אין דעם באשריבענעם פאל, איז עס געקומען צו אן עפנטלעכן סקאנדאל מיט פאליציי און א"וו. א פארעקשנטע כלה איז געזעסן ביי לאסקען, פונקט דעמאלט, ווען זי האט שוין געדארפט שטיין אונטער דער חופה. דער חתן, זעענדיק, אז זי איז נישט געקומען, איז געלאפן צו דער שניידערקע לאסקע שימשעלעוויטש, און זי האט אויף שנעל צוזאמענגעשטעלט דאס חופה־קלייד, נישט אויסגעפארטיקט, מיט שפילקעס, וועלכע האבן די כלה געשטאכן ביז בלוט און זי איז געלעגן א פארחלשטע. דער חתן, וועלנדיק זי מינטערן, האט זיך אליין אויך צעבלוטיקט די הענט. אין דער רגע, ווען ס'איז געווארן א טומל, איז ארייננגעלאפן פון צווייטן צימער מאיר, און לאסקע, נישט ווּיסנדיק צו וועמען אויסגיסן איר ביטער געמיט, האט אויף אים אנגעהויבן שרייען. דער חתן, א פארביטערטער, מיינענדיק אז מאיר איז עס דער שולדיקער אין דעם טרויעריקן מצב פון זיין כלה, האט אים דערלאנגט א פאטש מיט דער פארבלוטיקטער האנט. מאיר, וועלכער האט געהערט צום „בונד", האט גוט אנגעבראכן די ביינער דעם חתן און געשריען, אז ער איז פונעם „אחדות" און

וועט זיך נישט לאָזן טרעטן פון קיינעם, נישט פון לאַסקען, נישט פון אירע קונדן און אַפילו אויך נישט פון זיין חברטע, עטלען! „ניין, פון עטלען אַפילו וועט ער זיך אויך נישט לאָזן טרעטן!" דער צעשלאָגענער, מיט אונ־טערגעהאַקטע אויגן חתן, הערנדיק, אַז מאיר איז פונעם „אחדות", איז גע־לאָפן אים מסרן, ס'איז אָנגעקומען פּאָליציי און אַלעמען געפירט אין צירקל אַריין. מילא פון חתונה איז שוין אָפּגערעדט, די דאָזיקע האָט מען אָפּגע־לייגט און שפּעטער איז שוין עפּעס גאָר קאַליע געוואָרן און ס'איז געוואָרן אויס שידוך. דער עיקר הדבר, יצחק האָט געמוזט דורך זיינע באַקאַנטע אינטערווענירן, מען זאָל דעם „אחדות"-יונג אַרויסלאָזן אויף דער פריי. אָבער ער האָט די גאַנצע פּאַסירונג באַשריבן אין אַ פעליעטאָן, אונטערן נאָמען: „כ'לאָז זיך נישט טרעטן פון — עטלען!"...

צו אונדז פלעגט אַריינפאָרן אַ גוטער באַקאַנטער פון קאַרעליטש, אַ דאָרט־באַקאַנטער סוחר ישעיה בראַנקעס. יצחק, וועלכן בראַנקעס האָט גע־דענקט אַלס אַ פּיצעלע קינד, האָט אים געמוזט אַמאָל באַגלייטן צו די סוח־רים ביים איינקויפן און דערליידיקן זיינע מסחרים. די גאַנצע צייט האָט אים בראַנקעס געשלעפּט אויפן ברוק און זיי האָבן געמוזט לויפן צווישן דער גרויסער באַוועגונג פון פורן, דראָזשקעס און טראַמווייען. יצחקן האָט פאַראינטערעסירט, פאַרוואָס לאָזט ער זיך נישט אַרויפפירן אויפן טראָ־טואַר, וווּ מ'קען דאָך אַ סך באַקוועמער גיין און אַפילו שפּרייזן, האָט אים בראַנקעס געענטפערט: „היינט ביינאַכט, נאָך קבלת שבת, וועל איך אַ שבתדיקער, אַן אָנגעטוענער גיין שפּאַצירן אויפן טראַטואַר. דער טראַטואַר איז בלויז פאַר ליידיקגייער אָדער גרויסע גבירים, וועלכע האָבן נישט וואָס צו טאָן און שפּאַצירן דאָרט אַרום אין מיטן וואָך..." כאָטש ישעיה בראַנ־קעס האָט זיך מיט קיין דברי חול נישט פאַרנומען און די פּוסטעפּאַסנע צייַ־טונגען נישט געלייענט, האָט מען אים אָבער איבערגעגעבן און אונטערגע־טראָגן אַ הומאָרפולן פעליעטאָן א"נ „ישעיה בראַנקעס".

אין זיינע פעליעטאָנען איז יצחק, אין די יינגסטע יאָרן, נישט זייענ־דיק אַפילו אַלט קיין 16 יאָר, געווען אַזוי רייף און געזעצט, אַז מענטשן פלעגן קומען זיך מיט אים באַקענען און ס'פלעגט זיי אַנטוישן צו זען אַנ־שטאָט אַן עלטערן יידן אַ יונגענמאַנטשיק מיט לעבעדיקע, בלישטשענדי־

קע גרויסע אויגן, מיט אַ גרויסער טשופּרינע האָר, מיט אַ קאָקאַרדע אויפן האַלדז אנשטאָט אַ קראַוואַט, לויטן מוסטער פון די דעמאָלסטיקע שרייבערס.

אַ סך מענטשן, וואָס האָבן אים געזען, פלעגן זאָגן, אַז ער איז מיט זיין אויסערלעכן אויסזען ענלעך צום גרויסן רוסישן קלאַסיקער פּושקין, פּונקט ווי אונדזער טאַטע איז געווען ענלעך צו דאָסטאָיעווסקין. דער אונטערשיד אָבער, וואָס יצחק איז געווען צופרידן מיט דער ענלעכקייט און דער טאַטע פלעגט ווערן ברוגז, ווען מ׳פלעגט אים פאַרגלייכן מיטן „באַרימטן אַנטיסעמיט״.

קאַפּיטל 13

שיעור נישט קיין סוחר-פֿאַבריקאַנט

אין אָנהייב פֿון אונדזער יאָרהונדערט האָט לאָדזש דערגרייכט די העכסטע מדרגה פֿון איר אַנטוויקלונג. לאָדזש האָט זיך אין דער ריזיקער רוסישער אימפּעריע אַרויסגערוקט אויף דער פֿאָדערשטער פּאָזיציע און איז געוואָרן באַקאַנט ווייט איבער די גרענעצן פֿון רוסלאַנד גופֿא, אין גאַנץ אַזיע, ספּעציעל אין כינע, וועלכע האָט נישט געמאָנט קיין אָפּצאָל פֿאַר רוסישע פֿאַבריקאַטן. הונדערטער רוסישע יידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין לאָדזש, האָבן בייגעשטייערט מיט זייערע ידיעות פֿון דער שפּראַך און באַדינגונגען, כּדי צו פֿאַרבינדן דעם וואַקסנדיקן ווי אויף הייוון פּוילישן מאַנטשעסטער מיט דער גאָרער וועלט, מיט אַלע ווינקעלעך פֿון צוויי קאָנטינענטן. די דאָזיקע מענטשן, די „וואָיאַזשאָרן", פֿלעגן אָנשפּאַרן אין יעדן לעבעדיקן ישוב פֿון דער ריזיקער רוסישער אימפּעריע. לאָדזש אַליין איז געוואָרן אַ ברויזנדיקער קעסל פֿון פּראָדוקציע און מסחר, פֿון פּולסירנדיקן האַנדלס לעבן. די גאַסן פֿון דער שטאָט פֿלעגן אָפּשפּיגלען דעם כּסדר פֿאַרגרעסערטן ריטם: אַ גאַנצער וואַלד מיט קוימענס פֿלעגט תּמיד אַלץ מער און מער באַדעקן דעם האָריזאָנט. אויף די הויפּט־אַרטעריעס פֿון דער שטאָט — אויף פּיעטריקאָווער גאַס, וועלכע האָט געפֿירט צו דער ערשטער גובערניע־שטאָט, פּיעטריקאָוו און נאָוואָמיעיסקאַ מיט איר המשך, זגיערזשער, וועלכע האָט געפֿירט קיין זגיערזש, איז אַנטשטאַנען אַ נעץ פֿון מאַנופֿאַקטור-געשעפֿטן און ריזיקע סחורות־לאַגערן פֿון כּל-המינים שטאָפֿן, ביינוול, וואָל, לייוונט, ווי אויך מישונגען מיטן נאָמען „מאַניפּולאַציעס" און סתּם

פעלשונגען, כדי בעסער צו קאָנקורירן מיטן גרויסן קאָנקורענט פון ביליקע „שמאַטעס" — די שטאָט ביאַליסטאָק.

הונדערטער וועגענער און האַנטוועגעלעך פלעגן פאָרן איבער די גאַסן, אַרויס און אַריינפאָרן אין די לאַנגע הייף, וואָס פלעגן איינשלינגען אָדער אויסשפּייען גאַנצע בערג מיט „פּעקלעך". אין די דאָזיקע פּראָנט־געשעפטן אָדער הויפּלאַגערן פלעגן זיין באַשעפטיקט גאַנצע מחנות פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע. די פּוילישע יידן פלעגן אַריינגעצויגן ווערן אין דער פּראָדוקציע גופא, אַלס וועבערס אָדער קליינע סוחרים און מעקלערס, די רוסישע יידן, שוין אַ מער וועלטלעכער עלעמענט, פלעגן זיך באַשעפטיקן מיט גרויס־האַנדל און גרויס־פאַרמיטלונג.

דער דורכשניטלעכער טיפּ פון אַ לאָדזשער איז נישט געווען קיין אינטעלעקטואַל אָדער יידישער למדן. אפילו די געוועזענע ישיבה־בחורים פלעגן פאַרלירן זייער פריערדיקן פּרצוף. דער „לאָדזשער מענטש" איז געווען אָדער אַן אַרבעטער, אָדער אַ סוחר. דער סוחר — אָדער אַן אינדוסטריעלער, אָדער אַ פאַרמיטלער. דער פאַרמיטלער: אָדער מיט קאַפּיטאַל אָדער סתם אַ לופטמענטש, אַ קלאַסישער מנחם־מענדל.

אונדזער מאַטעריעלער מצב איז געווען נישט קיין גוטער. דער טאַטע איז געקומען אין אַ ברויזנדיקער סביבה פון מסחר אַלס אַ קולטור־טרעגער. ער האָט געשטרעבט די יידן צו פאַרזאָרגן מיט יידישער קולטור, אין דער צייט ווען זיי האָבן נאָר געזוכט זיך צו פאַרזאָרגן מיט פּרנסה. אַזוי אַרום איז פּרנסה ביי אונדז אין שטוב געווען אַן אַבסטראַקטער באַגריף, בפרט, אַז נאָכן פאַרמאַכן דעם חדר האָט דער טאַטע זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט אומזיכערע פּריוואַטע לעקציעס, ווו מ'דאַרף בעטן דעם רש"ע אויף אַ סך ניסים מצד דעם תלמיד און זיינע עלטערן.

דער זעבצניעריקער יצחק, באָטש אַ פּעליעטאָניסט און לערער פון פּריוואַטע העברעאישע לעקציעס, האָט נישט געהאַט קיין שום ממשותדיקע פּרנסה און קיין תכלית האָט מען אין שטוב אין דעם נישט געזען... „מילא, דער טאַטע, ווי דער טאַטע, אָבער יצחק מעג דאָך זוכן עפּעס אַ בעסערע צו־קונפט, ווי צו שרייבן נאַרישע לידלעך אָדער „באָבע־מעשיות" אין די צײַ־

טונגען. ער זאָל ווידער ווערן אַ לערער? אויף וואָס קוקנדיק, אויף וועלכע גליקן?"

און ס'זענען געקומען עצות מצד גוטע פריינד און אייגענע, וועלכע האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון לאַדזשער לעבן. מען האָט לסוף יצחקן אָפּגעגעבן אַלס אַ האַנדלס-אַנגעשטעלטן אין אַ לאַגער. יצחק איז קודם-כל געוואָרן אַ „פּריקאַזטשיק", כדי צו שטייגן אויפן שטאַפּל פון מסחר און אפשר דערגרייכן מיט דער צייט צו ווערן אַ זעלבסשטענדי-קער סוחר, אויב, הייסט עס, ער וועט דערצו צולייגן „קאָפּ"...

יצחק, וועלכער האָט דאָס דאָזיקע לעבן שוין געזען בולט אין זיין ריכטיקן קרומען שפּיגל, האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט דער אַלגעמיינער מיינונג. פּשוט, די גאַנצע סביבה, צוזעענדיק דעם ביטערן תכלית פון קול-טור-פּרנסות, האָט אים משפּיע געווען, אַז ער זאָל עס אַקצעפּטירן. די גע-וואַלדיקע ליבע צו דער מאַמען, וועלכע האָט אויך געמוזט צוהעלפן ביים קאַמף וועגן חיונה, האָט ביי אים גובר געווען זיין ווידערווילן צום האַנדל און יצחק האָט אָנגענומען דעם דעוויז: „אויס מלמדות — מסחר!..."

אין אַזאַ קריטישן מאָמענט פון עקאָנאָמישן מצב און מאָראַלישער דע-פּרעסיע האָט זיך יצחק נישט געקענט קעגנשטעלן אַלעמענס מיינונג. ער פלעגט טאָג-טעגלעך מיטן גרעסטן אומחשק גיין אין געשעפט. די מאַמע פלעגט עס גוט באַמערקן און אים מיטפילן זיין ווידערווילן צו די פּאַליצעס מיט שמאַטעס, זיין אינערלעכן ליידן פונעם צוואַנג צו שלעפּן אויף די פּלייצעס גאַנצע פּעק מיט סחורה, ער פלעגט זיך פאַרלירן צווישן די טויזנ-טער לאַנג און קורצגעקליידטע סוחרים, מעקלערס און כינקע-פינקעס, וועל-כע פלעגן לויפן, אַרומלויפן, שמעקן און כאַפּן מציאהלעך פון דער סאַמע לופט... און ער, יצחק, אינמיטן פון דעם דאָזיקן ברוייזנדיקן געווירבל פון מסחר און טומל, אין וועלכן ער געפינט בלויז — פּעליעטאַניסטישן גע-שמאַק...

זיין באַלעבאָס איז געווען אַ ריכטיקער טיפּ פון אַ לאָדזשער אויפגעקו-מענעם גביר. אַן אַמאָליקער בעל-עגלה פון אַ שטעטל נעבן קאַרעליטש, איז פאַר אים געווען דער גרעסטער נחת-רוח, וואָס הענדעל דעם רבס זון, ר' יצחק יחיאלס איינִיקל, איז ביי אים אַ „מענטש". דאָס באַוווּסטזיין, אַז

„געלט רעגירט מיט דער וועלט" האָט ביי אים גובר געווען זיינע פּרימיטי־ווע ערשטע געפילן פון דרך־ארץ פון אַ פּאָלקסמענטשן צו יחוס, אַ זאַך אַן אָנגענומענע אין אונדזערע מקומות אין די שטעטלעך פון תורה און חכמה.

יצחק פלעגט זיין באַלעבאָס אויסמאָלן אין אַזעלכע לעבערלעכע פאַרבן, אַז אַלע פלעגן קייכן פון געלעכטער. דער אַמאָליקער ליטווישער בעל־עגלה, וועלכער האָט נאָך געהאַט די טבע צו רעדן מיטן „סין", האָט באַ־שלאָסן צו ווערן אַ „שמענטילעגענט". היות ווי דער מסחר־לשון איז אין לאָדזש געווען די דייטשע שפּראַך, צוליב דער גרויסער דייטשער באַפעל־קערונג, וועלכע האָט אויסגעמאַכט, פּונקט ווי די יידן, אַ דריטל, האָט ער אָנגעהויבן פריער צו רעדן מיטן פּתח מיט זיין קורלענדישן „בויכהאַלטער" און שפּעטער אפילו מיט יצחקן. יצחק פלעגט אים אַמבעסטן נאָכמאַכן ביי די ווערטער, מיט וועלכע יענער פלעגט וועלן אויסדריקן אַריינוואַרפן אָדער אַרויסוואַרפן, אַריינגעמען אָדער אַרויסנעמען. ביי אים האָט עס געהייסן „אַריינשמייסן און אַרויסשמייסן"...

דער אויפגעקומענער עם־הארץ פלעגט זיך זייער איזדיעקעווען איבער יצחקן און זיין שוואַכקייט: די נאַרישע „פּאַשוט דוממע לידער", וועלכע ער פלעגט אים כאַפּן שרייבן אין אַ ווינקעלע, אין פריייע מאָמענטן. כדי יצחק זאָל נישט קענען זיך פאַרנעמען מיט „זאָלכע דומהייטן", פלעגט ער אויסזוכן פאַר אים אַ ספּעציעלע עבודה: אַראָפּשלעפּן און אַרויפשטעלן אויף די פּאָליצעס צענדליקער שטיק שווערע סחורות. יצחק פלעגט מיט צאָרן אין דעם דערזען אַ מיאוסע בייזוויליקייט, אַ כוונה אים צו פאַרביטערן דאָס לעבן און פלעגט קומען אַהיים דאָס איבערדערציילן מיט אַלע דעטאַלן. די מאַמע פלעגט דערביי זיך זייער אויפרעגן: „וואַרט, וואַרט, מאָרגן וועט ער זיך ביי מיר אויסריכטן אַ שוואַרץ יאָר. כ'וועל אים זאָגן, ווער ער איז! כ'וועל אים מאַכן מיט בלאָטע צוגלייך, דעם מנוולדיקן פּורמאַן, דעם פּאַסקודניאַק!..." גלייך נאָך די ווערטער פלעגט זי זיך צעוויינען אויף איר ביטערן גורל, אַז בנימינקע דער עלוי איז אַ קבצן און כאַצקל דער בעל־עגלה, ביי וועלכן ס'איז אַמאָל געווען אַ זכות, ווען איר טאַטע פלעגט אויף אים אַ קוק טאָן, איז היינט אין לאָדזש דער תקיף און יצחק, די קרוין פון איר קאָפּ, איז זיין „פּריקאַזטשיק"...

יצחק, צוזעענדיק דער מאַמעס עגמת נפש, פּלעגט זיך באַמיען זי צו בארואיקן און דערציילן נישט געשטויגענע זאַכן וועגן זיינע גבורות, ווי ער „פאַרט אָפּ דעם פורמאַן", ווי ער ענטפערט אים, דעם פּארחוצ־פּהטן בעל־גוף, פון וואָס די מאַמע פּלעגט אויפשיינען און קוועלן, ווישנ־דיק זיך די פארוויינטע אויגן. דער טאַטע, וועלכער איז נישט געווען אזא גלויביקער און דרך־אגב געקענט די איידלקייט פון יצחקן, פלעגט אים אויספרעגן: „זאָג מיר, מיין בכור, האָסטו עס אים טאַקע באמת גע־זאָגט?..." יצחק פלעגט אויסמיידן דעם טאַטנס אויספאָרשנדיקע אויגן, אראָפּלאָזן זיין קאָפּ און שעמעוודיק ענטפערן: „ניין, כ'האָב עס אים גע־וואָלט זאָגן..."

יצחקס ליידן און דער מאַמעס מיטליידן מיט אים האָט גורם געווען, אז אונדזער פעטער הורוויטש זאָל קומען מיט א נייעם פאָרשלאָג. דער פעטער הורוויטש האָט אין זגיערזש געעפנט א טעקסטיל־אינדוסטריע און פאָרגעלייגט יצחקן אים אויסצולערנען דעם זייער גוט באַצאָלטן פאַך פון א וועבער־מייסטער. נישט יעדן האָט מען צוגעלאָזט צום דאָזיקן פאַך און עס איז געווען ביי אונדז ששון און שמחה אין שטוב. אוים מסחר, אוים קרעמער. יצחק וועט ווערן א פּראָדוקטיווער מענטש, א פאַבריקאַנט.

יצחק האָט דעם פאָרשלאָג צו ווערן א וועבער־מייסטער אויפגענומען מיט באַגייסטערונג. זיין שמחה איז אָבער געווען נישט אזוי מאהבת מרדכי ווי משנאת המן. מיט דער גרעסטער סאַטיספאַקציע האָט ער גלייך אויף מאָרגן געמאָלדן זיין באַלעבאָס, אז ער זאָל שוין אויפהערן אים צו סטראַשען מיטן „ארויסשמייסן", אז פונעם ערשטן אָן שמייסט ער זיך אליין ארויס פון זיין געשעפט.

דעם לעצטן טאָג, פארן פאָרלאָזן, נאָך צוויי ביטערע יאָרן פון שקלאַפעריי, דאָס געשעפט פון דעם בעל־עגלה, האָט יצחק צו דער פאַר־וואונדערונג פון לעצטן אָנגעהויבן לאַנג צו נישטערן איבער אלע ווינקעלעך.

— „וואָס האָבן זי הערואוסגעשמיסן? וואָס זוכן זי היר הערום?"

יצחק האָט אים מיט א פאַרשטיקטן קול פון טרויער געענטפערט: „איך זוך דאָ מיינע צוויי פאַרלאָרענע יאָרן..."

קאפיטל 14

לאָדזש בעת דער רעוואָלוציע

ובכן, יצחק האָט זיך „ארויסגעשמיסן" פון דעם פארדייטשטן קאַ-רעליטשער בעל־עגלהס מאַנופאַקטור-לאַגער און זיך איבערגעצויגן קיין זגיערזש צום פעטער הורוויטש, וועלכער האָט דאָרט געהאַט אַ קליינע אינדוסטריע. אין דער מאַמעס משפחה איז דער פעטער מרדכי גרשון געווען דער אומפעאיקסטער. היות מען האָט נישט געהאַט קיין האָפענונג צו מאַכן פון אים אַ „לייט", האָט מען אים פון קארעליטש געשיקט צו דער מאַמען קיין זגיערזש, אַז ער זאָל זיך דאָרט עפּעס אויסלערנען אַ פאַך. און דער פסוק מלאכה — ברכה איז ביי אים מקוים געוואָרן. אונ-דזער טאַטע האָט געמוזט זוכן בעסערע גליקן ביי מלמדות אין דער גרע-סערער שטאָט לאָדזש און דער פעטער מרדכי גרשון, דער אומפעאיקער פון דער משפחה, האָט זיך באַוויזן פאַר אַ גדול אין הלכות וועבעריי. ער האָט זיך אין בארשטס פאַבריק אַזוי גוט אויסגעלערנט דעם פאַך פון וועבערמייסטער, אַז זיין שם אַלס ספּעציאַליסט האָט געשמט אפילו אין לאָדזש, פון וואַנען מ'פלעגט צו אים שיקן יונגעלייט אויף פּראַקטיק.

נאָך יצחקס נישט געלונגענעם פּרוּוו צו ווערן פון אַ „פּריקאַז-טשיק" — אַ סוחר, איז געבליבן די איינציקע האָפענונג נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פונעם פעטער הורוויטש און אויסלערנען אים דעם פאַך פון וועבערמייסטער, וואָס פירט צו דער צוקונפט פון אַ פאַבריקאַנט, דעם העכסטן שטאַפּל צו דער קאַריערע פון אַ „לאָדזשער מענטש".

די צייטן זענען געווען שטורמישע. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די

ערשטע רוסישע רעוואָלוציע, אין יאָר 1905, איז יצחק אַלט געווען 18 יאָר. לאָדזש און די גאַנצע אינדוסטריעלע אומגעגנט: זגיערזש, אַלעק־סאַנדראָוו, קאָנסטאַנטינאָוו, בזשעזשין, זדונסקא-וואָלא, טאָמאַשאָוו, אַלץ אַרום איז געווען אין רעוואָלוציאָנערן פיבער און געקאָכט ווי אין אַ קעסל. עס איז שוין דעמאָלט געווען אויסגעפורעמט אַ גרויסער יידישער פּראָלעטאַריאַט. דער שנעלער, בפירוש אַמעריקאַנער וווּקס פון דער אינ־דוסטריע אין גאַנצן לאָדזשער ראַיאָן, ד"ה לאָדזש און אומגעגנט, האָט צוגעצויגן צו זיך מאַסן „אימיגראַנטן" פון די שטעט און שטעטלעך פון קעניגרייך פּוילן און פון די ווייטסטע געביטן פונעם תהום המושב, וווּ יידן פלעגן זיך מאַטערן אין ענגשאַפט און אָן פּרנסות. לאָדזש איז במשך פון אַ צייט געווען דאָס, וואָס שפּעטער אַמעריקע. מ'איז אַהערגעקומען נישט נאָר אַרבעטן, נאָר טאַקע רייך ווערן. פונקט ווי אין אַמעריקע זע־נען אין לאָדזש אַרומגעגאַנגען לעגענדעס וועגן אָרימע לייט, וואָס זענען אין אַ קורצער צייט געוואָרן פאַבריקאַנטן, ספּעציעל פּאָפּולער איז געווען די מעשה מיטן אַלטן פּאָזנאַנסקי, וועלכער איז פון אַ „הויפהענדלער" געוואָרן דער גרינדער פון דער מאַגנאַטן־משפּחה פּאָזנאַנסקי.

אָבער די בחורים, וואָס זענען געקומען אין דער ערשטער אַמעריקע, קיין לאָדזש, האָבן דאָ אָנגעטראָפן אויף אַ טרויעריקער רעאַליטעט — זיי האָבן אָפּגעפינסטערט יאָרן, אַ גאַנצע יוגנט מיט לאַנגע, פאַרמאַ־טערנדיקע אַרבעטס־טעג פון צוועלף ביז זעכצן שעה, און קורצע, קאַשמאַר־דיקע נעכט אויף האַרטע געלעגערס.

די וועבער־געזעלן פון דעם פינסטערן פּראָלעטאַרישן טייל פון לאָדזש, פון באַלוט, דעם אָרט פון דער גרעסטער עקאָנאָמישער עקס־פּלואַטאַציע, האָבן אויפגעצאַפּלט, בעת עס האָט אויסגעשאַלט דער מעכ־טיקער גלאָק פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. פון די וועבער־רייען, פון די פּראַקטיקאַנטן אויף וועבער-מייסטערס, געוועזענע ישיבה־בחורים, יידישע אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, זענען אויסגעוואַקסן באַ־וווסטזיניקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען געוואָרן דער שטאָלץ פון יידישן אַרבעטער-קלאַס און דער זייל פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע.

דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געשטרעבט בלויז צו סאָ־

ציאַלער אויסלייזונג, איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיטן פּוילישן, וועל־כער האָט אויך געשטרעבט צו פּאָליטישער, נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון צאַרישן קלעם און פרעמדער, רוסישער הערשאַפט,ביידע חלומות, פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, האָבן זיך פאַראייניקט אין איין מעכטיקן ווילן, אין די הערצער פון דעם קריסטלעכן פּראָלעטאַריאַט. זיי זענען געקומען צו די יידן מיטן דעוויז: „פאַר אונדזער און אייער פריי־הייט...״

די הנאה פון די פּוילישע פּאַטריאָטן איז געווען אַ לאָגישע: נישטאָ קיין צוקונפט פאַר אַ סאָציאַלער לייזונג — אָן אַ נאַציאָנאַלער אויס־לייזונג.

צוליב די ספּעציפישע באַדינגונגען פון יידישן לעבן אין פּוילן און בפרט אין לאָדזש, ווו ס'האָט חוץ דער יידישער געוווינט אויך אַ שטאַר־קע דייטשע מינדערהייט, איז די שנאה צווישן דעם באַזיצנדיקן יידיש־גויאישן קלאַס און דעם יידישן לומפּן-פּראָלעטאַריאַט אַלץ מער גע־וואַקסן און לסוף גורם געווען מער פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער רע־אַקציע און זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם, ווי צו באַווייזן צו לייזן די עקאָ־נאָמישע לאַגע.

אָט אין אַזאַ צייט איז אונדזער יצחק אַריינגעפאַלן צווישן די אַר־בעטנדיקע מאַסן. אַלס פּראַקטיקאַנט אויף אַ וועבער איז ער, פּונקט ווי אַלע אַנדערע געזעלן, געווען נישט מער ווי אַ פּראָלעטאַריער, מיט אַן אומ־זיכערער אויסזיכט אויף דער צוקונפט, בכן, זיין פעטער הורוויטש, דער פאַבריקאַנט, וועט אים שוין אי״ה עפּענען אַ וועג צום עשירות. דער אומ־פּעאיקער צום לערנען פעטער האָט זיך דערצו אַרויסגעוויזן גאָר פּעאיק... ער האָט זיך געטרייסט, אַז אין אַזאַ אומרואיקער צייט, ווען מ'איז אַרומ־גערינגלט מיט סאַמע רעוואָלוציאָנערן, אחדות-יונגען, וועט ער אין זיין פּלימעניקל געפינען אַ פּאַסיקן שטיצפּונקט. צו זיין באַדויערן אָבער פּלעגט ער באַמערקן, אַז יצחק חברט זיך מיט דער גאַנצער „באָסער קאָ־מאַנדע״. אָבער גרעסער איז געוואָרן זיין איבערראַשונג, ווען אין אַ פּראָסטן אַרבעטס־טאָג איז דערקלערט געוואָרן אַן אַלגעמיינער שטרייק און זיין פּלימעניק האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט די שטרייקערס... עס איז גע־

וואָרן אַ מהומה ביי אים אין פאַבריק און זיינע אַרבעטער, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפונען אויך דער צוקינפטיקער וועבער־מייסטער, יצחק, האָבן געשריען: „נידער מיט די בורזשועו! זאָל לעבן די רעוואָלוציע!..." זינ־גענדיק דערביי דעם פוילישן „טשערוואָני שטאַנדאַר" און די יידישע „שבועה". באַלד איז אָנגעלאָפן אַן אָפּטייל פון קאָזאַקן. דער פעטער האָט זיך דערשראָקן און גלייך זיין צאַצקע, דעם פלימעניק, באַהאַלטן ביי זיך אין פריוואַט־וווינונג, ווו יצחק האָט אויך אַריינגעשלעפּט די אָנפירערס פון דער דעמאָנסטראַציע.

אויפן צווייטן טאָג האָט דער פעטער יצחקן משלח געווען אַהיים און געהייסן דערציילן דער מאַמען וועגן דעם „נחת" און גרויסן „כבוד", וועל־כן ער האָט אים פאַרשאַפט. יצחק איז נאָך עטלעכע וואָכן פון זיין צוויי־טער איבערגעריסענער קאַריערע געקומען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַהיים, וויסנדיק ווי טאַטע־מאַמע וועלן זיין פאַרזאָרגט וועגן זיין ווייטער־דיקן גורל. אין שטוב וואַרט מען דאָך אויף אים אַלס אַ שטיצפּונקט אין דער אַזוי קנאַפּער פּרנסה...

דעם דאָזיקן שבת איז דער פעטער, וועלכער, וווינענדיק אַ האַלבע שעה רייזע פון לאָדזש, פלעגט אונדז באַזוכן אַמאָל אין אַ יובל, געקומען צו אונדז אַהיים און געמאַכט אין שטוב — תשעה באב. פון אים וועט שוין קיין לייט נישט ווערן! ער איז נישט נאָר אַ משוגענער פּאָעט, נאָר אויך, צו אונדזער גרויסער חרפּה, אַן אחדות־יונגל! אַ שיינער נחת פאַר דער משפּחה קאַצענעלסאָן!... איר ווייסט, וואָס אים דערוואַרט? מען וועט אים שמידן אין קייטן און פירן קיין סיביר! איר וועט נאָך האָבן אַ קאַ־טאָרזשניק אַ זון! איר וועט זען, איר וועט זען!..."

אין שטוב איז געוואָרן חושך. די מאַמע איז פון עגמת נפש קראַנק געוואָרן און דער טאַטע האָט זי פּרובירט באַרואיקן, אַז „לא לחכמים לחם". מסתמא איז שוין יצחקן אויך באַשערט מיין גורל צו זיין אַ שרייבער און אַ מחנך הדור! אפשר איז עס מין השמים, אַ באַשערטע זאַך און אַזוי.

אַזוי אַרום האָט זיך אויף אייביק געענדיקט יצחקס פריער סוחרישע און שפּעטער אינדוסטריעלע קאַריערע.

אָבער די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך אַזוי שטור־

מיש צעפלאָקערט, האָט ווייטער געטראָטן אירע ריזיקע שריט. די ערשטע פּאַרמעסטונג פונעם פאָלקס-כוח מיטן כוח פון דער שווארצער פאָלקס-אונטערדריקונג האָט אָבער נישט אויסגעהאַלטן. ס׳האָבן נישט געהאָלפן די טייכן בלוט, וואָס האָבן זיך געגאָסן אויף די גאַסן און באַריקאַדן פון דער גאַנצער צאַרישער אימפּעריע און ספּעציעל אין לאָדזש. יאָרנלאַנג האָט זיך דער פּוילישער מאַנטשעסטער געקאָרטשעט אינעם געראַנגל פון נעם אומגלייכן קאַמף מיט דער מעכטיקער רוסישער רעאַקציע, וועלכע האָט זיך ספּעציעל פאַרמאָסטן אויף די אַרבעטער־פירערס אין דער אַר-בעטנדיקער לאָדזשער אינטעליגענץ.

יצחק האָט צופיל ליב געהאַט די מאַמען, כדי זי נישט מצער צו זיין אַלס אַקטיוויסט אין פּאָליטישער אַרבעט, אין יענע יאָרן, ווען ס׳האָט גע-שמעקט מיט פּולווער און תפיסה און וויטן סיביר. נאָכדעם ווי ער איז איינגאַנצן אַריין אין דער ליטעראַטור, האָט ער שוין אויפן גאַנצן לעבן אָנ־געהאַלטן די זעלביקע ליניע זיך נישט מתחייב צו זיין מיט קיין שום גרופּירונג, אפילו ציוניסטישע, זייענדיק דערביי תמיד אויפן צד פון די אַר-בעטנדיקע מאַסן אין גלות און אין א״י.

און יצחק איז באמת געגאַנגען אין אונדזער טאַטנס דרכים — „אַ שרייבער און לערער". שוין צו אַכצן יאָר איז ער געוואָרן אַן אָפיציעלער לערער און וואָס ווייטער געוואָרן אַ מער באַקאַנטער מאָדערנער העברע־אישער פּעדאַגאָג. צווישן די בעסטע לאָדזשער משפחות פלעגט מען זיך פּשוט רייסן צו באַקומען יצחקן אַלס לערער פון העברעאיש און תנ״ך. מיט דער צייט האָט ער זיך טאַקע אויסגעאַרבעט אַזאַ נאָמען, אַז מען פלעגט אים צאָלן פאַנטאַסטישע אין יענע צייטן פּרייזן פון 25 רובל אַ חודש. צווישן זיינע תלמידים זענען געווען שפּעטער באַקאַנטע לאָדזשער יידישע פּערזענלעכקייטן.

ווען טאַטע-מאַמע האָבן דערזען, אַז די נאָך-רעוואָלוציע־רעאַקציע האָט אָנגעהויבן איר הערשאַפט, אַז עס גייען אָן די אַרעסטן פון די „סכאָד-קעס" און אונדזער שטוב איז צוליב יצחקן געוואָרן אַ זאַמל-פּונקט פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, האָבן זיי אים געשיקט אויף אַ דאַטשע.

די דאַטשע איז געווען ביי פּאַביאַניץ, נעבן לאָדזש און האָט געהייסן

„גאַטקע״, די מאַמע האָט דאָרט געדונגען פאַר אים אַ צימער ביי דער בכבודיקער פאַמיליע איידלמאַן. זי האָט גערעכנט, אַז אויף דער שטילער דאַטשע, ווייט פון לאָדזש, וועט יצחק קענען רואיק שרייבן. נאָכן פאַר־לירן די האָפענונג, אַז יצחק וועט ווערן אַ סוחר אָדער פאַבריקאַנט איז דער באַגער פון דער מאַמען געווען גרויס, אַז איר בכור זאָל אַלס שריי־בער דערציילן דאָס, וואָס איר מאַן האָט עס ליידער נישט באַוויזן אויפ־צוטון מכמה טעמים. יצחקס יעדן דערפאָלג פלעגט זי צוזאַמען מיט אים איבערלעבן און ער פלעגט תמיד זען און פילן, אַז די מאַמע לעבט איבער אַלע פּרטים און דרכים פון זיין לעבן.

שיקנדיק אים אויף די דאַטשע, האָט זי זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז די סכנה אין פּאָליטישער הינזיכט האָט געלויערט אויך הינטער לאָדזש — אין דאָרף, אין פעלד און אין וואַלד. די דאַטשע „גאַטקע״ איז געווען איינע פון די רעוואָלוציאָנערע הויפּט־זאַמלפּונקטן און די מאַמע האָט יצחקן אַריינגעוואָרפן ווי מ׳זאָגט דעם לייב אין מויל אַריין, נישט פאַר־שטעלנדיק זיך, אַז דווקא דאָס הויז פון די איידלמאַנס איז געווען דאָס האַרץ פון דער „סבאָדקע״. די גאַנצע משפּחה איידלמאַן, וואָס אויף זיי פלעגט מען זאָגן כשמם כן הם, זיי האָבן געהייסן און געווען איידעלע מענטשן, זענען געווען זייער אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. איינמאָל, בין־מנחה־למעריב, ווען יצחק איז געגאַנגען צום טייך זיך באָדן, איז געקומען פּאָליציי און פאַרנומען אַ פאַרזאַמלונג, דווקא נישט ביים דאַוונען...

די צייטן זענען געווען פון טעראָר מצד דער צאַרישער רעאַקציע. ס׳איז געוואָרן געפערלעך אויפצוטרעטן געסט, בפרט יונגע, אויף וועלכע די „אָכראַנע״, ד״ה די צאַרישע געהיים־פּאָליציי, האָט געהאַט ספּעציעל אַן אויג. ווו מ׳פלעגט טרעפן אַ צוזאַמענקונפט פון עטלעכע יונגעלייט, האָט מען זיי אַרעסטירט. עס האָט זיך גלייכצייטיק באַוויזן די פּלאָג פון פּראָ־וואָקאַציע און מסירות. געצאָלטע פּראָוואָקאַטאָרן, צווישן זיי, „נוחל, דער ימח שמוניק״, פלעגן אָנמאַכן גרויסע צרות צווישן דער יידישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג.

היות אין פּריוואַטע הייזער איז דאָס צוזאַמענטרעפן געוואָרן בפי־

רוש אַ סכנות נפשות, האָט חברה אויסגעפונען אַנדערע וועגן און עצות.
—דאָס זענען געווען די „בירזשעס", אַזוי האָבן געהייסן טיילן פון
ווסכאָדניאַ, דזשיעלנאַ, אַנדזשעיאַ און פּיעטריקאָווער גאַס, ספּעציעל פון
דער לעצטער — די הויפּט גאַס פון דער האַנדלס־אַרטעריע פון דעם פּוי־
לישן מאַנטשעסטער. בייטאָג, אין די אַרבעטס־שעהן, פלעגן דאָרט אַרומ־
לויפן מיט מוסטערן פון די „לאָדזשער שמאַטעס", נערוועזע יידן, עלטערע
און יינגערע, ראַזירטע און אייראָפּעאיש געקליידטע און חסידים מיט גרוי־
סע, מיטעלע און קליינע בערדלעך פון פאַרשידענע קאָלירן, מיט שוואַר־
צע, אַלע גלייכע, ווי אַן אוניפאָרם, קאַשקעטלעך און אויך שוואַרצע קאַ־
פּאָטעס פון פאַרשידענער לענג, פון שטרענג לאַנגע, אָרטאָדאָקסישע, ביז
געכאַפּט אַביסעלע אין דער מעשה עלעגאַנטע וואַרשעווער געהאַקטע קאַ־
פּאָטקעלעך, וואָס אויף אַ סך פון זיי פלעגט מען האָבן אַ חשד, אַז אויף
אַנדערע גאַסן און בפרט בעת אַ נסיעה אין אַנדערע מקומות פלעגן זיי
אינגאַנצן פון זיך אַראָפּוואַרפן די קאַפּאָטעס. די פּיעטריקאָווער גאַס, די
האַנדלס־בירזשע, פלעגט זיך בייטאָג פאַרפילן אין אירע הויפּט טיילן מיט
אַ ים פון קאַשקעטלעך אויף אומרואיקע, אין כסדרדיקער באַוועגונג,
קעפּלעך. אין סאַמע מיטן גאַס, אין די טויערן פון די הייזער, אין די טירן
פון די געשעפטן און לאַגערן, ביי די טישלעך פון די ענגע האַנדלס־קאַ־
פעען, פלעגן זיי, די יידן פון דער בירזשע, אַרומפּאַכען מיט זייערע מוס־
טערקאָלעקציעס און קליינע מוסטערלעך פון אַלע מינים מאַנופאַקטור
און גאַרן אין זייערע ציטערדיקע הענט...

אַזוי האָט אויסגעזען די טאָג־טעגלעכע, סוחרישע בירזשע פון אַמאָ־
ליקן לאָדזש...

שפּעט אין אָוונט, נאָך דער וועטשערע, פלעגט די זעלבע סוחרישע
בירזשע זיך ווידער פאַרפולן מיט מענטשן. אָבער דאָס איז שוין געווען
אַ פּובליקום, אַ שפּאַצירנדיק לפנים, געמיטלעך פּובליקום, מייסטנס יונגע
מענער און פרויען. פאַר אַ נישט דערפאַרענעם אין הילכות שפּיאָנאַזש
אויג פון אַ פרעמדן מענטשן, פלעגט די גאַס, אין די דאָזיקע אָוונט־שעהן,
מאַכן דעם איינדרוק פון אַ ראָמאַנטישער קאָרסאָ.

אין דער אמתן אָבער האָט דער דאָזיקער שפּאַציר, פון אָפּטמאָל הונ־

דערטער יונגע מענטשן, געברויזט מיט א גאר אנדערן, ווי בייטאג, לעבן, מיט אן איינגעהאלטענעם טומל, וועלכער האט געשריגן פון אלע הערצער און עס האבן אים געהערט בלויז די, וועלכע האבן אים געפילט... אפילו די, וועלכע פלעגן קיינמאל נישט באזוכן די סוחרישע טאג-בירזשע, פלעגן בייטאג זיך אפרעדן צו טרעפן אויף דער נאכט-בירזשע. „ס'וועט היינט זיין לעבעדיק..." אדער „ס'וועט היינט זיין א וויכטיקער חבר..." דער וויכטיקער חבר פלעגט זיין א שליח פון ווארשע, אדער גאר א פערזענ-לעכקייט, וואס פלעגט אראפקומען פון טיף רוסלאנד. דעמאלט פלעגט די „בירזשע" קאכן...

די „בירזשע" איז געווען צעטיילט אויף פארשידענע אידעאלאגיעס. פון איין זייט פיעטריקאווער, דער „בונד", פון דער צווייטער די „פועלי-ציון" און אין די זייטיקע געסלעך אויף דזשיעלנא און וסכאדניא, די „ס. ס.", די טעריטאריאליסטן.

איך בין שוין דעמאלט געווען א דערוואקסן מיידעלע און יצחק פלעגט מיך מיטנעמען אויף דער „בירזשע" שפאצירן. פארן אויג פון דער „אכראנע" האט עס אויסגעזען א סך וויניקער פארדעכטיק צו שפאצירן מיט א קליין שוועסטערל, ווי מיט א דערוואקסענער פריילין, וועלכע קען גאר זיין א רעוואלוציאנערין מיט באהאלטענער ליטעראטור און פראקלא-מאציעס. ס'איז דארט אנגעגאנגען א קונציק דורכגעפירטע פראפאגאנדע, א מינדלעכע און א שריפטלעכע. מ'פלעגט באקומען, אריינגערוקט אויף שנעל, מיט א נערוועאישן, שנעלן ארומקוקן זיך אויף אלע זייטן, א בלע-טעלע פאפיר אדער א בראשור, וועלכע מ'פלעגט פיבערהאפט באהאלטן, כדי איינדערהיים בשתיקה, מיט גרויס אויפמערקזאמקייט אדורכצולייענען. מ'פלעגט איינער דעם צווייטן געבן א ווונק מיט די אויגן: „האסט שוין באקומען?..."

אפילו זייטיקע, וועלכע פלעגן נישט האבן קיין שום שייכות, האט די „בירזשע" צוגעצויגן צוליב איר סודותפולקייט... רייכע בחורים און מייד-לעך, אידעענלאזע, אדער גאר שונאים פון דער באוועגונג, פלעגן אבער האלטן פאר א ספעציעלן סימן פון „באן-טאן", פון אינטעליגענץ, זיך

אַרומצודרייען אויף דער „בירזשע", ווו ס'איז פּאַרט געווען דער צענ־טער פון גייסטיקן לעבן.

פאַר יצחקן האָט דאָס געדינט אַלס מאַטעריאַל צום שרייבן. ער ברענגט דאָס אַלץ אַרויס אין זיינע נאָוועלן און סצענישע ווערק ווי „בחו-רים" און „קאַריקאַטורן".

מיט אונדז אין הויז האָט געוווינט אַ פאַמיליע ק. דער דאָזיקער שכן פלעגט שטאַרק שלאָגן זיין זון פאַר נישט וועלן לערנען. ביי יעדן קלאַפּ מיטן קאַנטשיק פלעגט ער רעווען אויפן קול: „אַ מענטש, אָדער אַ בר-מנן". און יצחק האָט מורא געהאַט, אַז דאָס קינד וועט שנעלער ווערן דאָס צווייטע... האָבנדיק זיין גאַנצן לעבן ליב קינדער, האָט ער זיך אַמאָל פאַראינטערעסירט מיטן ענין און פריינטשאַפטלעך באַמערקט דעם שלאָ-גער, אַז היינטיקע צייטן איז בעסער מיט קינדער צו גיין מיט גוטן אא"וו, אָבער נישט קוקנדיק דערויף, פלעגן די געשרייען פון דעם געקאַטעוועטן יינגל זיך וואָס ווייטער אַלץ מער איבערחזרן.

איינמאָל האָט יצחק געבעטן צוויי חברים פון דער „באַוועגונג", וועלכע זענען ביי אים פונקט געווען צו גאַסט, אַז זיי זאָלן זיך אַריינ־מישן און פועלן ביי דעם יידן, אַז מ'טאָר נישט אַזוי שלאָגן אַ קינד. אָבער כמעט גלייך נאָכדעם, ווי זיי זענען אַרויפגעגאַנגען צום שכן, האָט מען דערהערט זיין ווילדן געשריי, נאָכלויפנדיק די ביידע חברים, איז ער אַריינגעלאָפן צו יצחקן מיט אויסגעשטרעקטע פויסטן, אָנגעהויבן אויף אים צו שרייען און אויך אויף דער מיט שרעק צוגעקומענער מאַמען: „הערט אויס, פרוי קאַצענעלסאָן! איר מעגט זיך זיין מחותנים פון הרב מייזל, אָבער איך לויף שוין מסרן, אַז אייער שטוב איז אַן אָרט פון „בונטאָוו-טשיקעס", פון „אחדות"-לייט! אייער יצחק און שיינדל לויפן אויף די „בירזשעס" און אפילו אייערע קליינע שרצימלעך בערל, מאשל און פייגל געהערן צום „קליינעם בונד..." און טראָגן פונאַנדער פּראָקלאַמאַציעס..."

קענענדיק דעם פּראָסטן ביאַליסטאָקער וועבער-יונג, וועלכער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט בלויז דורכן נדן, האָט די מאַמע געפאָדערט פון יצחקן, אַז ער זאָל נישט שלאָפן אין דער היים. באמת, בחצי הלילה האָט מען אונדז אַלעמען, אָנהייבנדיק פונעם טאַטן און ענדיקנדיק מיט מיר, אַרעס-

טירט און אַלע געפירט אין דער פּאָליציי. איך געדענק נאָך ווי היינט די פרייליכע פאַר מיר ערשטע תפיסה־נאַכט. איך האָב פאַר אַלעמען גע־טאַנצט, בשעת די אַרעסטירטע האָב געזונגען רעוואָלוציאָנערע און יידישע פאָלקס־לידער. חוץ דעם האָב איך זיך זייער גוט פאַרווײַלט, שטערנדיק טעלעכע אַרעסטירטע צו שלאָפן אויף „באַרג", ד"ה זיצנדיקערהייט. איך האָב זיי אַריינגעבראָכט אין אויער ווי אַ חזירל. אין מיין קינדערישן איינ־פאַל איז עס אויסגעקומען, אַז איך לאָז זיך אויס פונעם צאַר, פון אַלע פּאַ־ניעס, אַז איך מאַך נאָך אַזוי קונציק דעם „פּאַניע חזיר..."

קאפיטל 15

צווישן רעוואָלוציע און קונסט

יצחק האָט זיך באַהאַלטן פאַרן אויג פון דער „אָכראַנע" אינעם זי־בערסטן אָרט פון לאָדזש, אין הויז פון אונדזער מחותן — ר' אליהו חיים מייזל. אַלס רעגירונגס־ראַבינער האָט ער ביי זיינע גרויסע מעלות פון אַ חכם און בעל טובה געוווּנען דעם גאַנצן צוטרוי און איינפלוס ביים גו־בערנאַטאָר. בייזוויליקע מענטשן פלעגן נישט קענען צוקוקן, ווי ער חברט זיך מיט דער רעגירונגס־מאַכט און ווערט פון זיי געאַכטעט. מען האָט צום ביישפיל איבערגעדרייט דעם פעלץ זאָגנדיק, אַז ער האָט געהייסן אַרעסטירן אַלע יידן, וואָס טראָגן נישט קיין ציצית. עס האָט זיך אפילו פאַרשפרייט דער קלאַנג, אַז כדי באַפרייט צו ווערן פונעם חשד מצד פּאָ־ליציי, אַז מ'איז אַ רעוואָלוציאָנער, אַ „בעזבאָזשניק", איז בלויז גענוג צו ווייזן, אַז ס'איז שקר וכזב מיט די ציצית. עס האָבן קודם־כל אַלע פּאַרטיי־מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען צו געפערלעכע אַרבעטן, אָנגעטון ציצית.

הרב מייזלס טעטיקייט במשך פון צענדליקער יאָרן: זיין מסירת־נפשדיקע טעטיקייט בעת דער מגפה פון דער כאָלערע־עפּידעמיע, זיין ווירדיקע האַלטונג און באַשיצונג פון באמת אומשולדיקע בעת דער רע־וואָלוציע, זיין אַלטרואיסטישער כאַראַקטער פון אַ מענטשן, וועלכער האָט געקענט אין אַזאַ רייכער קהילה, ווי לאָדזש מאַכן קאָלאָסאַלע געלטער און איז נפטר געוואָרן ווי אַ נעבעכדיקער אָרימאַן, איבערגעלאָזט זיין משפחה אין דלות, האָט אים נאָכן טויט באַשאַפן דעם רום פון אַ צדיק, ביי וועלכנס קבר, אָן קיין שום מצבה, לויט זיין צוואה, פלעגן תמיד ברענען צענדלי־

קער ליכטלעך פון מתפללים, צעבראָכענע נשמות פלעגן קומען עפּעס אויס־בעטן דורך זיין פאַרמיטלונג ביי דעם גוטן רבונו של עולם...

יצחק אַליין האָט נישט געוואָלט אויסשטעלן אויף אַ מסירה דעם רב, וועלכן פּראָוואָקאַטאָרן האָבן געזוכט מיט עפּעס צו פאַרשווארצן אין די אויגן פון גובערנאַטאָר און פּאָליציי־שעף און על כל צרה שלא תבוא האָט ער שנעל „געמאַכט פּיס" קיין וואַרשע.

אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט האָט געהערשט נאָך אַן אַנגעסטלעכערע שטימונג און די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, סיי די סאָציאַליסטישע, סיי די פּאַטריאָטישע, האָט געאַרבעט „אויף טיש און אויף בענק" — סיי אויף די „בירזשעס", סיי קאָנספּיראַטיוו אין די וווינונגען און אונטערערדישע באַהעלטענישן, וועלכע פלעגן נישט פעלן אין דעם אַמאָליקן וואַרשע.

יצחק האָט געוווינט ביי אונדזער מומען כיענע. און ווידער איז ער אַריינגעפאַלן „דעם לייב אין מויל אַריין..." די מאַמע פלעגט וועלן אים אָפּהיטן פון אַ סכנה און תמיד אַריינשיקן אין אַ נייער סכנה. דאָס איז געווען צוליב אונדזער קוזין יצחק טאַבענקין, וועלכן די מומע האָט נישט געקענט איינהאַלטן נישט צו גיין אין די דרכים פון זיין גרויסן פאָטער משה, דעם פרייהייטס־קעמפער. זייענדיק דעמאָלט אַ סטודענט, האָט ער אַלס פּועלי־ציוניסטישער טוער אַקטואירט זייער טיכטיק און פלעגט אָפּט־מאָל זיצן אין פּאַוויאַק־תפיסה, דעם טרויעריק־באַרימטן וואַרשעווער ענויים־בנין פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע.

יצחק האָט זיך זייער צוגעבונדן צום קוזין טאַבענקין, ראשית צוליב זיינע פּערזענלעכע מעלות, שנית צוליב זיין באַלערנקייט און איבערגע־געבנקייט פאַר די אידעאַלן פון פרייהייט. דיביידע יצחקס זענען געווען זייער צוגעבונדן צו זיך און פלעגן זיך כמעט נישט שיידן, סיידן ווען יע־נער פלעגט זיין אין „חד גדיא".

דעמאָלט פלעגט יצחק פאַרברענגען צווישן דער שרייבער־משפחה, וועלכע האָט אין וואַרשע געהאַט איר הויפּט צענטער. דאָס האַרץ פון ליטעראַרישן וואַרשע איז געווען דאָס הויז פון פּרצן. פּרץ האָט זייער ליב באַקומען אונדזער יצחקן פאַר זיין טאַלאַנט, וועלכער האָט זיך גע־האַט שוין אַרויסגעוויזן און נאָך מער פאַר זיין שפּרודלדיקער פרייילעכ־

קייט, וויציקייט, פאַר זיין טאַנצן און זינגען. „יצחקל", ווי פרץ פלעגט אים מיט צערטלעכקייט רופן, איז דעמאָלט געווען אַ 19-20 יאָריקער שיינער בחורל, מיטן אויסזען פון פושקינען, וועלכן פרץ האָט אַזוי פאַרערט.

ער איז געוואָרן דער ליבלינג פון דער גאַנצער ליטעראַרישער משפחה, פון וועלכער דער רבי און דער טאַטע איז געווען דער „ארי שבחבורא", דער לייב פון דער חברה — יצחק לייבוש פרץ. ביי אים אין שטוב פלעגט יצחק זיך פילן, ווי אַ פיש אין וואַסער.

פון וואַרשע שטאַמט אויך יצחקס פריינטשאַפט מיטן שטערנגסטן אין דער יידישער ליטעראַטור קריטיקער, דוד פרישמאַן, דאָרט איז ער שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן און אָנגעהאַלטן די אינטימסטע פריינטשאַפט מיט זלמן שניאור, מיט נאָמבערגן און אַנדערע.

ביי פרצן פלעגט מען אַלע נעכט פראַווען חצות און פאַרברענגען אומפאַרגעסלעכע, לויט יצחקס ווערטער, אינטערעסאַנטע אָוונטן. פון פרצן טאַקע האָט יצחק איבערגענומען די מצווה פון שבת אחים, וועלכע ער האָט איבערגעטראָגן אויף אַ גאַר געאייגנטן באָדן פון מיין מאַמעס הכנסת אורחים שטוב, פון וועלכער ער האָט שפּעטער באַשאַפן דעם ליטעראַרישן קולטור-צענטער פון לאָדזש.

תמיד ווען יצחק פלעגט דערציילן וועגן פרצן, פלעגט ער דערמאָנען דעם שטאַרקסטן רושם, פון זיין ערשטן יוגנטלעכן באַזוך, נאָך זיין אַנטלויפן פון לאָדזש פון זיכערן אַרעסט. אַ באַגייסטערטער פלעגט ער דערציילן פרצעס צאַלרייכע וויצן, פלעגט זינגען און טאַנצן זיינע חסידישע האָפּקעס און פאָלקס-לידער.

זיין ערשטער באַזוך אין וואַרשע איז געווען פאַרבונדן מיטן שרעק פון טאַטע-מאַמע, וועלכע האָבן געהערט פון די אָפטע אַרעסטן צווישן די שרייבערס, ספּעציעל נאָך פרצעס אַרעסט, וועלכער האָט זיך פאַרצויגן אויף עטלעכע חדשים. די עלטערן האָבן שוין געוואָלט אים ליבערשט האָבן אין לאָדזש, אַז אין ערגסטן פאַל, ווען ער וועט איינגעזעצט ווערן, זאָל מען כאָטש קענען אים זען בעת די באַזוכן אין לאָדזשער תפיסה, אָבער נישט אין וואַרשעווער פאַוויאַק. מען האָט אים אויפגעפאָדערט, אַז ער זאָל צוריק קומען, אָבער אָן דערפאָלג.

נישט קענענדיק אים באַוועגן מיט קיין שריפטלעכע ווענדונגען (טאַ-טע־מאַמע האָבן נישט געקענט מכמה סיבות פאַרלאָזן די שטאָט), האָט מען זיך געווענדט צו אַ באַקאַנטער, פריילין מוסיא יוזעפאָוויטש, וועלכע האָט געהאַט אויף אים אַן איינפלוס. מוסיא איז געווען אַן עלטערע מיידל, וועלכע איז פאַרזעסן געוואָרן צוליב איר אייגענער שולד, צוליב איבער־געטריבענער איבערקלייבערישקייט. מען פלעגט זי דערפאַר אויך רופן: „ראַזבאָרטשיוואַיאַ ניעוויעסטאַ". פונקט ווי איר גאַנצע משפחה, איז זי געווען אַ חכמה, מיט אַ טיפן שכל פון אַ שאַרפער באַאָבאַכטערין.

די משפחה יוזעפאָוויטש איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטע. אַלע שרייבערס, וועלכע פלעגן קומען קיין לאָדזש, פלעגן זי גערן באַזוכן: שלום אַש, זלמן שניאור, יעקב כהן, בערקאָוויטש א"א.

מען פלעגט ביי אונדז זיך סודען, אַז יצחק וואָלט געוועז זיך מיט איר פאַרבונדן. די מניעה אָבער האָט ווידער געשטעקט אין איר. זי האָט מורא געהאַט חתונה צו האָבן מיט אַ בחור מיט אַ צען יאָר יינגער פון איר. איך האָב געהערט ווי יצחק האָט אַמאָל געזאָגט צו דער מאַמען: כ'האָב מוסיאן ליב פאַר איר חכמה! אַ שאָד, וואָס זי האַלט מיך פאַר אַ יינגל! כ'קען דאָך מיטאַמאָל נישט ווערן אַ מאַנספאַרשוין..."

נאָך זיין צוריקקומען פון וואַרשע, אונטער דער השפעה פון דאָרטיקן ברויזנדיקן גייסט פון דער יוגנט, איז יצחק געוואָרן געענדערט אין זיין באַציאונג צו די עלטערן. צו דער איבערראַשונג פון דער מאַמען האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוזאָגן רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען בזה הלשון: „אין אַזעלכע היסטאָרישע מאָמענטן אַנערקען איך נישט בלויז איין מאַמען, מעג זי זיין אַפילו מיין אייגענע. פאַר מיר זענען אַלע מאַמעס גלייך. די זין קענען נישט טראַכטן בלויז וועגן זייערע מאַמעס, אָבער דערפאַר דאַרפן אַלע מאַמעס זאָרגן פאַר די זין פון דער גאַנצער וועלט..."

אונדזער פיינפילנדיקע מאַמע האָט נישט געהאַט קיין כוח צו פאַר-פירן מיט אים אַ וויכוח און זיך שטאַרק צעוויינט, וואָס עס האָט אויף יצחקן געווירקט אפשר נאָך איבערצייגנדיקער, ווי וועלכעס ס'איז וואָרט. ער איז אַ צעמישטער אַרויס פון שטוב. די מאַמע האָט אָבער איר גאַנצן ווייטיק אויסגעלייגט פאַר מוסיאן. נאָך עטלעכע טעג האָט זי אים הפנים

באַווירקט אויף צו ענדערן זיין שטעלונג צו דער מאַמען, וועלכע ער האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַן אָביעקט פון אַ רעוואָלוציאָנערער שיטה.

דורך די אַלע פאַקטן וויל איך אַרויסברענגען, אַז אונדזערע עלטערן און ספּעציעל די מאַמע האָט געהאַט קעגנגעווירקט, אַז יצחק זאָל ווערן אַן אַקטיווער פּאָליטיקער, און אַזוי ווי ער איז אין זיינע יוגנטלעכע יאָרן אָפּגעהאַלטן געוואָרן דערפון, איז ער שוין במילא אַזוי געבליבן זיין גאַנץ לעבן. ער פלעגט זאָגן: „אין אַ פּאַרטיי מוז מען וואַקסן, ווי אַ פלאַנץ, פון קליינוויַיז אויס, מיטוואַקסן און שפּעטער זי איבערוואַקסן, כדי צו ווערן אַ פּאַרטייפירער...”

פאַרשטייט זיך, אַז יצחק, אַלס ער ראיה, אַלס איינער, וועלכער האָט כאָטש אומדירעקט מיטגעמאַכט די גאַנצע רעוואָלוציע, איז בלב ונפש געווען דורכגעדרונגען מיט די אידעאַלן, ספּעציעל פון יידישער רעוואָ־לוציע, אין זין פונעם ציוניסטישן סאָציאַליזם. דאָך, אין זיין גייסטיקן געראַנגל צווישן רעוואָלוציע און קונסט האָט ביי אים געזיגט נישט די ענגע און אפילו צילבאַוווסטזיניקע פּאַרטייאישקייט, נייערט דאָס גאַנצע אינטעגראַלע יידישע פאָלקס-לעבן...

קאפיטל 16

אסתר-סלאווע...

אין דעם דאָזיקן שטורמישן רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד איז יצחק געווען אַ יונג בחורל, נאָך פאַרן מיליטער-דינסט, אָבער ער האָט אויסגעזען אַ סך ערנסטער ווי זיין עלטער. יצחק, נישט קוקנדיק אויף זיין יונגן עלטער, האָט שוין געהאַט אַ שם אין דער ליטעראַרישער וועלט און געווען שטאַרק פּאָפּולער אין געזעלשאַפטלעכע קרייזן. צוליב זיין לוסטיקן טעמפּעראַמענט איז ער געווען אָנגענומען נישט נאָר צווישן מענער, נאָר אויך פרויען, ביי וועלכע ער פלעגט האָבן אַ גרויסן דערפאָלג. אין יענע צייטן פלעגט מען אָנטרעפן אויך אויף אַ סך זייער אינטערעסאַנטע טיפּזיניקע און קעמפערישע, רעוואָלוציאָנערע פרויען-געשטאַלטן. ער פלעגט אָבער פונקט ווי ביי מענער אויך ביי פרויען דערזען דעם קרומען שפּיגל, די „קאַריקאַטורן". פלעגט ער טרעפן אַ מיידל, אַ „בלויען שטרומף" ווי היינע פלעגט עס באַצייכענען, אַ פּאַסיווע צו אַלץ און אַלעמען, צו אַלע געשעענישן פון דער סביבה, פלעגט ער זיך באַמיען אַרויסנעמען זי פון איר גלייכגילטיקייט. טאָמער אָבער פלעגט ער אָנטרעפן אויף אַ צו ערנסטער מיידל, איבערגענומען אינגאַנצן און בלויז מיט מאַרקסיזם, פלעגט ער זיך באַמיען זי איבערצוציינגן, אַז זי זאָל קאַרל מאַרקס-בילד אַוועקלייגן אויף אַ זייט און ערשט שפּעטער וועט זי אים קענען פאַרשטיין...

זיין ערשטע, ערנסטע ליבע איז געווען אַ יונג צאַרט מיידל, מיטן נאָמען אסתר-סלאַווע. ווען יצחק האָט זי דאָס ערשטע מאָל געפרעגט, ווי

זי הייסט, האָט זי שטיל געזאָגט — אסתר... יצחק האָט מיט אַן איינ־סטינקטיווער שרעק אין זיין קול שנעל נאָכגעפרעגט: „וואָס? וואָס? ס'איז נישט מעגלעך... ניין, נישט מעגלעך? אסתר?!..." זי האָט אויף אים אויפגעהויבן אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן און דערזעענדיק אין זיין בליק אַ שרעק, האָט זי ווי געזוכט זיך צו פאַרענטפערן: „אייך דוכט זיך, אַז אסתר איז אַ צו פּשוטער נאָמען? נו, טאָ זייט זשע ווייסן, אַז מען האָט אים פאַרבונדן מיט אַ צווייטן גויאישן, סלאַווא און ס'איז מיר אויסגעקומען צו פאַרבינדן צוויי וועלטן, אַ יידישע און אַ גויאישע. איך הייס אסתר־סלאַווע".

יצחק האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן איר צווייטן נאָמען סלאַווא. ער האָט מיט אַ מאָדנער לעבעדיקייט אָנגעהויבן אויסצופירן דעם געדאַנק וועגן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון די נעמען בכלל און ביי יידן בפרט.

— הייסט שוין בעסער סלאַווע, סלאַווע אַליין! דער דאָזיקער הייַנט צו טאָג נישט היימישער נאָמען וועט נאָך מיט דער צייט ווערן אַ יידישער און אַ גרויסער יידישער נאָמען דערצו!..." אסתר־סלאַווע האָט, מיט אַ קוים מערקבאַרן שמייכעלע געענטפערט: „גוט, זאָל זיין בלויז... סלאַווע... אויב אייך געפעלט אַזוי..." די קוזינע פון סלאַוועןַ, מוסיא יוזעפּאָוויטש, האָט בייגעוווינט דעם דאָזיקן געשפּרעך. נאָך איידער סלאַווע איז געקומען צו פאָרן צו זיי, האָט זי שוין געהאַט גערעדט מיט דער מאַמען וועגן דער ווונדערבאַרער קוזינע, וועלכע וועט יצחקן באַשטימט געפעלן, צוליב די מעלות, וועלכע זי פאַרמאָגט. זי האָט זיך גלייך אָריענטירט, פאַרוואָס יצחק וויל זיך נישט דערמאָנען אָן דעם נאָמען אסתר און צוגעהאָלפן, אַז פון יענעם טאָג אָן, זאָלן אַלע אין שטוב זי רופן נישט אַנדערש ווי סלאַווע.

די מאַמע האָט זייער געהאַלטן פון מוסיאס חכמה. און די מאַמע האָט איר אָנפאַרטרויט איר ווונטש, אַז זי וואָלט געוואָלט יצחקן וואָס שנעלער חתונה מאַכן, מכמה וויכטיקע טעמים: אַלס פאַרהייראַטער וועט ער שנעלער באַפרייט ווערן פון מיליטער־פליכט והשנית, די פרוי וועט אים אָפּהאַלטן פון באַזוכן געפערלעכע דעמאָנסטראַציעס אָדער „סכאָדקעס" מיט „בירזשעס", ווו די סכנות נפשות לויערט פון אַלע זייטן מיט

קאזאקישע קוילן אדער תפיסה. יצחק לויפט איבעראל און „ביי איר צי־טערט דערווייל דער גוף מיט דער נשמה...״

אזוי ארום איז געוואָרן אויסגעפּלאָנעוועט א קאָנספּיראַציע פון מיין מאמען מיט מוסיאן, כדי יצחקן צו פאַרבינדן מיט סלאוועו. א מאָדנעם כוח האָט זי פאַרמאָגט אין זיך, די דאָזיקע חכמה — מוסיא! צו קענען זיך אַנטזאָגן, צוליב צען יאָר דיפערענץ אין עלטער, פון יצחקן, וועלכן זי האָט אין הארצן ליב געהאַט מיט אַלע חושים און פאַרוואַנדלען זיך — אין א מאמען! אויף דעם איז בלויז פעאיק אַן איידעלע פרויען־נשמה. פון א נעליבטער צו ווערן א מאמע...

זי פלעגט אינספּירירן און שאַפן די סביבה פאַר דעם יונגן שיינעם פּאָרל און פון ווייטנס אָבסערווירן און אָנקוקן פון זיי פונקט ווי א גע־טרייע מוטער, לייענענדיק דערביי א בוך אדער א צייטונג, בשעת יצחק פלעגט לעבעדיק דערציילן סלאוועו, וועלכע פלעגט שווייגנדיק אים מיט אינטערעס אויסהערן. די מאמע אונדזערע האָט דורך מוסיאן געוווסט פון זייער יעדן שריט און מיט גרעסטן אומגעדולד האָט זי דערוואַרט דעם מזלדיקן טאָג, ווען יצחק וועט קומען אָנזאָגן די בשורה טובה, אַז ער האָט באַשלאָסן מיט סלאוועו חתונה צו האָבן.

סלאוועו איז געקומען צו איר מומען גרוניע יוזעפאָוויטש, אייננצו־אָרדענען זיך אין לאָדזש. זי האָט יונג פאַרלאָרן אירע עלטערן, פריער דעם פּאָטער אויף טובערקולאָז און אין עטלעכע יאָר ארום אויך איר יונגע מו־טער און פאַרבליבן איז זי איינזאַם מיט א יונג ברודערל, וועלכן איר פע־טער אין פּרוזשאַני האָט גענומען צו זיך אויף דערציאונג. סלאוועו פלעגט מיט א גרויסער בענקשאַפט אויף איר פאַרחלומטן פּנים תמיד דערמאָנען, אַז זי וואַרט, ביז איר צען יאָריקער ברודערל וועט עלטער ווערן, וועט זי אים אויך אַראָפּברענגען צו זיך. זי פלעגט ווען איר ברודערל רעדן מיט א התלהבות פון א געטרייער מאמען, געטראָגן זיך מיט זיין פאָטאָגראַפיע און ארום אים געפעדעמט אַלע אירע צוקונפט־פּלענער.

סלאוועס פאָטער, א העברעאישער לערער און זייער א טיפזיניקער מענטש, האָט בעת זיין לעבן געחלומט פון זיין געראָטענער בית־יחידה צו מאַכן א מאָדערנע העברעאישע לערערין. זי האָט טאַקע פלינק גע־

יצחק קאצענעלסאָן

אין זיינע יוגנט־יאָרן

רעדט א ליטעראַרישן העברעאיש און דערמיט האָט זי נאָך מער אויסגע־נומען אין די אויגן פון יצחקן, דעם אמתן חובב עברית.

אונדזערע טאַטע־מאַמע פלעגן שוין וועבן צוקונפט־פּלענער וועגן יצחקן מיט סלאַווען, וועלכע איז זיי זייער ליב געוואָרן, פשוט „איינגע־באַקן אין האַרצן". מען פלעגט אָנווייזן, אַז דאָס איז אַ שיין, געפּאַסט, גלייך פּאָרפּאָלק, אַז זיי וועלן נאָך דער חתונה עפענען אַ מאָדערנע העב־רעאישע שולע אא"וו.

סלאַווע איז באמת געווען אַ נישט דורכשניטלעכע שיינהייט. אַן איי־דעלינקע, מיט איר גאַנצער געשטאַלט, איר הויכער דינער האַלדז מיט אַ קליינעם צאַרטן פּנימל, אַ הויכן שטערן, מיט דורכזיכטיקע געזיכט־שטריכן, מיט אירע שטענדיק אָראָפּגעלאָזטע אויגן, וועלכע פלעגן פלו־צים אַ בלישטשע טאָן מיט אַ שיין פון שטאָלענער און באמת מאַגנעטי־שער קראַפט, פלעגט זי שאַפן דעם איינדרוק פון עפעס אַ מיסטעריעזער געשטאַלט. פאַר אונדזער גאַנצער סביבה איז געווען בולט, אַז זי האָט אויף יצחקן געמאַכט אַ גאָר שטאַרקן רושם. זי פלעגט אים דערמאָנען זיין ער־שטע אסתרקע פונעם הויפּטעאַטער, די פּריצייטיק דורכן טויט פאַרשני־טענע קינדערישע ליבע.

די נייע אסתר-סלאַווע, אָדער סלאַווע, ווי מען פלעגט זי אויף יצחקס ווונטש שוין שטענדיק רופן, איז אָבער געווען סיי מיט איר אויסזען, סיי מיט איר נשמה, עפעס נישט אַן עולם הזהדיקע. יצחק פלעגט אַ פּאַרווונ־דעטער פאַר מוסיאן זיך אָנפּאַרטרויען, אַז סלאַווע איז עפעס אַן אויסנאַם פון פרויען, אַ ליידנשאַפטלאָז מיידל.

זי פלעגט גאַנצע טעג פאַרברענגען ביים לייענען פון העברעאישער און רוסישער ליטעראַטור, דערביי אָפּטמאָל פון וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט. ס'פלעגט זיין שווער זי אַריינצוציען אין אַ שמועס.

איר ערשטער ברייטערער געשפּרעך מיט יצחקן איז געווען געוויד־מעט דעם דערשיינען פון זיין „עם דמדומי הערב", מיט אַ וועלט-שמערצ־טעמע, כאַראַקטעריסטיש צו יענע צייטן, אָבער מיט אַ מאָדערנעם צוגאָב פון יידישן צער, צוליב דער יידישער היימאַטלאָזיקייט. דאָס געשפּרעך

האט זיך א ווענד געטון אויף ארץ ישראל צו די בילויים און ערשטע העראאישע פיאנערן אין קאמף פאר א יידישער היימאט.

אין דעם דאזיקן אוונט האט סלאווע זיך דאס ערשטע, און דאס לעצטע מאל, פארגעסן... זי האט אוועקגעלייגט איר צארט קעפעלע אויף יצחקס שטארקן אקסל...

אויפן צווייטן טאג, נאך איידער יצחק איז געקומען צו מוסיאן דערציילן איר וועגן זיין גליק, איז שוין סלאווע געווען די ערשטע איר צו מתודה זיין זיך, אז זי האט נעכטן פארבראכט מיט יצחקן א שיינעם אוונט... איר האט זיך אויסגעדוכט, אז איר טאטע ע"ה גלעט זי אין א זיסן חלום... אז איר מאמע באדעקט איר שטערן מיט הייסע קושן... מוסיא האט זי אנגעקוקט מיט א חידוש און געפרעגט א תכלית־שאלה... סלאווע האט אבער, צו איר איבערראשונג, גענטפערט, אז דערוויל טראכט זי נישט פון חתונה האבן, כאטש יצחק געפעלט איר זייער שטארק... אויב זי וועט יא אמאל באשליסן, וועט עס זיין בלויז מיט יצחקן... זי וועט עס אים ביי א געלעגנהייט אליין זאגן און ער וועט זי באשטימט פארשטיין... ער איז דאך אזא פיינפילנדיקער...

אזוי זענען אריבער עטלעכע חדשים, במשך פון וועלכע יצחק פלעגט שטיין פאר א נישט געלייזטער, סודותפולער רעטעניש און מיט מוסיאן זיך חקירהן, אז ער פארשטייט נישט סלאווען... ביז... ביז ס'איז אנגעקומען א טאג, א שרעקלעכער טאג: ס'איז אנגעקומען אן אימהפולע ידיעה, אז איר איינציק און היים־געליבטער ברודערל איז אומגעקומען בעת א שריפה!

די צארטע בלום איז דורכן שטורעם גלייך אומגעווארפן געווארן אין איר שוואכער שורש האט הפנים זיך איינגעבראכן. סלאווע איז דורך דער ידיעה שיעור נישט גלייך אוועק... א הארצשלאג־אטאקע האט זי אוועקגעלייגט אין בעט. זי האט אויפגעהערט צו עסן און אריינגעפאלן אין א מעלאנכאליע. איר מומע גרוניא, מוסיא, יצחק — קיינער האט זי נישט באוויזן צו בארואיקן אין איר גרעניצלאזן אומעט. זי האט אנגעהויבן צו רעדן וועגן טויט, און וואס א טאג, אלץ קאטעגארישער, אז איצט מוז זי שוין שטארבן. יצחק האט זיך פארלייגט, כדי זי ארויסצוכאפן פו־

נעם נעץ פון דער מהה שחורה: ער האָט מיט איר לכתחילה גערעדט גאָר פּאָרזיכטיק, שפּעטער גאַנץ אָפן און לסוף אפילו שטרענג. סלאווע פלעגט אָבער עקשנותדיק ענטפערן, אַז זי און נאָר זי אַליין האָט דאָס רעכט צו שאַפן און דעצידירן וועגן איר אייגענעם גורל, קיינער טאָר נישט אריינמישן זיך אין איר לעבן און אין איר פּאַטאַלן באַשלוס פון אַוועקגיין פון דער דאָזיקער וועלט, וועלכע אינטערעסירט זי נישט. איינמאָל האָט זי יצחקן מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, אַז ער זאָל משפּיע זיין אירע קרובים, אַז זיי זאָלן זי שוין מער נישט מאַטערן און לאָזן רואיק שטאַרבן.

סלאַוועס געזונט־צושטאַנד, ביי אַזאַ פּסיכאָלאָגישן איינשטעל, האָט זיך דערווייל פאַרערגערט וואָס אַ טאָג מערקבאַרער. אַ קאָנסיליום פון די וויכטיקסטע לאָדזשער דאָקטוירים האָט דערביי איר פעסטגעשטעלט טובערקולאָז אין לעצטן סטאַדיום. יצחק איז פון דער דאָזיקער ידיעה געוואָרן געפּערלעך צעשראָקן. סלאַוועס מומע האָט זי פּשוט מיט כוח מיטגענומען אין אַן אויסלענדישן קוראָרט, קיין מעראַן. דאָרט האָט זי זיך פאַרבעסערט און במשך פון ווינטער כמעט געקומען צו זיך און צוריקגעקומען קיין לאָדזש. אָבער באַלד, נאָכן צוריק קומען, איז זי ווידער קראַנק געוואָרן. זי פלעגט בעטן זי צו האַלטן ביים אָפענעם פענסטער, ווייל זי וויל הערן און זען, ווי די נאַטור דערוואַכט צום לעבן. איר לאַנגע אָפּוועזנהייט פון לאָדזש און ספּעציעל פון יצחקן האָט דערוועקט אין איר אַ בענקשאַפט נאָך דעם פאַרלאָרענעם... יצחק איז געווען גליקלעך פון פרייד, וואָס סלאַווע איז געוואָרן אַזוי נאָענט צו אים, ער פלעגט ביי איר בעט פאַרברענגען אַלע זיינע פרייע שעהן און גאַנצע אָוונטן, ביז שפּעט ביינאַכט. ביי אונדז אין שטוב זענען אַלע געווען גליקלעך מיט יצחקס גליק און געבעטן גאָט, וואָס שנעלער אויסצוהיילן סלאַווען פון איר שוואַכן צושטאַנד. מען האָט געוואָרט אויף די אָנקומענדיקע זומער-וואַקאַציעס, כדי יצחק זאָל קענען מיט איר מיטפאָרן קיין אָטוואָצק, ווייל סלאַווע האָט אָפן דערקלערט, אַז אָן איר חתן וועט זי שוין מער נישט פאָרן אין ערגיץ. זי האָט זיך געגנוג אויסגעבענקט נאָך אים במשך פון די פיר חדשים אין מעראַן...

אָבער זי האָט זיך געבעך נישט דערוואַרט דעם זומער און אין אַ

פּרעכטיקן מאַי־אָוונט זענען אירע כוחות אויסגעגאַנגען. זי האָט געהאַלטן יצחקס הענט ביי איר מויל, בעת ער האָט איר געזונגען זיין באַרימט פאָלקסליד: „די זון פאַרגייט אין פלאַמען...״

די זון פאַרגייט אין פלאַמען,
די זון מען זעט זי קוים,
אַזוי פאַרגייט מיין האָפענונג,
אַזוי פאַרגייט מיין טרוים...

ערב איר שטאַרבן האָט זי אים געזאָגט אויף רוסיש: „וואָט יאַ און־זשע נאַ פּריסטאַני...״ דאָס הייסט: „אָט אָ, כ׳בין שוין צוגעקומען צום ברעג...״

אַלע בני בית און פריינט, וועלכע זענען געזעסן אין צווייטן צימער, דערוואַרטנדיק מיט אַ קלעמעניש אין האַרצן דעם אומפאַרמיידלעכן, לויט די דאָקטוירים, סלאַוועס סוף, האָבן זיך פּלוצים דערשראָקן, נישט הערנדיק מער יצחקס זינגען. מ׳האָט אויפגעפּראַלט די טיר און געפונען יצחקן אַ פאַרחלשטן אויף סלאַוועס טויטן בעט... זיינע ערשטע, האַלב באַוווסטזיניקע ווערטער זענען געווען: „זי... איז ווידער געשטאָרבן!...״ ער האָט דערביי געמיינט אסתרן, אז דורך אַ פאַטאַלער קאָינסידענץ איז אסתר פאַר אים געשטאָרבן דאָס צווייטע מאָל...

קאפיטל 17

דער סאָלדאַט

נאָכן טיפן טרויער נאָך סלאַווען האָט מען זי שוין ווידער, אַלס פּאַר־שטאָרבענע, גערופן אסתר, אויף יצחקס ווונטש... אַזוי פלעגט ער זי רופן... געשטאָרבן הייסט עס איז אסתר... צוויי טויטע אסתרס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין סימבאָל פון טויט... ווי איין מענטש און איין טויט... מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר שפּעטער איז דער דאָזיקער שרעקנס־סימבאָל ביי אים אויסגעברייטערט געוואָרן אויף אַ פאָלקס־באַגריף. ער פלעגט דעם קאָלעקטיוו פערסאָניפיצירן אין איינציקע, נאָענטע נעמען...

נאָך סלאַוועס טויט האָט יצחק אַ לאַנגע צייט נישט געשריבן. בלויז דער באַגאַבטער גרויסער דיכטער יעקב כהן, אַ יוגנט־חבר, האָט סלאַווען געווידמעט זייער אַ האַרציק העברעאיש ליד, א"נ: „אני ידעתי נערה!"

פון יצחקס געדריקטן גייסטיקן צושטאַנד האָט אים אַרויסגענומען די אָנגעקומענע צייט פון דערפילן זיין מיליטער פליכט. ער האָט זיך געדאַרפט צושטעלן צו דער „פריזיוו"־קאָמיסיע. אין די דעמאָלסטדיקע יאָרן איז מיליטער־פליכט געווען ביי יידן דער ערגסטער צוואַנג, כמעט ווי אַן אומגליק, סיי אין די אויגן פון די עלטערן, סיי ביי די רעקרוטן גופא, וועלכע פלעגן זוכן אַלע לעגאַלע און אומלעגאַלע דרכים, כדי אויסצודרייען זיך פון דעם דאָזיקן אָנשיקעניש. ביי אונדז אין שטוב איז מען געגאַנגען אָן אַ קאָפּ פון די דאגות: „וועט מען יצחקן חלילה נעמען? דריי יאָר דינען די פּאַגראָמשטשיקעס..."

מ'האָט אָנגעהויבן צו לויפן צו ווינקל־אַדוואָקאַטן, מאַכערס, שתד־

לנים. פּרובירט צו געפינען אימיצן, כדי אים צו פאַרשרייבן יינגער, על־טער, אויף אַ פרעמדן נאָמען, אַלס אַ בן־יחיד פון אַ קינדערלאָזן, מאַכן אים אַ קליינעם מום, אָפּצערן אים מיט אַ ספּעציעלער דיעטע, כדי ער זאָל זיך צושטעלן צו דער מיליטער־קאָמיסיע אויף געפּסלט צו ווערן אאַ"וו.

אָבער יצחק האָט צו אַלעמענס אַנטוישונג נישט געטראַכט פון די אַלע קונצן און גאַר געוואָלט גיין דינען אין מיליטער... נאָך סלאָוועס טויט איז ער געוואָרן אַזוי נידערגעשלאָגן, אַז ער האָט גאָר געזוכט אַן אופן, ווי אַזוי צו אַנטלויפן פון אַ רואיקן און באַקוועמען לעבן. דערביי איז סלאָוועס אַמאָליקע עקשנות אַריינגעקראָכן, ווי אַ מעטאַמאָרפאָזע, אין זיין מוח אַריין און ער האָט באַשלאָסן, אַזוי ווי זיך אַליין אויף צו להכעיס, אַלץ מקריב צו זיין.

עס איז געקומען דער טאָג פון פּריזיוו. מיט שמייכלונג האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן זיין האַלטונג ביי דער מיליטערישער קאָמיסיע. ער האָט זיך אין קעגנטייל צו אַנדערע געהאַלטן ווי אַן איבערגעגעבענער רוסישער בירגער, וועלכער שטרעבט וואָס שנעלער צו דערפילן זיין בירגער־פליכט. ער האָט זיך באַרימט מיט זיין גוטן געזונט־צושטאַנד. מען האָט אים אַנערקענט „געזונט ווי אַ נוס" און אַרויסגעזאָגט איינשטימיק דעם פּאַ־טאַלן פאַר אונדז אַלעמען פּסק־דין: „גאָדיען!"...

אין שטוב איז געוואָרן אַ תוכחה. אַלע זענען געלאָפן ווידער צו די ווינקל־מאַכערס און שתדלנים פון לאָדזש, פּיעטריקאָוו און וואַרשע. דאָס האָט זיך געצויגן אַזוי לאַנג, ביז אין אַן אַנגעטפולן טאָג איז אָנגעקומען די פאַטאַלע „פּאָוויעסטקע", אַז ער מוז במשך פון 48 שעה אַרויספאָרן אין זיין רעגימענט, וועלכער געפינט זיך אין דער קורלענדישער שטאָט שאַ־וועל, ביי ריגע.

און יצחק איז אַוועק דינען אין מיליטער. זיין גרויסער גייסטיקער צער האָט אים אַריינגעטריבן אין די אָרעמס פון צאַר! זיינע איבערלע־בונגען אין די צייטן צווישן צער און צאַר באַשרייבט ער אין אַ דערציי־לונג „צווישן גויים". ער באַשרייבט דאָרט, אַז נאָך דעם ווי ס'איז אָנגע־קומען די פּאָוויעסטקע פון דעם וויַיטן שטעטל, צו וועלכן ער איז צוגע־שריבן, אַז ער מוז זיך דאָרט צושטעלן צום מיליטער, האָט זיין עלטערע

שוועסטער געוואָלט מיט אים מיטפאָרן. ער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט:
— נאָר אַליין! ס'האָט זיך אים געוואָלט אַליין, אָן דער שוועסטער, אָן קיינעם, אַרויספאָרן אין דער וועלט... אַז די באַן איז אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג פון שטאָט און האָט צעטראָגן אַ געפייפעריי אין ווייטע פעלדער, האָט ער זיך ערשט דערפילט אַליין, און דאָס איז אים זייער געפעלן...

ער איז אָנגעקומען מיט אַ גאַנצער פּאַרטיע פריילעכע גויאישע „נאָוואָבראַנצעס" אין דער ריזיקער רויטציגלדיקער קאַזאַרמע, וואָס האָט זיך געצויגן אַרום אַ גרויסן שטח פון אַ פרייעם פּלאַץ. דאָרט האָט ער זיך מיט נייגעריקייט צוגעקוקט צו די ווייסע ווענט, וועלכע האָבן אים אויסגעוויזן צו זיין טונקל, די בילדער פון צאַר אַזוי נאַריש, די גרויסע, היל-צערנע צלמים אַזוי מאָדנע פרעמד.

פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט וועגן דער ערנסטער באַחנטער מיידל, אין אַ שוואַרצער פעלערינע, וואָס ער האָט זיך מיט איר באַקענט אויף דער בירזשע. „די בורזשואַזניקעס האָבן זיך אויסגעטראַכט אַ גאָט, כדי צו פאַרשקלאַפן דעם אַרבעטער!" — אוי, איז זי בייז אויף די בורזשואַז-ניקעס... גאָט אָבער, האָבן די בורזשואַזניקעס נישט אויסגעטראַכט! זיי קאָנען דען עפּעס טראַכטן וועגן אַזוינע זאַכן? זיי האָבן נאָר אַ געשווינד קעפּל און גלאַטיקע פינגער צו ציילן מטבעות... ער וועט איר מאָרגן שרייבן אַ לאַנג בריוול... זי וועט כאַפּן די שוואַרצע פעלערינע און דאָס בריוועלע מיטנעמען פאַרנאַכט אויף דער בירזשע... דאָרט וועט זי עס לייענען פאַר די אַרבעטער אין גאַס... אַ בריוו פון אַ חבר... וועט זי גע-היימנישפול יעדן אַריינזאָגן אין אויער. און אַז זי וועט קומען שפּעט אַהיים שלאָפן, וועט זי דעם בריוו נעמען אין בעט און לייענען אים אַ סך מאָל... די בלוזע מיטן בילד פון קאַרל מאַרקס און די שוואַרצע פעלערינע וועלן דאַן ליגן ווייט אויף אַ שטול און זי וועט דעם בריוו לייגן אויף איר אַנטבלויזטער ברוסט און ערשט דאַן גאָר אַנדערש פאַרשטיין...

ס'האָט יצחקן געשווינדערט אין די קאַזאַרמעס. ער האָט אַרומגעשפּאַ-צירט איבער די גרויסע ווייסע שטובן, אינעם גערויש פון די זאָרגלאָזע גויים, צווישן שמאָלע נאַרעס און נאָך שמעלערע שעניקעס. אַז אַלע, מיד פון מאַרשירן, האָבן זיך אויף שנעל צעלייגט אויף זייערע נעבעכדיקע

געלעגערס, איז ער געזעסן אויף זיינעם און געקוקט אויף די פארשידנ־ארטיק שלאפנדיקע טאטארן און קירגיזן, מאנגאלן און קאמטשאדאלן, צענדליקער פעלקער און לשונות, וועלבע מ'האט דא אנגעיאגט פון אלע עקן פון דער ריזיקער אימפעריע פון צאר...

אז מ'האט אים אוועקגעשטעלט אין דער שורה יונגע זעלנער און א געשריי געטון — „סמירנא!" — איז אים אדורך דורכן גאנצן גוף א שווי־דער... נעקאמאנדעוועט האט א געשטופלט מאגער סאלדאטל מיט א היי־זעריק קול. די קורצע הענט, וועלכע ער האט געהאט פארוואָרפן אויף הינ־טער זיך, זענען געווען גרייט יעדע מינוט פונאנדערפלעכטן זיך און שלא־גן... און די זון איז נאך צומאל נישט אויפגעגאנגען. פאניע נאר! א בעלנות אויפצוועקן פארטאג און קאמאנדעווען: „סמירנא־ראווניאיים! סמירנא־ראווניאיים!... ניין, ער וועט שרייבן אהיים א טרויעריק בריווע־לע. א מיאוס, גראב לעבן.... טראכטן קאן מען נישט..."

פון ערשטן טאג אן, וואס יצחק איז אוועק אין מיליטער, איז אין אונדזער שטוב געווען א כסדרדיקע מהומה. אלע איז געגאנגען כאדאראם. אפילו יצחקס ערשטע הייטערע בריוו האבן ביי אלעמען ארויסגערופן טרערן. איך געדענק, ווי איך אליין האב פון גרויסן טרויער אויפגעהערט צו באזוכן די גימנאזיע און מ'פלעגט מיר צושיקן באקאנטמאכונגען, אז איך וועל מוזן פארלירן א גאנצן שוליאר. דאס איז געווען דערפאר, וואס אלע זענען ארומגעלאפן און האבן געריזט אין דער גובערניע, אין פיעט־ריקאוו און אין ווארשע און איך, א קליין מיידעלע, האב געמוזט קאכן פאר אלעמען און ניאנטשען זיך מיט די קלענערע ברידערלעך.

כ'געדענק, ווען ס'איז אנגעקומען די ערשטע פאטאגראפיע פון יצחק־לען. די מאמע מיט שיינדלען האבן איבער דער פאטאגראפיע פארגאסן ביטערע טרערן... „אז אך און ווי איז צו אונדז... יצחק... אונדזער יצחקל א סאלדאט!"...

אבער אין א צייט ארום, ווען ס'איז אנגעקומען דאס בריוול מיט דער באשרייבונג וועגן מיאוסן, גראבן קאזארמע־לעבן און אז מ'זאל אים, למען השם, וואס שנעלער ארויסנעמען פון מיליטער־דינסט, איז שוין אין שטוב געוואָרן — תשעה באב... דער טאטע מיט דער מאמען האבן תיכף אנגע־

שריבן אן איכה־בריוו צום פרוזשאנער רב. דער פעטער ר׳ אליהו האט געענטפערט, אז אין ריגע וווינט זיינס א גוטער פריינט, א העברעאישער לערער יששכר פיערניק, וועלכער קען אזא „כאראקטיקע", וואס פאר א פינף טויזנט רובל נעמט זי ארוים יצחקן פון מיליטער און כשר וישר אזוי, אז עס בלייבן נישט קיין נאכווייען, ד. ה. ער וועט נישט דארפן, חלילה וחס, אנטלויפן קיין אמעריקע... מ׳וועט אים פונעם רעגימענט־שפיטאל ארויסגעבן א ווייסן באפרייאונגס-בילעט, אלס אן אומטויגבארן צום מי־ליטער־דינסט.

און דא ערשט איז ביי אונדז אנטשטאנען א הארבער, אומלייזבארער פינאנציעלער פראבלעם: פון וואנען נעמט מען אזא לעגענדארן קאפיטאל פון פינף טויזנט רובל! „מ׳דארף דאך זיין א מיליאנער דערצו!"...

מ׳האט אנגעהויבן זוכן גמילות חסדים, שרייבן צו אלע פעטערס, די רבנים פון פרוזשאני, פון אוזדע, פון בעסלאוויטש א. א. וו. ר׳ מנחם קראקאווסקי, דער שפעטערדיקער ווילנער רב, האט אפילו צוגעשיקט א טרייסט-שיר אויף העברעאיש, אז אי״ה וועט אלץ זיין גוט, אז יצחק וועט בקרוב בימינו עולה לגדולה זיין א. א. וו... אבער דערמיט האט מען נאך אלץ נישט געקענט דעקן דעם נויטיקן קאפיטאל פון די פינף טויזנט און נאך עטלעכע הונדערט רובל דערצו אויף רייזע־הוצאות פאר דער מאמען, וועלכע האט געזאלט זיך אונטערנעמען צו פארן קיין ריגע און שאוועל צו יצחקן אין רעגימענט.

מ׳האט שוין געהאט אויסגעשעפט אלע מעגלעכקייטן צווישן דער איי־גענער משפחה. דער גביר, דער פעטער הורוויטש, דער זגיערזשער פאברי־קאנט, ווי יצחק פלעגט אים רופן, האט תחילת געמאכט „פוילע שטיק", זוכנדיק אמאליקע חטאים: אז יצחק איז א משוגענער פאעט, אז ער האט געקענט און נישט געוואלט זיך באפרייען פון דער ערשטער „פריזיוו-קא־מיסיע", אז פאנקע וועט אים דארט ארויסקלאפן זיין ווילדקייט, אז זאל ער נאר פרובירן דארט צו שרייען אזוי ווי ביי אים אין פאבריק, — „זאל לעבן די רעוואלוציע!" — וועט מען אים פארשיקן אין ארעסטאנטסקע ראטעס אין קאמטשאטקע אדער אויף סאכאלין... נאך גרויסע שוועריג־קייטן, הרב מייזל ז״ל האט געמוזט זיך אריינלייגן אין עסק, האט דער

פּעטער אָנגעהויבן צו קרעכצן, אַז ביי די היינטיקע ביטערע געשעפטן איז ער נישט ביכולת צו געבן מער ווי פינפהונדערט רובל.

נאָך אַ לענגערער צייט פון קאָרעספּאָנדענצן מיט די אייגענע, פון באַמיאונגען אויפן אָרט אין לאָדזש, האָט נאָך אַלץ אויסגעפעלט אַ גרויסע סומע און דער טאַטע האָט נישט געפונען קיין אַנדער אויסוועג ווי צו ווענ־דן זיך מיט אַ בקשה צו די שרייבער און זשורנאַליסטן אין וואַרשע. דוד פרישמאַן האָט גלייך געענטפערט, אַז ער זאָל אַריבערקומען. היות אָבער דער טאַטע האָט מורא געהאַט צו פאַרלירן זיינע גוטע פּריוואַטע לעקציעס, איז געפאָרן די מאַמע אַליין.

דער שרייבער און זשורנאַליסטן פאַראיין האָט גערופן אַ באַראַטונג, צו וועלכער מען האָט איינגעלאַדן די מאַמען. זי האָט דאָרט וויינענדיק אַפּע־לירט, אַז מ'זאָל פאַר יצחקן שאַפן די נויטיקע סומע, וואָס עס פעלט איר נאָך און נישט לאָזן אים ליידן אין מיליטער כמעט דריי פיינפולע יאָרן. דערביי האָט זי פאַרגעלייענט זיינע לעצטע קלאָג־בריוו פון די קאַזאַרמעס. פּרץ, וועלכער איז ספּעציעל געקומען צו דער דאָזיקער זיצונג, האָט גע־קלאַפּט אין טיש און געשריען אויפן קול: „יצחקלען מוז מען גלייך באַ־פרייען פאַר כלערליי געלט!" מען האָט באַשלאָסן צונויפזאַמלען די פעלנ־דיקע צוויי טויזנט רובל.

ס'האָבן זיך אָבער נאָך דער באַראַטונג געשלעפּט לאַנגע טעג און פיינפולע נעכט פאַר דער מאַמען, וועלכע איז געזעסן אין וואַרשע ווי אויף הייסע קוילן. זי פלעגט יעדן טאָג לויפן צו פּרצן, ביז ער האָט איר אַמאָל געזאָגט, אַז ער וועט מאַכן פרישמאַנען אַ וויסטן סקאַנדאַל, ווייל... או"וו.

נאָך צוויי וואָכן פון אָפּקלאָגן אין וואַרשע האָט די מאַמע לסוף באַ־קומען אויסגעצאָלט, טאַקע דורך פרישמאַנען אַליין, וועלכער האָט איר פאַרזיכערט, אַז ער האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, כדי צו העלפן יצחקן, וועלכן ער האָט אַזוי ליב, פונקט ווי פּרץ, דער מליץ יושר. די סומע פון צוויי טויזנט רובל האָט זי באַקומען און דערמיט, אויס־פולנדיק די נויטיקע סומע, זיך געלאָזט קיין ריגע.

אין ריגע איז זי ברייטהאַרציק אויפגענומען געוואָרן פון דער משפחה פּיערניק און ספּעציעל פון דער פרוי, אַגב אַ בת־עיר, אַ קאַרעליטשער, וועל־

בע האָט מיט התלהבות אויפגענומען — הענדע דעם רבס. זיי האָבן זיך תיכּף ומיד געשטעלט צו דער אַרבעט, צו העלפן דער מאַמען און פון אָנהייב ביזן סוף איר געדינט ווי אַן אייגענע משפחה פון די בעסטע קרובים. ביי אונדז אין שטוב פלעגט מען במשך פון לאַנגע יאָרן תמיד זיך דערמאָנען וועגן די פיערניקס מיט גרויס דאַנקבאַרקייט.

דורך די פיערניקס, הייסט עס, האָט די מאַמע באַקומען די „כאַדאַ־טייקע". מיט דער דאָזיקער מאַבערקע האָט זי באַזוכט פאַרשידענע מילי־טערישע דאָקטוירים־כאַבאַרניקעס אין ריגע און שפּעטער אין שאַוועל.

אין שאַוועל גופא, ווו יצחק האָט געדינט, האָט די מאַמע פאַרבראַכט כמעט צוויי חדשים און איינגעשטאַנען אין אַ באַלעבאַטישער, יידישער אכסניה. אַהין פלעגט יצחק קומען אַלעמאָל, ווען מ'פלעגט אים ביודעים, אָדער בלי יודעים אַרויסלאָזן אויף דער פריי. זייער פרייד איז געווען אומ־געהויער גרויס.

איבער אַ האַלב יאָר האָט יצחק געדינט, ברענגענדיק דערמיט אונדז אַלעמען און ספּעציעל דער אָרימער מאַמען אַ סדרה פון פּיין און ליידן. לסוף, נאָך פאַרשידענע קונצן — האָט יצחק זיך געמאַכט קראַנק און איז פאַר כאַבאַר ענדלעך באַפרייט געוואָרן.

קאפיטל 18

צווישן דער רבנישער משפחה

גלייך נאכן באפרייען פון מיליטער, אויף דער איינלאדונג פון אונ־דזער פעטער ר׳ אליהו, איז די מאמע מיט יצחקן קיין פרוזשאני אפצוראנקען פאר דער באדייטנדיקער מאטעריעלער שטיצע און בייצו־זיין א היסטארישע משפחה־שמחה. ס׳איז געווען א געשעעניש, פון וועל־כער ס׳האט געקלונגען און צו וועלכער ס׳האבן זיך געגרייט שוין פון מיט א צייט צוריק די גרעסטע רבנישע הייף און פערזענלעכקייטן פון גאנץ רוסלאנד. א קלייניקייט! ר׳ חיים סאלאווייטשיק, דעם בריסקער גאונס זון וועט זיך משדך זיין מיטן פרוזשאנערס ר׳ אליהו פיינשטיינס טאכטער.

אונדזער קוזינע פעשקע איז געווען באמת א בת תלמיד חכם: גע־קענט גמרא ווי א למדן און געווען באקאנט מיט וועלטלעכע ענינים. דערפאר האט די דאזיקע חתונה געצויגן די נייגעריקייט. עס איז צוזאמ־מענגעקומען אן אמתער סנהדרין פון כל תפוצות המדינה — די גרעסטע רבנים און למדנים, הויפטזעכלעך פון חתנס צד, ווייל דער בריסקער רב האט געשפילט א באדייטנדיקע ראלע אין דער גאנצער צארישער אימ־פעריע.

די חתונה גופא איז דורכגעפירט געווארן מיט א קייזערלעכן פא־ראד און ברייטן פארנעם. ס׳האט נישט געפעלט מכל טוב. ביז איבער די שבע ברכות האט מען קיינעם נישט געלאזט רירן זיך פון פרוזשאנער הויף. בשעת יעדער סעודה און ביי אלע מסיבות איז גערעדט געווארן מכל דברי חז״ל, וועגן עניני התורה, צענדליקער גאונים און עלויים

האָבן זיך בהתמדהדיק געפּילפּולט, די שאַרפע, חריפותדיקע מוחות האָבן זיך באַמיט קעגנזייטיק איבערצושטייגן. אויך אונדזער פאָטער, וועלכער איז באַקאַנט געווען אַ סך פון די חשובסטע אורחים אַלס בנימינקע דער עלוי איז נישט אָפּגעשטאַנען צווישן דער באַרימטער עדה פון גדולים בישראל. דער קוזין מאיר דאַווידזאָן, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, וועלכער האָט צו 20 יאָר אָנגעהויבן דעם רוסישן א״ב און צו דרייסיק געוואָרן אַ באַרימטער דאָקטאָר מעדיצין, האָט בשותּפות מיטן טאַטן אָנגעפירט די לינקע אָפּאָזיציע אין די דאָזיקע הייסע וויכוחים.

יצחקן האָט די גאַנצע סביבה זייער אינטערעסירט. ער האָט אַלץ געהערט און אין זיך איינגעזאַפּט, דעם גאַנצן רבנישן פאָלקלאָר, אַלע אינטערעסאַנטע טיפּן פון די באַרימטסטע רבנים, בראש מיטן הויפּט מחותּן פון דער שמחה, ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, דעם בריסקער גאון, וועלכער איז אויך געווען גוט אָריענטירט אין דער אָפיציעלער פּאָליטיק, אַ זאַך, וואָס האָט אַלעמען, ספּעציעל אין יענע צייטן, שטאַרק אינטערעסירט. אַלע האָבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אים געקוקט אין מויל אַריין.

אָבער ספּעציעל באַגייסטערט איז יצחק געוואָרן פון דעם פעטער ר׳ אלי, פון זיין קלוגשאַפט, זיין באַנעמען זיך מיט פרעמדע און משפּחה, פאַר יעדן איינציקן פון די געסט פלעגט ער געפינען אַ צוגעפּאַסטע טעמע, לויט יענעמס אינטערעס, מיט די מענער, מיט די ווייבער, אפילו מיטן דור הבא, מיט דער יוגנט גערעדט וועגן ציוניזם, וועגן סאָציאַליזם, מיט די סטודענטן וועגן זייערע אוניווערסיטעט־לימודים, מיט יצחקן וועגן ליטעראַטור בכלל און העברעאישער בפרט. דערביי האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז ער וויל אויסנוצן די זעלטענע געלעגנהייט פון זיין שמחה, כדי זיך צו דערנענטערן און אָנפרייען זיך מיט דער גאַנצער משפּחה, אנשים, נשים וטף, ווייל „ווען וועלן מיר שוין האָבן אַזאַ צווייטע געלעגנהייט?״...

פאַרן פאַרענדיקן זיך פון די שבע ברכות האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ מאָדנעם רמז, וועלכער האָט זיך גאָר שנעל אַרויסגעוויזן פאַר אַ חכמה, אַ פּאַסירונג וואָס יצחק האָט וויטיקלעך דערפילט... דעם דאָזיקן קלוגן

רמז פּלעגט יצחק ביי יעדער געלעגנהייט איבערחזרן און קאָמענטירן:
„נו, מיינע ליבע קרובים: איר זענט דאָך אוודאי צופרידן מיטן שידוך?
אונדזער משפחה, הייסט עס, גייט לגדולה! דער בריסקער רב, ס'איז
נישט קיין קלייניקייט! טאַקע אַ פיינער, גרויסער מענטש, אָבער צי מיין
פּעשקע וועט דערפון זיין צופרידן — אָט דאָס ווייס איך נישט..."

דער דאָזיקער באַרימטער שידוך איז אויסגעפירט געוואָרן דורך
דרכים, וועלכע זענען אין דעמאָלסטיקן מנהג געווען — דורך אָפיציעלע
שדכנים הייסט עס. נישט דעם בריסקערס זון, נישט דעם פּרוזשאַנערס
טאָכטער האָבן זיך ביז דער חופּה פריער ווען געזען. מען האָט זיך פאַר־
לאָזט אויף דער מיינונג און געשמאַק פון אייגענע מענטשן, אנשים
נאמנים, וועלכע האָבן בקול אחד פאַרזיכערט, אַז עס איז אַ געפּאַסטער
זיווג, מן השמים ממש... תנאים האָט מען געשריבן אָן חתן־כלה, די
מחותנים אליין האָבן עס געטאָן. דער נדן איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנ־
דיקער — 25 טויזנט רובל, ווייל דער פעטער האָט דורך זיינע מענטשן
געפירט אַ גרויסן האנדל מיט ליכט און הייוון.

נאָך די שבע ברכות איז דער גאַנצער עולם זיך פונאַנדערגעפאָרן.
טאַטע־מאַמע זענען אויך געפאָרן קיין לאָדזש. געבליבן איז בלויז יצחק,
וועלכן דער פעטער ר' אלי, די מומע גוטע און די קוזינען האָבן מיט
כוח געצוואונגען צו פאָרן מיט זיי צוזאַמען אויף זייער דאַטשע אין דעם
באַרימטן קוראָרט דרוסקעניק. דעם יונגן פּאָרפאָלק האָט מען אָפּגע־
טיילט דעם שענסטן צימער און יצחק האָט געהאַט אַ צימער מיטן קור־
זין לייבקע. זייער אַ פעאיקער, אָבער נישט קיין גרויסער מתמיד. מיינענ־
דיק אים הפנים, האָט ר' אלי געזאָגט: „אַן איידעם קלייבט מען זיך
אויס, אָבער אַ זון — ווי גאָט גיט..." דאָס איז געווען אַ רמז אויף דעם,
אַז זיינע זין האָט ער נישט באַוויזן צו מאַכן פאַר רבנים, דערפאַר אָבער
זיינע טעכטער זענען געוואָרן רביצינס.

ביים טיש פלעגט ר' משה, דער נייער יחסן אין דער משפחה,
פראַווען גאוות און וועלן אוועקמאַכן מיטן האַנט יצחקס אויטאָריטעט
אַלס דיכטער, וועלכער איז שוין געווען זייער פּאָפּולער און חוץ דעם
איז ער אליין געווען זייער באַליבט צוליב זיין לעבעדיקייט און וויצי־

קייט. צווישן ר׳ אלים קינדער האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט שרהלע און זלאַטקע. שרהלע האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיטן לאָדזשער גאונס אייניקל ר׳ אליעזר איטשע מייזל, דעם צדיקס אייניקל, וואָס איז בעתן לעצטן חורבן פּארפּייניקט געוואָרן דורך די נאַציס. ער איז געווען אַ האַרציקער באַליבטער רב אין לאָדזש, אַ הייליקער מענטש, וועלכן יצחק באַשרייבט און באַוויינט אין זיין געטאָ־בוך.

די גאַנצע צוויי וואָכן אין דרוסקעניק זענען יצחקן פאַרגאַנגען ווי אין אַ זיסן חלום, דערהויפּט נאָכן אריבערקומען דאָס האַלבע יאָר פון מיליטער-דינסט, אַ קאַשמאַר, וועלכן ער פלעגט תמיד מיט ציטער דער-מאָנען... דרוסקעניק איז דעמאָלסט געווען זייער אַ פּאָפּולערער קוראָרט אין רוסלאַנד. דאָרט פלעגן זיך צוזאַמענקומען טויזנטער קור־געסט און דאַטשניקעס. און נישט קיין חידוש: די נאַטור לאַנדשאַפטן, די געזונטע מחיהדיקע וועלדער און דער בכבודיקער, ברייטער טייך ניעמאַן האָבן געהאַט אַ מאַגנעטישן צוציאונגס־כוח. יצחק האָט זיך אריינגעוואָרפן אין לייענען און אַ סך שרייבן. ער האָט דאָרט געשריבן וועגן זיין פּריזיוו און מיליטער-דינסט, זיין זאַמלבוך „דאָס ווייסע לעבן", וואָס איז דער־שינען אין יאָר 1909.

די קוזינע זלאַטע איז געווען אַ פאַרכאַפּנדיקע יידישע שיינקייט. יצחק האָט אין זיין „בגבולות ליטא" איר געווידמעט זייער שיינע ער-טער. פון זלאַטקע דעב רבס פּרעכטיקע שוואַרץ זיידענע לאָקן וועבט ער הערלעכע כישוף-לידער... זלמן שניאור, דער גרויסער עסטעט און מבין אויף פרויען-שיינקייט, האָט געזאָגט, אַז זי איז ענלעך צו „קאַנדידאַ" פון בערנאַרד שאָו.

בעת זייער שפּאַצירן איבערן פּאַרק און שפּאַציר־פּראָמענאַדעס פלעגן אַלע מאַכן אַ באַגייסטערטע ווארע פאַר איר מאַיעסטעטישער פּראַכט און די יונגנט פלעגט זיפצן און פליסטערן: „סמאַטריטיע, ראַ־ווינסקאַיאַ דאָטשקאַ!..." אַ דאַנק זלאַטקעס פּאָפּולאַריטעט צווישן די סטודענטן, וועלכע האָבן איינגעאָרדנט וולאַדימיר זשאַבאָטינ-סקים אַ רעפעראַט, האָבן זיי באַוויזן זיך אַדורכצושטופּן צווישן אַ טויזנטקעפּיקן המון, וועלכער איז געקומען הערן דעם גרויסן ציוניס-

טישן רעדנער. זשאבאטינסקי האט דאן גערעדט אויף רוסיש, די שפּראך מיט וועלכער ער האט אזוי מייסטערהאפט אפּערירט. יצחק האט זיך דעמאלסט באקאנט און באפריינדעט מיט זשאבאטינסקין, וועלכער האט ערשט פארענדיקט זיין איבערזעצונג אויף רוסיש פון ביאליקס שירים. באוואונדערנדיק אים, זיין טאלאנט צום רעדן, זיינע פילאלאגישע פעאי־קייטן צו לכל הפחות צען שפּראכן, וועלכע ער האט באהערשט אין שריפט און ווארט, האט יצחק געזאגט, אז אוועקקוקנדיק אויף דער פאזע, וואס כאראקטעריזירט אים, אז ער וואלט געקאנט ווערן א וואונדערבא־דער בינע־קינסטלער: „בשעת זשאבאטינסקי רעדט, וואקסט ער, דער קליינינקער און מיאוסער, אין א הויכן און שיינעם נביא בישראל...״

די אומפארגעסלעכע, שיינע און פּראָדוקטיווע פאר זיין טעטיקייט טעג אין דרוסקעניק זענען אים פלוצים איבערגעריסן געווארן פאר־דריסלעך, אומדערווארטעט און קאליע געמאכט די פּרעכטיקע איינדריקן פון זיין פארברענגען צווישן דער רבנישער משפּחה. והמעשה שהיה־היה: אין יצחקס אנוועזנהייט פלעגט מען אנאליזירן זיינע אייגענע ווערק און אויך ברייט באהאנדלען די וועלטלעכע ליטעראטור, בפרט, אז די קו־זינעס און קוזינען זענען געווען אלע בקיאים אין דער דאזיקער הינזיכט. איינמאל האט מען גענומען אנאליזירן טאלסטאיען, צו חקירהן זיך אין אים אלס מענטש און שרייבער, אלס פילאזאף און פּסיכאלאג. טאלס־טאיס בארימטע ווערק און זייער טעמאטיק פלעג ארויסרופן לעבעדיקן אינטערעס און שארפע וויכוחים. יצחק איז פונקט געזעסן הויך, אויף א ברעט פון א פענסטער, האלב ארײנקוקנדיק אין גארטן אריין. מיטאמאל הייבט זיך ר׳ משה סאלאווייטשיק האסטיק אויף, גייט צו צו יצחקן און שטעלט אים פלוצים א שארפע פראגע, דערצו מיט אן אויפגערעגטן טאן: „זאגט, קאצענעלסאן, ווער איז ביי אייך גרעסער, מיין טאטע, אדער — טאלסטאי?...״ יצחק איז שיעור נישט אראפּגעפאלן פונעם פענסטער אין גארטן אריין. דאך האט ער זיך געשטעלט אויף די פיס און קאלטבלוטיק, קוקנדיק גלייך אין די גלאנצנדיקע פון כעס אויגן פון ר׳ משה, אים אנטשלאסנדיקערהייט געענטפערט: — „לויט מיין איבערצייגונג איז ר׳ אליהו — גרעסער פאר ביידן...״

אָבער דאָ איז געשען די אומדערוואַרטע פּאַסירונג. איידער יצחק האָט זיך ארומגעזען, האָט אים ר׳ משה אראָפּגעלאָזט אַ פּלאַמיקן פּאַטש אין פּנים אריין. יצחק האָט גלייך געוואָלט רעאגירן, אָבער לייבקע און אַלע אַנוועזנדיקע האָבן זיך אריינגעמישט צווישן די אַמפּערנדיקע צדדים. אויף דעם אנטשטאַנענעם טומל איז אָנגעקומען דער פעטער. דערוויסנדיק זיך פון דער גאַנצער געשעעניש, האָט ער גלייך ענערגיש אינטערווענירט. ער האָט מיט כעס אָנגעוויזן ר׳ משהן די טיר און געזאָגט: „פּאַק איין דיינע זאַכן! יצחק איז מיר פריער אַ פּלימעניק, ווי דו אַן איידעם... דו הערסט, משה: אַן דיין אייגענעם יחוס איז דיין זכות אבות ביי מיר נישט קיין יחוס!...

פארשטענדלעך, אַז אין דער דעליקאַטסטער לאַגע האָט זיך דערפילט יצחק אַליין. צוליב אים איז געוואָרן אויס שלום בית אין דער משפּחה. ער האָט זיך גלייך באַמיט צו בארואיקן די געמיטער, אַז ער אַליין איז גאָר שולדיק אין דעם אַלעמען, ווייל ער איז אראָפּגעשפּרונגען פון פענסטער, האָט ר׳ משה געמיינט, אַז ער פאַרמעסט זיך גאָר אויף אים, אַז ער איז באהבה מוחל ר׳ משהן, צוליב דעם אַליין, ווייל ער דערפילט אַזוי הייליק די גרעסטע מצווה פון כיבוד אב ואם, אַז דער גוטער מוסר השכל דערפון איז, אַז אים, יצחקן, האָט דאָס אַלץ דערמאָנט וועגן זיין טאַטע־מאַמען, צו וועלכע ער מוז מאָרגן פאָרן קיין לאָדזש.

ר׳ משה סאלאָווייטשיק איז שפּעטער פון אַן אומדערטרעגלעכן בעל־גאווה, אונטער דער השפּעה פון דעם פעטער און ווירקונג פון זיין געבילדעטער און קלוגער פרוי, געוואָרן גאָר אַ סימפּאַטישער און ווילער מענטש, וואָס מיט זיין גרויסער למדנות האָט עס געשאַפן אַ ריכטיקע האַרמאָניע. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם געפאָדערטן דורכן פעטער ר׳ אליהו יחום עצמו, איז דער דאָזיקער מיט דער צייט אַלץ מער געוואַקסן. מ׳האָט אים אויסגעשריבן קיין ווארשע אַלס ראש הישיבה און פון דאָרט קיין ניו־יאָרק, וווּ ער געפינט זיך, אויף לאַנגע יאָרן, אויף אַ וויכטיקן כסא הרבנות.

קאפיטל 19

צווישן חברים

יצחק איז געווען ביי אַלעמען באַליבט דערפאַר, ווייל ער האָט פאַרמאָגט אין זיך דעם זעלטענעם טאַלאַנט פון גוטן צוזאַמענלעבן מיט מענטשן. ער פלעגט נעמען אַנטייל אין יעטוועדערס פערזענלעכער לאַגע און דערמיט טריי געדינט דעם טאַלאַנט פון אונדזער גוטהאַרציקער מוטער. ווען ס'פלעגט ביים טיש אויסקומען צו שמועסן וועגן באַקאַנטע פערזענלעכקייטן פון דער שרייבער משפחה, פלעגט יצחק זיך אַזוי אויסדריקן: „ס'איז נאָך ווייניק, אַז ער ווייזט אַן אַנדערע ווי גוט צו זיין...”

ער פלעגט שענקען חברים פון זיין סביבה זיין אויפמערקזאַמקייט, צייט און העלפן מיט געלט. יצחק פלעגט אַזוי גוט לעבן מיט חברים, אַז ס'איז געווען זעלטן מיט אים זיך צו צעקריגן. און אויב איך האָב געפונען אין מיין זכרון אַזאַ פאַל, איז עס געווען אַ סכסוך נישט צוליב זיין שולד.

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל נעם איך נישט אַריין זיינע אַלע חברים. איך וועל אָבער עס טון בהדרגהדיק אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען. צווישן זיינע ערשטע חברים איז געווען יעקב שטיינבערג, דאַכט זיך אַ ווייטער קרוב פונעם העברעאישן שרייבער יהודה שטיינבערג, מיט וועלכנס טאָכטער מיר זענען אין די שפּעטערדיקע יאָרן שטאַרק באַפריינדעט געוואָרן.

יעקב שטיינבערג איז אַנגעקומען קיין לאָדזש אין די ערשטע יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט און דער יונגיקער יצחק האָט אים מקרב געווען און געשאַפן פאַר אים פריוואַטע לעקציעס, אַז ער זאָל האָבן אַ מקור צום לעבן און שרייבן. דערביי פלעגט ער זיך אויך באַמיען, אַז מ'זאָל אים

דרוקן און באצאָלן. יצחק האָט שטאַרק געהאַלטן פון שטיינבערגס טאַ־לאַנט. ער איז פון לאָדזש עולה געווען קיין ארץ ישראל, ווו ער איז גע־וואָרן א באַקאַנטער שרייבער.

שפּעטער איז צו אונדז געקומען אַ גאַסט, וועלכן איך געדענק בעסער פון אַלעמען, ווייל ער האָט באמת ביי אונדז איין שטוב פאַרנומען דעם אויבן אָן — דאָס איז געווען זלמן שניאור. באַשרייבנדיק זיינע מע־לות, מוז איך זיך אָפּשטעלן אויף דעם מאָדנעם פאַר מיר פאַקט, אַז מ'קוקט אויף אים פערזענלעך קרום. כ'ווייס נישט, מיט וואָס ער האָט זיך אַזוי שלעכט פאַרדינט לגבי אַנדערע? צווישן אונדזערע בני בית האָט ער איבערגעלאָזט דעם בעסטן רושם.

יצחק, דער פיינפיליקער מענטשנקענער, האָט אפשר געפונען דעם פּאַסיקן צוטריט צו שניאורס האַרציקסטער פריינטשאַפט. אויך ביי אַלע אונדזערע בני בית איז ער געווען באַליבט.

ווען שניאור איז צו אונדז געקומען דאָס ערשטע מאָל, איז ער פּונקט ווי יצחק, געווען נאָך פאַרן פריזיוו. ער און יצחק מיט אים צוזאַמען פלעגן זיך שפּילן מיט אונדז קלענערע ברידערלעך. שניאור האָט געוווינט ביי אונדז אַ לאַנגע צייט. להיפוך צו שטיינבערגן, איז ער געווען אַ פריילע־כער און שפּילעוודיקער. ער פלעגט זיך לוסטיק מאַכן מיט יצחקן און אַנ־דערע זייערע חברים, אָבער דערביי נישט געפירט קיין גדלות לגבי די קינדער. אדרבא, ער פלעגט נאָך אויסטראַכטן פאַר אונדז אָריגינעלע שפּי־לערייען, לויט אונדזער דעמאָלסטדיקן געשמאַק. איין שניאורס שפּיל, וועלכן ער האָט אויסגעטראַכט, פלעגן מיר נאָכמאַכן: ער פלעגט צוזאַמענ־לייגן עטלעכע טויז שאַכטלעך מיט שוועבעלעך, אויפשטעלן פון זיי אַ קאָנסטרוקציע און צווישן דעם דאָזיקן בנין אונטערלייגן אַ ברענענדיקע שוועבעלע. אַלע קינדערלעך פלעגן זיך מיט פאַרגאַפטע אייגעלעך אָפּ־רוקן אויף אַ זייט. באַלד פלעגט איין שאַכטל נאָך דעם אַנדערן אָנהייבן צו קנאַקן, אויפשפּרינגען און ברענען. ס'איז פאַר אונדז געווען אַ בילד פול מיט עמאָציע... מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פלעגן מיר נאָכפאָלגן די גאַנצע פּראָצעדור. שניאור פלעגט דערביי אָננעמען אַ פּאָזע פון אַ זיגער. מיר, קינדערלעך, האָבן זיך צעטיילט מיט דער מיסיע פון די פייערלעשער —

אייניקע האבן געטרובעט, אנדערע, געגאסן מיט עמערלעך וואסער, כדי די שריפה צו פארלעשן. די דאזיקע שריפה האט זיך אונדז אויסגעדוכט צו זיין אזוי גרויס...

שניאור פלעגט שיין זינגען און מיט יצחקן, וועלכער איז נישט ווייניקער געווען פארליבט אין זמירה מכל המינים, פלעגן זיי זיך צעזינגען, אז „די אימפעריע פלעגט ציטערן". נאך א גרויסן טאלאנט פלעגט ער האבן און אונדז אלעמען דערמיט אימפאנירן — צייכענען. ער פלעגט מאלן פייזאזשן א"א. איינמאל האט ער אנגעצייכנט א פויגל מיט א מיידלשן פנימל און געזונגען צו מיר: „דאס ביסטו פייגעלע..."

נאך א שפיל האט ער אמאל דורכגעפירט מיט א טשוטשעלע, וועלכע איז געגאנגען נאך די אנטלויפנדיקע פון איר קינדערלעך, אין אלע ווינקעלעך צעלאפענע. מאכט זיך, אז מיין עלטסטע שוועסטער שיינדל איז צוליב דער טשוטשעלע געפאלן און אזוי זיך צעמזיקט די נאז, אז ס'איז איר פארבליבן א סימן אויפן גאנצן לעבן. יצחק פלעגט דעם דאזיקן סימן רופן „שניאור־סימן..."

יצחק האט זייער געהאלטן פון שניאורס גרויסן טאלאנט און פלעגט וועגן אים זיך אויסדריקן אויף אונדזער היימישן, האלב רוסישן יידיש: „ער האט א ראזמאך", ד"ה א שווונג. זיי פלעגן ביידע האבן געמיינזאמעס אין כאראקטער, ליב געהאט פריילעך צו פארברענגען, געווען געזעלשאפטלעך. פון אלע היינטיקע גדולים איז ביי אונדז א לאנגע צייט געווען זוסמאן סעגאלאוויטש. ער איז געקומען צו יצחקן, רעקאמענדירט דורך זלמן שניאורן, וועלכער האט אים אנגעוויזן אויף דעם אפהיטער פון אברהם אבינוס דרכים פון הכנסת אורחים, ד"ה אויף יצחקן.

יצחקס אן אפטער גאסט איז געווען דער שרייבער ספעקטאר, מיט וועלכן ער האט זיך באפריינדעט דורך זיין קרוב דוד פרישמאן. בעת ספעקטארס באזוכן פלעגט יצחק ווארענען דער מאמען, אז עס וועט קומען צו פרובירן אירע מאכלים א ייד, וואס אין הלכות אכילה שטייגט ער אפילו איבער דעם ד"ר גאטליב, וועלכער פלעגט ביי זיין קומען קיין לאדזש קיינמאל נישט אויסמיידן אונדזער שטוב.

כ'געדענק, ווי יצחק האט אמאל געהאט גרויס התפעלות וועגן ספעק־

טאָרם אומבאַשרייבלעכן אַפּעטיט. ביי אים, פלעגט ער זאָגן, „זעט מען מאַקע אָן אָן די באַקן, ווי די ציינער קנאַקן...” דאָס איז געווען בשעת דער לוויה פון זיין קרובה — דוד פרישמאַנס מוטער. אויפן בית החיים, ווען מ׳האָט אים געדאַרפט האָבן עפּעס וועגן ענין טהרה, האָט מען אים נישט געקענט געפינען. מ׳האָט אים געדאַרפט זוכן איבעראַל און נישט געפונען. עמיצער אַ צעשראָקענער האָט געפרעגט: „אפשר האָט חלילה מיט אים עפּעס פּאַסירט? ער האָט זיך הפּנים זייער גענומען צום האַרצן דעם דאָזיקן טויט...” אויף דעם האָט יצחק געענטפערט די אַרומיקע: „אַנו, חברה, גיט בעסער אַ זוך אין די אַרומיקע שענקען! נישט ספּעקטאָר האָט געחלשט, נאָר זיין הערצעלע! ער איז געגאַנגען אוודאי זיך אונטערצושפּאַרן דאָס הערצעלע...”

און כך היה. מ׳האָט ספּעקטאָרן געפונען אין אַ דערבייאיקער שענק ביי אַ געשמאַקער סעודה.

ווייטער האָט זיך ביי אונדז אין שטוב באַוויזן יצחקס אַ נייער חבר, בערקאָוויטש, דער שפּעטערדיקער איידעם פון שלום עליכמען, אַ בלאַסער, אויסגעדאַרטער חושכדיקער יונגערמאַנטשיק. ער פלעגט אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג פאַר יצחקן זיך באַקלאָגן, אַז מען פאַרפאַלגט אים, אַז מ׳וויל אים נישט דרוקן, אַז ער האָט נישט קיין מזל צו די צייטונגס־רעדאַקטאָרן.

יצחק, נישט קוקנדיק אויף זיינע יונגע יאָרן, איז שוין געווען גאַנץ פּאָפּולער, ספּעציעל אַ דאַנק פרישמאַנס הויכער מיינונג וועגן אים. מען פלעגט זיינע זאַכן דרוקן אומעטום און אַלצדינג, וואָס ער פלעגט צושיקן.

איינמאָל איז בערקאָוויטש געקומען צו יצחקן אַ פאַריאושטער. די סיבה דערפון איז געווען, אַז דער „פּאַסקודניאַק” יאַצקאַן, דער רעדאַקטאָר פון „היינט”, האָט אים צוריקגעשיקט אַזאַ שיינע דערציילונג „מאַשקעלע חזיר”. בערקאָוויטש האָט די דערציילונג פאָרגעלייענט פאַר יצחקן און הערנדיק זיין מיינונג וועגן דער גוטסקייט פון דער דאָזיקער, האָט ער געבעטן פאַר אים צו אינטערווענירן.

יצחק האָט זיך גלייך איבערגענומען מיט זיין לאַגע און אָנגעשריבן צו יאַצקאַנען אַן ענערגישן בריוו, אין וועלכן ער האָט געפאָדערט, אַז

„מאַשקעלע חזיר" מוז צוגעשטעלט ווערן צום חנוכה־קאָנקורס, וועלכן די רעדאַקציע פון „היינט" האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט. צום טאָג פון קאָנקורס איז יצחק ספּעציעל אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע, בייגעווינט די באַראַטונגען פון דער זשורי און צוריקגעקומען אַ צעשטראַלטער מיט דער פריידיקער ידיעה, אַז בערקאָוויטש האָט גענומען די ערשטע פּרעמיע און איז שוין אַצינד אַ געמאַכטער מענטש...

באמת, די דאָזיקע גליקלעכע התחלה, צו וועלכער יצחק איז געווען דער גורם, האָט בערקאָוויטשן אַריינגעפירט אין דער סביבה פון דער שרייבער־משפּחה און יש אומרים טאַקע אויך אין דער משפּחה פון שלום־עליכם, פון וועלכן ער איז געוואָרן אַן איידעם און אַן איבערגעגעבענער מיטאַרבעטער.

בערקאָוויטש איז געווען פאַרבונדן מיט יצחקן מיט אַ שטאַרקער פריינטשאַפט, וועלכע ער האָט אים בולט אַרויסגעוויזן בעת יצחקס ווילן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1920.

אַ סך, אַ סך פון דער ליטעראַרישער משפּחה זענען אַדורך דורך אונדזער שטוב, סיי אַלס צייטווייליקע, סיי אַלס אורחים אויף אַ לענגערער צייט. אייניקע פון זיי וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערמאָנען.

קאפיטל 20

דראַמאַטישער קרייז

נאָך אַ צייט פאַר זיין פריזיוו האָט זיך אין יצחקן ווידער אָפּגערופן זיין ירושהדיק-איינגעבוירענער דורשט צום טעאַטער. ווי כ'האָב שוין גע־האָט דערמאָנט, האָט ער עס שוין באַוויזן אין זיינע ערשטע קינדערישע יאָרן, בשעת ער האָט געגרינדעט דעם הויפּטעאַטער פון קינדער — פאַר קינדער. יצחקס באַנגער צום טעאַטער איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַן אַק־טיווער. ער פלעגט תמיד באַזוכן אַלע מינים פון די דראַזיקע אין אַלע מקו-מות, ווו ער פלעגט נאָר אָנשפּאַרן און אין אַלע לשונות. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן חוש פאַר פּלאַסטיק און טאַנץ־קונסט, צו וועלכער ער פלעגט אויך מיר צוגעבן חשק. איך האָב אָבער דערפון, חוץ דעם פּעדאַ-גאָגישן געברויך, נישט געמאַכט קיין פּראָפעסיאָנעלן געברויך. די אָפּאָ־זיציע פון אונדזער פאָטער איז אין דער דראַזיקער הינזיכט געווען אַן אַנט-גילטיקע... דעם פריערדיקן קאַמף פאַר מיין גימנאַזיע־אויסבילדונג האָט ער פאַרשפּילט. ער איז נישט געווען בטבע קעגן וועלטלעכן לימוד גופא, ער האָט בלויז מורא געהאַט, אַז זיין טאָכטער זאָל זיך טרעפן מיט „ווער ווייס וואָס פאַר אַ שיקסעס...” איך בין אָבער אין גימנאַזיע יאָ אַריין, אַ דאַנק יצחקן, וועלכן ס'איז נעבעך בשעתו נישט געלונגען אָנגענומען צו ווערן.

אַ שטיק פון זיין לעבן און לעבנס-ענערגיע האָט יצחק געווידמעט דעם טעאַטער, פריער דעם יידישן און שפּעטער דעם העברעאישן. אויך ביי זיין פּראָפעסיאָנעלער פּעדאַגאָגישער טעטיקייט האָט ער דעם שול־טעאַ־טער געווידמעט אַ סך פּלאַץ אינעם פּראָגראַם פון דעם לימוד.

נאָכן דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע האָט די יוגנט אָנגעהויבן צו זוכן אַן אופן, ווי אַזוי זיך אויסצולעבן פּאַרטייאיש און אי־דעאיש. סתם פאַרזאַמלונגען זענען דורך דער מאַכט שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן, אפילו שטוב-וויזיטן פון עטלעכע מענטשן פלעגן רופן פאַרדאַכט און אַרעסט. דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געשטאַנען אונטער אַ שטרענגער פּאָליציייאישער השגחה פון דער „אָכראַנע".

דערפאַר האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען קולטורעלע אונטערנע־מונגען, ווי ביבליאָטעקן און לעזע-זאַלן, דראַמקרייזן און סתם-כאָרן, וווּ מ'פלעגט אויסזינגען די פּראָקלאַמאַציעס... אונטער אַזאַ מין מאַנטל האָט זיך סיי ווי סיי געפירט אַ לעבעדיקע פּראָפּאַגאַנדע און אַ שטאַרקע רעוואָ־לוציאָנערע טעטיקייט. נישט אַלץ און נישט אַלעמאָל האָט מען געקענט אויסבאַהאַלטן. ס'זענען געווען געפערלעך, סכנות־נפשות די אונטערערדי־שע קאָנספּיראַציעס, די גאַסן־פאַרזאַמלונגען און אפילו די מכלומרשטע ראָמאַנטישע שפּאַצירן אויף די „בירזשעס", וווּ עס האָבן זיך אַרומגע־דרייט און צווישן די פיס געפּלאָנטערט די „פּיר-אַוויגיקעס", די פּראָוואָקאַ־טאָרן הייסט עס.

אין דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער צייט האָט זיך אין לאָדזש גע־גרינדעט אַ גרויסע מוזיקאַלישע געזעלשאַפט „הזמיר" מיטן ציל צו קול־טיווירן מוזיק בכלל און יידישע בפרט. צו דער פאַרוואַלטונג פון דער דאָזיקער האָבן אָנגעקערט אַלע באַקאַנטסטע פּערזענלעכקייטן. לאַנגיאָ־ריקער פאָרזיצער איז געווען די פּאָפּולערע לאָדזשער פיגור — חייקל יאַ־נאָווסקי.

אַ מאָדנער נעראָטענער מענטש איז ער געווען, חייקל יאַנאָווסקי. סודם כל אַ שיינער אייסערלעך, העכסט געבילדעט אין וועלטלעכע און יידישע לימודים. אַ גוטער העברעער, איינער פון די בעסטע שאַכמאַטיסטן, אַ שאַך־טשעמפּיאָן אין וועלט-מאַסשטאַב, אַ זעלטענער קענער פון מוזיק און אַ פּרעכטיקער וויאָלענטשעליסט, אַ קאָמפּאָזיטאָר און... אַ סתירה צום פּאָ־פּולערן אויסטייטש פון „לא לחכמים לחם", ד"ה אַז בלויז פּראָסטע לייט האָבן טאַלאַנט צו מאַכן געלט... יאַנאָווסקי איז ביי אַלע זיינע גייסטיקע

מעלות געוועזן אַ גוטער סוחר און אינדוסטריעלער, וואָס האָט געפירט גרויסע געשעפטן. מיט יאָרן שפּעטער איז ער געוואָרן יצחקס אַ מחותן.

„הזמיר" איז מיט דער צייט געוואָרן דער צענטראַלער פּונקט פאַר אַלע אינטעלעקטועלע יידישע קרייזן אין לאָדזש. קודם כל איז דאָרט געשאַפן געוואָרן אַ כאָר פון אַריבער צוויי הונדערט אָנטייל־נעמערס פון צווישן די בעסטע יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן. עס איז געוואָרן אַ יחוס געהערן צום „הזמיר".

אין „הזמיר" איז געווען טעטיק אויך אַ קורלענדישער דאָקטאָר, אַ גרויסער מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר — ד"ר פאַלק. ער האָט עס געשריבן די הערלעכע נאָטן צו יצחקס ליד „די זון פאַרגייט אין פלאַמען". די פּיעסע אונטערן זעלבן נאָמען איז אויסגעפירט געוואָרן דורך דעם שפּעטערדיקן דראַמקרייז מיט דער באַטייליקונג פונעם כאָר פון „הזמיר".

דיריזשאָר פון „הזמיר", דער שאַפער פון די וואונדערבאַרסטע יידישע ניגונים און אָראַטאָריעס, איז געווען דער באַרימטער אָנפירער — זילבערט, אַ באַחנטער און באַליבטער דורך דער גאַנצער יוגנט, אַ מענטש פון מיטעלע יאָרן, מיטעלן וווקס און ווייסע פלאַקסענע האָר און וואָנסעס.

יצחק, וועלכער האָט אַזוי ליב געהאַט כל מיני קונסט, איז דורך יאַנאַווסקין, ד"ר פאַלקן א. א. אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער „הזמיר"־פאַרוואַלטונג. בעת די זיצונגען פון דער דאָזיקער האָט יצחק פאַרגעלייגט צו שאַפן און אָנצופירן מיט אַ דראַמקרייז. אַזוי אַרום איז ביים „הזמיר" אָרגאַניזירט געוואָרן דורך יצחקן דער ערשטער אין לאָדזש ליטעראַרישער דראַמקרייז, אונטערן נאָמען „דראַמאַטישע קונסט".

אין דער „דראַמאַטישע קונסט" האָט יצחק אַריינגעצויגן זייער באַגאַבטע יוגנטלעכע אַמאַטאָרן־כוחות, פון וועלכע איטלעכע זענען געוואָרן גוטע אַרטיסטן און באַקאַנטע רעזשיסאָרן, ווי ראָטבאַרט, מאָשקאָוויטש, דער אומגעבראַכטער דורך די נאַציס אַרטיסט יעדוואַב און פיל אַנדערע.

יצחק האָט במשך פון עטלעכע יאָרן זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט דער אָנפירונג פון דער „דראַמאַטישע קונסט" און האָט אויפגעשטעלט אַ רעפּערטואַר פון וועלטלעכן און יידישן כאַראַקטער, ווי שלום עליכם, פּרץ, הירשביין און זיינע אייגענע דראַמעס און קאָמעדיעס.

שלום עליכם איז געקומען קיין לאָדזש צו דער אויפפירונג פון זיין „צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע זיבן ימים", וועלכע יצחק האָט וונ־דערבאַר אויפגעפירט. דער גרויסער הומאָריסט איז קודם כל געווען אַ שטענדיקער גאַסט אין אונדזער שטוב. מיט זיין גוטמוטיקן, וויציקן קול און שמייכל האָט ער פאַרזיכערט אונדזער מאַמע, אַז אירע פיש זענען די אמתע „קלוגע פיש" און געמאַכט פונקט אַזוי ווי אין „אונדזערע מקומות".

ער האָט עטלעכע שעהן פאַרבראַכט מיט זיין אַלטן חבר, אונדזער פאָטער, שמועסנדיק מיט אים לעבהאַפט און פירנדיק אַ הייסן וויכוח וועגן ליטעראַטור אין יידישן און וועלטלעכן מאַסשטאַב.

שלום עליכם האָט ביים טיש אויסגעדריקט זיין באַוווּנדערונג פאַר יצחקס אַרטיסטישער פעאיקייט. יצחק האָט פּונקט געשפּילט אַ ראָלע און שלום עליכם, דער גרויסער מבין, האָט אויסגעדריקט זיין טיפן באַדויערן, פאַרוואָס די „דראַמאַטישע קונסט" ווערט נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער, כדי זיין פּיעסע צו שפּילן איבער די שטעט און שטעטלעך פון דער ריזיקער רוסישער אימפּעריע.

אויך פּרץ איז אַראָפּגעקומען עטלעכע מאָל צו דער אויפפירונג פון זיינע פּיעסן „דריי מתנות", „די גאָלדענע קייט", „די שוועסטער". פּרץ און יצחק פלעגן זיך דעמאָלט נישט שיידן, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. אונדזער שטוב פלעגט דעמאָלט ווערן די ריכטיקע קיביצאַרניע פון גאַנץ לאָדזש... ס'איז געווען ליהודים פון די טענץ און געזאַנג... בעת אַלע זיינע באַזוכן פון לאָדזש פלעגט פּרץ באַטאָנען, אַז ס'איז אים פּשוט אַ שאָד יעדע רגע אָפּצולאָזן יצחקלען. זיי פלעגן פאַרברענגען גאַנצע נעכט, אַלס ליל שמורים, גאָרנישט שלאָפן, „נישט צומאַכן מיט קיין אויג", ווי די מאַמע פלעגט זיך באַקלאָגן, נאָר רעדן און זינגען און לאַכן פונקט ווי ס'וואָלט געווען אין מיטן העלן טאָג. די שכנים פלעגן זיך דערביי שטאַרק באַקלאָגן צום „זשאָנדאַרע", ד. ה. פאַרן הויז־פאַרוואַלטער, וועלכער פלעגט אָבער, אַלס יודע־ספר און פאַרערער פון יידישע שרייבערס, אויף זיי נאָך גוט זיך אָנבייזערן און זאָגן: „איין קאַצענעלסאָן איז מיר וויכטיקער פאַר אייך אַלעמען און וועמען ס'געפעלט נישט, מעג זיך געזונטערהייט ארויסציען. כ'האַלט קיינעם נישט מיט צוואַנגען!"

אויף צומארגנס צום מיטאג פלעגט י. ל. פרץ הילכיק לאכן, קלאפן דעם טאטן איבער דער פלייצע און פריילעך אויסרופן: „איי, ר׳ בנימינקע, האט איר דאס א יצחקלען... יענער יאטל! א געזונט אין זיינע ביינער אריין!״... די מאמע, אויסהערנדיק דעם דאזיקן קאמפלעמענט אויפן חשבון פון איר „קייסער״, פלעגט זיך צעגיין פאר נחת און פארגעסן איר כעס אויף פרצן, וועלכער לאזט נישט יצחקן „צומאכן מיט קיין אויג, א גאנצע קיילעכדיקע נאכט ווי א יאר!...״

פרץ האט צווישן אונדזערע בני בית אויך זייער ליב געהאט „דאס העלע פייגעלע״. דאס בין איך געווען. איך פלעג מיך גערן ארויפזעצן אויף זיינע קני און צוליבן שיינעם שפיל ביים רייסן אים ביי זיינע ריזיקע וואנסעס פלעג איך אפילו פארליידן זייער שטעכיקייט, בשעת ער פלעגט מיך קושן.

די „דראמאטישע קונסט״ האט אויך אויפגעפירט א סך ווערק פון יצחקן. אין זיין „דעקאדענט״ האט די הויפטראל געשפילט דער שפעטער בארימטער לאדזשער ארטיסט, רעציטאטאר און רעזשיסאר — מאשקאוויטש. די פיעסע האט געמאכט א סענסאציע. דער עולם האט לאנג אוואציאנירט יצחקן און אפילו געצוווגען אונדזער טאטע־מאמען ארויפצוגיין אויף דער בינע, כדי זיי עפנטלעך אפצוגעבן א מזל טוב. די דאזיקע באגריסונגען האט אויף זיך גענומען ד״ר פאלק. „דעקאדענט״ איז חוץ לאדזש דערפאלגרייך אויפגעפירט געווארן אין רוסלאנד און אמעריקע, געשפילט דורך פראפעסיאנעלע טרופן.

א ספעציעלן דערפאלג האבן געהאט יצחקס „בחורים״, א קאמעדיע פון דעמאלטיקן לאדזשער לעבן, פון דער קיבוץ רוסלאנד לאדזש, וווּ ס׳קומען פון אלע זייטן פארשידענע טיפן פון יידישע בחורים, מיט פארשידענע מנהגים און דיאלעקטן. דער עולם האט זיך באמת פארוויילט, אזוי ווי קיינמאל. „די בחורים״ זענען שפעטער אויפגעפירט געווארן דורכן אדעסער יידישן טעאטער, ווו דאס פריילעכע פובליקום האט עס אויפגעהאלטן במשך פון עטלעכע חדשים אויפן טעאטער־אפיש.

במשך פון דער גאנצער דערפאלגרייכער טעטיקייט פון דער „דראמאטישע קונסט״, איז זינא דאראשאווא געווארן יצחקס וויכטיקסטע מיט־

אַרבעטערין, סיי ביים שפּילן פון די פרויען-הויפּטראָלן, סיי ביי דער גאַנ־צער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט. צווישן זיי איז שנעל פאַרבונדן גע־וואָרן מער ווי אַ חברישע צוזאַמענאַרבעט. ס'האָט שוין כמעט געהאַלטן ביי אַן ערנסטער ליבע.

דאָ אָבער האָט זיך צווישן זיי אַריינגעמישט אַ זייטיקע פרוי, מיטן פאַטאָלן פאַר יצחקס גאַנצן לעבנסגאַנג נאָמען — אסתר!... די מאַמע, ווען זי האָט זיך דערפון דערוווסט, האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און גע־יאָמערט: „שוין צום דריטן מאָל אַן אסתר! יעדע אסתר איז פאַר אים אַ שטן!...״

די דאָזיקע דריטע אסתר איז געווען — אסתר וו., וועלכע קיינער ביי אונדז האָט נישט ליב געהאַט. אָט אַ די דאָזיקע פאַרשווינטע האָט זיך פאַרנומען צו „פאַרנעמען״ יצחקן. דאָס האָט זיך איר תחילת איינגעגעבן, אָבער צום מזל פון יצחקן, נישט אויף לאַנג.

קאפיטל 21

דער לונאַטיקער

אסתר וו. איז געקומען אין אונדזער הויז אַלס אַ דירעקטע וויז־אַ־ווי שכנטע פונעם זעלבן שטאָק. זי איז געווען, נישט קוקנדיק אויף אירע 16 יאָר פיזיש זייער אַנטוויקלט. מיט איר רייפן אויסזען האָט זי זיך געהאַלטן פונקט ווי אַ רייפע פרוי, וועלכע לויערט אויף אַלע מעגלעכקייטן צו כאַפּן אַ חתן.

היות איר מאַמע האָט געהאַלטן, אַז אַ מיידל איז בעסער וואָס שנע־לער אַרויסצופּטרן פון שטוב, האָט זי איר איבערגעלאָזט אויף איר אייגע־נעם באַראָט. דאָס מיידל האָט געשפּילט אויף פּיאַנאָ און צוגעקוויטשעט רוסישע ראָמאַנסן.

איר מאַמע איז געווען אַ שיינע פרוי, אַ סך שענער, שלאַנקער און העכער פון דער טאָכטער, אַ פרוי אַרום די פערציקער, מיט אַ יונגטלעכן אויסזען פון אַ לעבעדיקער ווייבל. איר מאַן פלעגט אַרומרייזן אַלס אַ וואָיאַזשאָר כמעט דעם גאַנצן יאָר איבער די הרי חושך פון דער צאַרישער אימפּעריע און זי האָט הפּנים דערפון קיין צער נישט געהאַט... אַזוי לכל הפּחות פלעגן פאַרזיכערן די אויפמערקזאַמע שכנים.

צוהערנדיק זיך צו דער לעבעדיקייט פון יצחקס סביבה, דערוויסנדיק זיך שנעל ווער ער איז, האָט די פרוי וו. געפונען אַן אופן ווי זיך צו דער־נענטערן מיטן „פּאָעט". יצחק האָט אָנגעהויבן אַריינצוגיין צו זיי אין שטוב, שפּעטער האָט ער אויך מיטגעבראַכט עטלעכע חברים. די מאַמע

מיט דער טאָכטער פּלעגן, בשעת די דאָזיקע אויפנאַמען, קאָנקורירן אין דערפאָלג ביי די מענער.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך צו זיי אַריינגעצויגן אַ קוזין. בייזע צינגער האָבן אָנגעהויבן צו פּראָוון רכילות וועגן דעם קוזין. דאָס איז געווען אַן עלטערער, גוט קאָנסערווירטער בחור מיטן נאָמען קריינעס, אַ לאַנגיאָריקער בוכהאַלטער ביי דוד פּרוסאַק. מען פלעגט שמועסן, אַז קריינעס האָט ליגן אין באַנק פון ווילהעלם לאַנדוי שיינע טויזנטער רובל און לעבט זיך, ווי גאָט אין אדעס.

איין איינציקע זאַך האָט ער אָבער יאָ פאַרמאָגט אין זיך קריינעס — אַ מוזיקאַלישן טאַלאַנט. דערמיט האָט ער אויסגענומען ביי יצחקן. ער פלעגט זיך צוזעצן צו דער פּיאַנאָ און שפּילן שעהנווייז, שפּילן גוט, שפּילן שיין, די בעסטע און שענסטע קלאַסישע ווערק.

יצחק האָט פיינט געהאַט קאָרטן און הייזער, וווּ קאָרטנשפּיל איז דער צענטראַלער אינטערעס פון צייט־פאַרברענגען. ער פלעגט באַהויפּטן, אַז דאָס זענען מאָרפיניסטן, וועלכע זוכן זיך קינסטלעך פאַרגעסן און פאַרפולן אויף אַ ווייל די פּוסטקייט פון דער נשמה. דערפאַר, אַריינקומענדיק צו די וו. און זעענדיק, ווי זיי זענען פאַרקאָכט אין דעם פרעפעראַנס אָדער טעלעפאָן, פלעגט ער אויסשרייען: „קריינעס, צו דער פּיאַנאָ!"

זיין ליבע צו דער פּיאַנאָ האָט גובר געווען די קאָרטן און מ'פלעגט אָנהייבן אַ סדרה פון פריילעכע לידער פון פאָלקס־שטייגער און פון די אַקטועלע דיכטערס: ביאַליקס „הכניסיני תחת כנפיך", שניאורס „מאַרגאַריטקעס", יצחקס „אַ שטערנדל בלישטשעט אין הימל" א. א. וו. מ'פלעגט שוין מיט הילכיקן געזאַנג אַפּרייסן די „קאָרטיאָזשניקעס" פון זייער קאָנצענטרירטער אויפמערקזאַמקייט, דערביי פלעגט יצחקן פאַרווילן זייער נערוועאישקייט צוליבן שטערן זיי אין דעם קאָרטנשפּיל. שפּעטער פלעגן זיי אויך זיך גוט פאַרווילן.

ווי געזאָגט, איז קריינעס געווען אַ פריילעכער מענטש. מיט זיין מוזיק און מיט זיין אייגענער פריילעכקייט האָט ער געגעבן דעם טאָן פון

די דאַזיקע צוזאַמענקונפטן. מיט זיין שטיפעריי האָט ער מיט יצחקן אין א דועט געפירט פאַרשידענע אָריגינעלע קונדסעריי.

איינמאָל, ווען ז. שניאור איז געשלאָפן מיט יצחקן אין איין צימער, האָט זיך די טיר פּלוצים געעפנט און עס איז אַריין אין א לאַנגער ווייסער העמד קריינעס מיט אויסגעשטרעקטע הענט און אויסגעגלאָצטע אויגן אויף אַן אומהיימלעכן געזיכט. ער האָט זיך ווי געגליטשט איבערן צי־מער... שניאור האָט האַלב-צעשראָקן געפרעגט: „יצחק, וואָס איז מיט אים?" אויף דעם האָט יצחק קאַלטבלוטיק געענטפערט: „שוין... ער הייבט שוין אָן!... שרעק זיך נישט, זלמן! ער וועט אפשר באַלד אָנהייבן צו קריכן איבער די ווענט און אויפן באַלקן!... שריי נישט, למען השם, ער קען נאָך אַראָפּפאַלן!..."

ווי אַן אמתער געשפּענסט האָט זיך דערווייל קריינעס געשלענגלט אי־בערן צימער מיט א פאַרגליווערטן אויסדרוק פון פּנים און גוף. שניאורס פאַרווונדערונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א מצב פון אומרואיקייט און שפּעטער אַלץ גרעסערן פּחד. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, אויפגע-שטעלט קאַפּויער די גלאַטע, לאַנגע האָר פון זיין טשופּרינע. אין דאַזיקן צושטאַנד האָט ער אָנגעהויבן כסדר צו וואַקסן פון בעט אַרויס, אַלץ העכ-בער און העכער, ביז ער האָט זיך לסוף פּלוצים אויסגעצויגן „מיטן גאַנצן קוימען". ער איז פון בעט כהרף עין אַרויסגעשפּרונגען און אָנגעהויבן אַוועקצורוקן זיך פון צימער. דער לונאַטיקער האָט אָבער ווי אויף צו להכעיס אים נאָכגעפאָלגט. שניאור האָט א פאַרצווייפלטער אָנגעהויבן אי־בער דער גאַנצער דירה צו זוכן א מקום מקלט, ביז ער איז... אַריינגעפאַלן אינעם שלאָפצימער פון אונדזערע עלטערן. זיי האָבן אים גלייך באַרואיקט, אַז עס איז יצחקס א שפּיל, וועלכן ער פירט בשותפותדיק מיט קריינעסן אַדורך.

שפּעטער פלעגט שוין שניאור צוזאַמען מיט זיי צוהעלפן ביים דורכ-פירן דעם זעלבן שפּיל מיט אַנדערע קרבנות. די חברה האָט אַרומגערו־דערט אויף טיש און אויף בענק!

קריינעס „דער לונאַטיקער", ווי מ'פלעגט אים אין שטוב רופן, איז

אָבער נישט אויף קאַטאָוועס צונויפגעקומען ביים אויסוויקלען אַ פּלאַנ־טער, אין וועלכן יצחק איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן.

עס האָט אים אַריינגענומען אין די הענט די גראַבע אסתר, מיט דער הילף פון איר געניטער „מאַמטשע", וועלכע האָט זיך איינגערעדט, אַז יצחק מוז ווערן איר איידעם.

ויהי היום, קומט צולויפן צו דער מאַמען אונדזער שיינדל און אַ פאַרסאַפּעטע מעלדעט זי, אַז די שיקסע פון די וו. דערציילט איבעראַל, אַז בקרוב וועט יצחק חתונה האָבן מיט זייער „פּאַניענקע" און אַז „פּאַננאַ אסתר" וועט מיט יצחקן גלייך נאָך דער חופּה פאָרן קיין אויסלאַנד!...

די מאַמע האָט די גאַנצע צייט געקוקט קרום אויף יצחקס פריינטשאַפט מיט די שכנטעס און טאַקע צוליב דעם איז זי דערשיטערט געוואָרן פון דער ידיעה. זי איז מיט אימפּעט גלייך אַריינגעלאָפן אין יצחקס שרייבצימער, פרעגנדיק אים וועגן דער ריכטיקייט פון דער בשורה. יצחק האָט איר תחילת מיט אַן אומדרייסטקייט געענטפערט, אַז יאָ, ער איז פאַרליבט אין אסתר וו. און וועט מיט איר חתונה האָבן, צי די מאַמע וויל, צי נישט. צווישןביידן איז גלייך געקומען צו אַן ענערגישן ווערטער־אויסטויש, וועל־כער האָט זיך געענדיקט דערמיט, אַז יצחק האָט דער מאַמען געענטפערט, אַז ער איז שוין אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים א. א. וו. עס איז געקומען צו אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש, מען האָט זיך צעקריגט מיט דער מאַמען און יצחק איז אַוועק וווינען אין דער וווינונג פון זיין מכלומרשטער כלה.

ביי אונדז איז צוליב דעם געוואָרן אַ מהומה. די מאַמע, וועלכע איז אַזוי געוווען שטאָלץ מיט יצחקן און געהאָפט, אַז ער וועט נעמען מי יודע וועמען, פלעגט פאַרברעכן די הענט: „יצחק גייט חתונה האָבן מיט אַזאַ אויסוווּרף!..." און דער טאַטע פלעגט דערביי צוגעבן: „אַזוי לאַנג, ווי איך וועל לעבן — וועט דאָס נישט זיין! אַ כהן — מיט אַ חצופה בת חצופה!?..." די אַרומיקע פלעגן צושאָקלען מיט די קעפּ: „מיאוס, כ'לעבן! מיאוס פון אויבן ביז אַראָפּ! אַ שידוך נישט פאַר גאָט און נישט פאַר לייט!...

דערווייל זענען פאַריבער עטלעכע טעג און יצחק האָט נישט אַריינ־

געשמעקט אַהיים, צו דעם גרעסטן צער פון דער מאַמען. און טאָמער פלעגן מיר, קינדער, נאָך אים זען אויף די טרעפ אַדורכגייענדיק און ער פלעגט אונדז דערביי גוט אָנקושן, איז נאָך צוגעקומען אַ נייער סיורפּריז. אין איין פרימאָרגן דערזעען מיר מיט איבעררעשונג, אַז אונדזערע שכנות ציען זיך גאָר פון דער דירה אַרויס און געזונטע יידישע טרעגערס שלעפּן אַראָפּ פון די טרעפּ שווערע שענק און טישן, בענקלעך און קליינע זאַכן. די מאַמע, וועלכע האָט זיך אויסערלעך אַביסל באַרואיקט, האָט ווידער פאַר־בראָכן אַ פינגער נאָך אַ פינגער: „ווער ווייסט ווי ווייט יצחק ציט זיך אַריבער! מ'וועט זיין פון אים אָפּגעטיילט מיט גאַסן און קוואַרטאַלן!...”

די שכנות וו. האָבן זיך אַרויסגעצויגן צום צופרידנקייט פון אַלע איינוווינער פון הויז. אַלע האָבן זיך געטרייסט, אַז מען איז פּטור פון די, וואָס האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן ביי די „קאַצנסאָנס”, ווי עס פלעגט אונדז די גאַס רופן, ווייל קאַצענעלסאָן איז נישט אַזוי לייכט געווען יעט-וועדן אַרויסצורעדן.

איינמאָל האָט די מאַמע, באַקומענדיק מן הצד ידיעות, אַז יצחק איז שוין קרוב למקח, נישט אויסגעהאַלטן און מיטנעמענדיק שיינדלען איז זי מיט אַ דראָזשקע געפאָרן צו רעדן האַרבע ווערטער מיט „זיי”, מיט דער „מאַמקע און טעכטערל”. זיי האָבן אָבערביידן אין שטוב נישט גע־טראָפן. די שיקסע האָט מיט צופרידנקייט געמאָלדן, אַז די „פּאַני” מיט דער „פּאַניענקע” לויפן אַרום גאַנצע טעג איבער די געשעפטן און קויפן איין אַלץ צו דער נאָענטער חתונה. אין שטוב זענען נאָר פאַראַן די ביידע „פּאַנעם”: פּאַן קריינעס און פּאַן קאַצענעלסאָן.

די מאַמע און שיינדל זענען אַריין צו יצחקן אין צימער און אים גע־טראָפן פאַרטיפט אין זיין שנעלן און דראָבנע אותיותדיקן שרייבן. אומ־באַמערקט פאַר אים איז די מאַמע צוגעגאַנגען צו אים און הינטער זיינע פּלייצעס, נישט קענענדיק אַרויסרעדן פון זיך קיין וואָרט, אָנגעהויבן שטיקן אירע טרערן... יצחק האָט זיך מיט שרעק אָפּגעריסן פון פּאַפּיר, געגעבן אַ קער אום זיין קאָפּ און אויפכאַפּנדיק זיך אויף די פיס, גענומען דער מאַמען אין זיינע אָרעמס און באַדעקט זי מיט קושן. די מאַמע האָט אים נישט געהאַט קיין כוח גאָרנישט זאָגן, נאָר שיינדל האָט, אויך מיט געוויין

געמאָלדן, אַז דער טאַטע איז פון עגמת נפש אַריין אין אַ מרה־שחורה און שרייט כסדר, אַפילו פון שלאָף אַרויס, אַז ער וועט אַזאַ מין חרפּה נישט איבערלעבן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערונגען מצד יצחקן און טענות און קעגנטענות מיט געוויין און יאָמער. אויף דעם אַלעמען איז אָנגעקומען קריינעס און אַ לאַנגע ווײַלע געשטאַנען שטום ביי דער טיר, צוהערנדיק זיך און צוקוקנדיק צו דעם אַלעמען.

עס האָט שוין ווידער געהאַלטן ביי אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש און יצחק האָט פאַרעקשנט געטענהט, אַז ער אַליין איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים. צום סוף האָט די מאַמע דערמאַנט יצחקן דאָס פאַמיליען־לעבן פון איינעם פון זיינע ליטעראַרישע פריינט. „געדענקסט, ווי דו פלעגסט זאָגן, אַז ווען דו האָסט חלילה אַזאַ ווייבעלע ווי פּ., וואָלסטו גע־לאָפן איבער אַלע גאַסן און געשריגן — גוואַלד, מענטשן, ראַטעוועט!?...״

קריינעס, וועלכער איז געשטאַנען שטום אויף אַ זייט, האָט זיך ענער־גיש אָפּגערופן: „יצחק, דיין מאַמע איז גערעכט! אסתרקע פּאַסט זיך נישט פאַר דיר.״ און אים אָנגעהויבן צורעדן, אַז ער זאָל זיך אומקערן אהיים. יצחק האָט ענדלעך נאָכגעגעבן. ביי אונדז אין שטוב איז געוואָרן ששון ושמחה.

קאפיטל 22

„בגבולות ליטא"

אונדזער קוזין טאבענקין האָט געשריבן צו יצחקן, אַז ער ווילט אין באַברויסק ביים זיידן ר' בן־ציון קאַצענעלסאָן.

אין שטוב האָט מען עס גלייך אויסגעטייטשט: „ערשט אַרויס פון דער תפיסה! מסתמא איז שוין לאָדזש און וואַרשע פאַר אים נישט זיכער!..."

נאָך דער אַוואַנטורע מיט דער דריטער אַסתרקע האָט יצחק באַשלאָסן זומער צו פאָרן זיך זען מיט דער גאַנצער משפחה, צעוואָרפן איבער אַ סך שטעט פון ווילנער און מינסקער גובערניע.

ווי כ'האָב תחילת דערמאָנט, איז באַברויסק דאָס וויגעלע פון די קאַ־צענעלסאָנס און דעריבער האָט יצחק אָנגעהויבן זיין רייזע פון דער דאָזי־קער אורשפּרינגלעכער שטאָם־שטאָט.

דער זיידע בן־ציון איז שוין דעמאָלט געווען אַ האַלב־בלינדער 90־יאָריקער זקן. ער האָט זיך שטאַרק געבעטן אים צוליב צו טאָן און צוצו־שיקן זיינע אייניקלעך, די יצחקלעך, וועלכע ווינען אין וויטן פּוילן — וואַרשע און לאָדזש. ער האָט זיי געוואָלט, אין זיינע לעצטע יאָרן, זען און הערן זייער קול. אַזעלכע געראָטענע אייניקלעך, זאָגט מען... האָט מען אים טאַקע צוליב געטאָן.

יצחק האָט געוואָלט אויסנוצן טאַבענקינס קורצן באַזוך אין באַברויסק, כדי מיט אים געמיינזאַם זיך אָפּרעדן וועגן זייער בשותפותדיקן פאָרן אין דער

שווייץ, ווו ס'איז דעמאָלט געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער וועלט־צענטער פאַר אַלע אַנטלאָפענע פּאָליטישע גדולים, ספּעציעל פון צאַרישן רוסלאַנד.

דער זיידע בן־ציון איז געווען זייער אַ פרומער, אָבער נישט איבער־געטריבן, אין קעגנזאַץ צו דער באָבע פּעשע, וועלכע איז, נישט קוקנדיק וואָס זי איז געווען די בעסטע פּאַרטנערין אין שאַשקעס, וואָס זי פלעגט שפּילן און תמיד געווינען ביי איר חבר מענדעלע מוכר ספרים, געוואָרן אויף די עלטערע יאָרן אַ פאַנאַטיש פרומע.

וועגן דעם זיידן בן־ציון האָט יצחק דערציילט אַ קוריאָזע פּאַסירונג, ווי אַזוי ביידע יצחקס האָבן פּרובירט אים אָפּצונאַרן, כדי אים נישט מצער צו זיין. איינמאָל, אַ בין השמשות, איז ער אַריינגעגאַנגען צו זיי אין צימער אַריין, בשעת זיי האָבן היים דיסקוטירט וועגן די אַקטועלע פּראָבלעמען. דער זיידע האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס און זיך שטאַרק געבייזערט, הלמאי יידישע בחורים זענען זיך מתעסק נישט מיט יידישע זאַכן, ווייל רעוואָלוציע איז אַן ענין, וואָס איז נוגע בלויז די פּראַים, די גויים... פּלוצים האָט ער זיך געווענדט צו ביידע אייניקלעך: „נו, שקצים, מנחה־מעריב האָט איר דאָך שוין אוודאי אָפּגעדאַוונט? אַנו, ווייזט מיר אַצינד, כ'וויל בודק זיין אייערע ציצית־כנפות!...”

אונדזער יצחק איז געבליבן אַ פאַרלוירענער. ער האָט פאַרצווייפלט געקוקט אויף טאַבענקינען, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט צוגעגרייט צו דער דאָזיקער אָפּענזיווע. ער האָט פון טאַש אויף שנעל אַרויסגענומען און אָנגעטאָן די ארבע כנפות. דער זיידע, באַטראַכטנדיק די ציצית, האָט אים אויסגערעדט, הלמאי ס'פעלט נאָך אַלץ די זעלבע ציצה.

איידער ער האָט זיך אָנגערוגזט, האָט שוין אונדזער יצחק געהאַט אָנ־געטאָן די זעלבע ארבע כנפות אויף זיך און צוגעגאַנגען צום זיידן, ער זאָל אים זיי בודק זיין. דער זיידע אָבער מיט אַ באַהאַלטענער פאַר־וווּנדערונג און שפּעטער מיט אַן אַרויסגעזאָגטער איראָניע זיך אויסגע־דריקט, שאָקלענדיק דערביי מיט זיין לאַנגער, ווייסער באָרד און קוקנדיק ווייט פאַר זיך מיט זיינע האַלב־בלינדע אויגן: „מאָדנע, מאָדנע, ביי מיינע ביידע אייניקלעך פעלט די זעלבע ציצה?... נו, מילא, מסתמא איז עס מן השמים!...”

דער זיידע בן־ציון איז געווען שטאָלץ מיט זיינע אייניקלעך, פון וועלכע טאבענקין האָט געזאָלט זיין אַ דאָקטאָר. ער האָט דעמאָלט שטו־דירט מעדיצין און אונדזער יצחק איז שוין געווען אַ באַקאַנטער מחבר, וועגן וועלכן אַלע האָבן גערעדט. דער זיידע האָט זיך זייער אינטערעסירט וועגן וואָס ער שרייבט און געבעטן אים פאָרצולייענען. פון שירים האָט ער נישט געהאַלטן, דאָס זענען פאַר אים געווען „פוסטע רייד", דערפאַר איז אים אָבער זייער געפעלן געוואָרן יצחקס פּרעכטיקע ביבלישע פּיעסע „מכירת יוסף".

„— נאָר אַזעלכע זאַכן דאַרפסטו באַשרייבן און נישט באַבע־מעשיות וועגן חיות, פייגל און ביימעלעך. דאָס איז גוט בלויז פאַר קינדער, וועלכע האָבן נאָך נישט אָנגעהויבן צו לערנען עברי."

אויף דעם האָט יצחק, לאַכנדיק און קושנדיק דעם זיידן, געענטפערט: „טאַקע פאַר זיי, זיידעניו, פאַר די פּיצעלעך, וואָס דאַרפן עברי לערנען, שרייב איך מיינע שירים וועגן פייגעלעך און בלימעלעך. ס'איז וויכטיקער פאַר זיי ווי פאַר אַלעמען!..."

פון באָברויסק זענען די וועגן פון ביידע יצחקס זיך פונאַנדערגעגאַנ־גען. זיי האָבן אָפּגערעדט זייער רייזע קיין שווייץ. טאבענקין האָט ווידער, לויט זיין שטייגער, אָנגעהויבן אַ פּאַרטייאישן פּראָפּאַגאַנדע־טור איבער די רוסישע שטעט. אונדזער יצחק האָט אָנגעהויבן זיין רייזע אַלס שרייבער איבער די שטעט און שטעטלעך פון ליטע.

קודם־כל איז ער געפאָרן אין זיין געבורטשטאָט קארעליטש. קינד און קייט האָבן זיך במשך פון וואָכן געגרייט אויפצונעמען יצחקן. די אויפנאַמע אויף דער סטאַנציע איז געווען אַ גאַנצע פאָלקס־מאַניפעסטאַציע. מען האָט אים אָפּגעפירט אין רבס הויז, זיין זיידן, ר' יצחק יחיאלס ז"ל בנין, וווּ ער איז איינגעשטאַנען. דאָרט האָט מען אים אָנגעוויזן אויף אַ שטאָט־רעליקוויע: זיין אייגן וויגעלע, וואָס מ'האָט מיט שטאָלץ אָפּגעהיט, ווי אַ טייערן זכרון נאָך זייער בארימטן בן־עיר.

יצחק האָט דאָרט אַלעמען איבערראַשט מיט זיין זכרון. „נאָר אַן איי־ניקל און אַ זון פון אַ תלמיד חכם קען דאָס באַווייזן!..." האָבן אַלע קאָ־מענטירט מיט התפעלות. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַלס זעקסיאָריקער

ייִנגעלע האָט ער פאַרוואָרפן אויף אַ בוידעם פון אַ הויז אַ באַלים, וועלכן ער וויל געפינען. ער וועט דאָס הייזעלע באַשטימט דערקענען.

כך היה. חברה איז נישט געווען פויל. מען האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן איבער די געסלעך, ביז יצחק האָט דערקענט אַן אַלט, איינגעפאַלענע הייזקע. מ'האָט געמאַכט אַ לייטער און איינער. אַ ייִנגעלע איז אויף יצחקס אָנווייזונג, אַרויף אויפן בוידעם און אין אַ באַשטימטן אָרט דעם באַלים געפונען. די דאָזיקע פּאַסירונג האָט יצחק מיט יאָרן שפּעטער אַריינגעפלאָכטן אין זיין דראַמאַטישער קאָמעדיע „פּאַטימאַ".

דעם באַלים האָט יצחק מיטגעבראַכט קיין לאָדזש. די מאַמע האָט באַשלאָסן דאָס צו באַהאַלטן אַלס אַן אָנדענק פאַר יצחקס צוקינפטיקן בכור, אָבער אונדזערע ברידער האָבן דעם באַלים אַרויסגעגנבעט פון דער גרויסער שאַנק. מ'האָט התלהבותדיק געשפּילט מיט „יצחקס באַלים", ביז ער איז נעלם געוואָרן און טאַקע צוליב מיין שולד. כ'האָב ליב געהאַט צו טאַנצן און כ'האָב אויסגעטראַכט אַ שיינעם טענצעלע מיט אַ באַלים. דער דאָזיקער איז אָבער, צו מיין גרויסער פאַרצווייפלונג, אַריינגעפאַלן אין הויף־ברונעם נישט פון דעם ריינעם וואַסער... כ'האָב דערפון געמאַכט אַ שוויינ, אָבער אַ חברטע, וועלכע האָט זיך מיט מיר צעקריגט, האָט מיך אַרויסגעגעבן. יצחק, דערזעענדיק מיין שרעק, האָט זיך צעלאַכט און גע־קויפט מיר אַן אַנדערן, נאָך אַ שענערן באַלים.

אין אָנהויב פון זיין אָנקומען קיין קאַרעליטש האָבן די מיידלעך, וועל־כע האָבן אים באַוואונדערט פון זיינע פאָטאָגראַפיעס, מורא געהאַט, אַז קאַצענעלסאָן מוז אוודאי זיין יענער שטאָלצער פּאָעט, צו וועלכן זיי וועלן נישט האָבן קיין צוטריט. אָבער ער פלעגט, במשך פון עטלעכע טעג פון זיין פאַרוויילן אין קאַרעליטש, שפּאַצירן מיט דער יוגנט איבערן שאָסיי און אַלע אַרומיקע מקומות. יצחק האָט זיי געזונגען יידישע און העברעאישע לידער. אַזוי נאָר, ווי ער אַליין האָט עס געקענט, האָט ער זיי דערציילט, אויף אַ שפּאַנענדיקן אופן יידישע געשיכטע, קאָמענטירט יידי־שע געשיכטע און וועגן אַקטועלן ארץ ישראל, וואָס טוט זיך אויפסניי אויפבויען. איינמאָל האָט ער זיך געווענדט צו דער יוגנט: „טייערע יידי־שע טעכטער און זין! אייער אָרט איז אין ארץ ישראל! פאָרט אַהין, ווו

איר וועט בויען א נייעם, שיינעם יידישן לעבן!..." אונטער זיין השפעה זענען א סך קארעליטשער טאקע עולה געווען קיין ארץ ישראל.

יצחקס באשרייבונג פון די שטעט און שטעטלעך פון ליטע האט זיך אומגעוואנדלט אין אן אמתע עפאפייע פאר די דאזיקע געביטן פון פאר־ביקרייכן פאלקסטימלעכן לעבן... „בגבולת ליטא" האט געמאכט א גרויסן רושם.

אט אזוי האט יצחק געשילדערט זיינעם א שפאציר אין זיין געבורטס־שטעטל:

„...און איך גיי שוין מיט דער זייט פון שאסיי און אויפן שאסיי איז פריילעך. אלץ וואס לעבט איז ארוים פון שטעטל אויפן שאסיי. און דער שאסיי איז זייער א לאנגער. מ'זאגט, אז דער דאזיקער שא־סיי ציט זיך אזש ביז קאברין... און קאברין איז זייער ווייט פונ־דאנען... די דאזיקע הימלען גייען און לאזן זיך אוים און נייע הימלען שפרייטן זיך אוים איבער דער שטאט קאברין."

און אט איז א שילדערונג פון שאסיי ערב שבת פארנאכט:

לכה דודי לקראת כלה!
ביים שאסיי, אין די אלייען,
זיצט אונטער א בוים דיין כלה.
אויף שאסיי, אין די אלייען
מיידלעך יידישע שפאצירן —
שלאנקע סאסנעס, רויטע רויזן —
טעכטער יידישע שעמערירן.
די שווארץ חנעוודיקע מיידלעך
אין די שבתדיקע קליידלעך.
זייער האר עפעס צעפאטלט...
צנועות זענען יידישע טעכטער —
וועלן שבת זיך ניט קאמען;
און די לענטעס און די טיכלעך

אויפן האַלדז פאַרקניפּט, פאַרבונדן —
וועלן שבת דאָך ניט טראָגן.

לכה דודי לקראת כלה!
ביים שאָסיי, אין די אַלייען
זיצט אַ מיידל, זון־פאַרפלאָסן,
זיצט אונטער אַ דעמב, אַ גרינעם,
זיצט און וואַרט אויף דיר, דעם חתן,
לכה דודי לקראת כלה!

„...אַ גרופּע בחורים איז פאַרבייגעגאַנגען. אַ בחור אָנגעטאָן אין אַ רויט העמדל איז געגאַנגען בראש. אַ רויט העמדל, אַ רויט העמדל — און אין שטעטל!

דוכט זיך, זיי האָבן אין מיר דערקענט אַ „פּנים חדשות", מחמת באַלד, ווי זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען: „אָך, אָרימע אַרבעטער!"

בונדאָווצעס, בונדאָווצעס... און אין שטעטל!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַנדער גרופּע בחורים, אַ בחור אָנגעטאָן אין אַ בלוי, העמדל איז געגאַנגען בראש.

אַ בלוי העמדל, אַ בלוי העמדל — און אין שטעטל!

האָבן די בחורים זיך איינגעקוקט אויף מיר און אַוועק ווייטער, און אין אַ מינוט שפּעטער האָב איך דערהערט דאָס געזאַנג: „אַ היים פאַר דעם יידישן אַרבעטער!"

פּועלי ציון, פּועלי ציון... און אין שטעטל!

כ'האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן — פונוויטנס האָב איך געזען די צוויי גרופּעס ווי זיי גייען פאַראויס צום שוואַרצן וואַלד צו. יעדע איינע פון זיי ביהידות און דער שטח צווישן זיי — אַזוי קליין... זייער לייכט האָבן זיי געקענט זיך צונויפגיסן אינאיינעם. צום אויער דער־גרייכן נאָך קלאַנגען פון אַ ליד. מ'קען שוין נישט פונאַנדערשיידן

די ווערטער, ס׳דוכט זיך מיר, ס׳איז איין ליד — פון די צוויי לידער איז געוואָרן איינס!...
אָן קיין שום כוונה האָט זיך מיין בליק אָנגעשלאָגן אָן וואַלד —
— אַ דיסקוסיע, אַ דיסקוסיע... און אין שטעטל!״

יצחק איז לעבנסלוסטיק, ער כאַפּט אויף דאָס שענסטע פונעם לעבן, ער איז פאַרליבט אינעם לעבן.

„אַלע מיינע שיינע לעגענדעס זענען געבוירן געוואָרן אויף די לאָקן פון געליבטע...״

וועגן דעם קאָלאָסאַלן רושם, וועלכן „בגבולות ליטא״ האָט געמאַכט, דערמאָן איך זיך, אין פאַרבינדונג מיט אונדזערע משפּחה-איבערלעבונגען, אַזאַ עפּיזאָד:

איינמאָל, אין אָוונט פאַלט אין שטוב אַריין ווי אַ באָמבע משה וועדרא און אַ פּאַרסאַפּעטער ווייזט ער אָן אונדז אַלעמען אַ ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונג פון בעל מחשבות, וועלכער האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז קאַצענעלסאָן האָט מיט זיין רייזע-באַשרייבונג געוויזן נאָך אַ גרעסערן קונץ ווי הײַנריך היינע. היינע האָט באַשריבן פּרעכטיק אַ פּרעכטיקע געגנט פון די אַלפּן, בעת קאַצענעלסאָן האָט פון דער אָרימער ליטע אַרויסגענומען אַזוי פיל נאַטור-שיינקייטן און איבערהויפּט אַ שלל פון פאָלקלאָר, אייגנאַרטיקן יידישן פאָלקסשטייגער.

יצחק פלעגט פירן מיט בעל מחשבותן (ד״ר עליאשעוו) זייער אַ פריינטלעכע קאָרעספּאָנדענץ, האַלטנדיק אים פאַר אַן אויפריכטיקן מענטשן, וועלכער פלעגט אַלס ליטעראַטור־קריטיקער סטימולירן יונגע טאַלאַנטן.

יצחק האָט אַמאָל, אין פאַרבינדונג מיט ליטעראַטור־קריטיקער מכל המינים, געזאָגט: „אויף דער עלטער וועל איך אויך זיך פאַרנעמען מיט דעם געביט, כדי צו פאַרגרעסערן די צאָל טאַלאַנטן, וועלכע פאַלן אָפּ, צוליב פען-רוצחים!...״

די רייזע איבער די געביטן פון ווייסרוסלאַנד און ליטע איז געווען פאַר יצחקן אַ מקור פאַר ווייטערדיקער טעטיקייט. ער האָט אָפּגעפרישט די זכרונות פון זיינע קינדער-יאָרן. די דאָזיקע האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט

אין זיין אונטערבאַוווסטזיין צעשאָטענע און פאַרפלאָנטערטע. פון זיין שטאָם־שטאָט באָברויסק און געבורטשטאָט קאַרעליטש און במשך פון דער גאַנצער רייזע איבער די דאָזיקע געביטן האָבן זיך די איינדריקן געקייטלט אין אַרטיסטישע און פסיכאָלאָגישע אַסאָציאַציעס, געוואָרן אַ פּרעכטיקער המשך. יעדער נייער איינדרוק האָט אַריינגעוואָרפן אַ גילדערנעם רינג, וואָס האָט זיך אויפגעהיט אין זיין האַרצן און מוח און פון זיך אַליין האָבן די דאָזיקע רינגען זיך באַהאָפטן אין אַ גילדערנער קייט, סיי דורך „בגבור־לות ליטא", סיי דורך אַנדערע זיינע ווערק.

קאפיטל 23

עולם הבא

מיטן גרעסטן אומגעדולד האָט מען געוואַרט אויף יצחקס צוריקקערן פון זיין רייזע איבער ליטע, וווּ ער האָט זיך געזאמט עטלעכע חדשים.

ענדלעך איז אָנגעקומען די דערוואַרטע טעלעגראַמע, אַז יצחק קומט אויף שבת!... די מאמע מיט דער הילף פון די בני־בית האָט שוין באַצייטנס אָנגעהויבן צוגרייטן דעם קבלת־פנים. מיט יצחקס אָנוועזנהייט, פלעגט מען וויסן, פאַרפירפאַכיקט זיך די צאָל פון די אורחים ביי אונדז אין שטוב.

צווישן דער מאַמען און יצחקן פלעגט אָנגיין אַ שטענדיקע קאָנקורענץ וועגן מקיים זיין די מצווה פון הכנסת־אורחים. יצחק פלעגט איר איינרעדן, אַז ער ברענגט די געסט טאַקע איר צוליב, כדי איר צו פאַרשאַפן נחת־רוח.

דער אמת איז אָבער געווען, אַז סיי די מאַמע, סיי יצחק, האָבן דאָס ביידע זייער ליב געהאַט — געסט און טומל, ס׳זאָל זיך רודערן אין שטוב...

יצחק האָט אָבער געוואָלט מאַכן אַ סיורפּריז און אָנשטאָט פרייטיק איז ער אָנגעקומען דאָנערשטיק מיטן בריסקער צוג.

צו זיין איבעררעשונג איז ער אָבער אויפן וואָקזאָל פלוצים אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט ביי אים, חוץ דעם צווייטן טייל פון דער נשמה, דעם פּאַס, געפאָדערט אויך אַ צייגעניש פון „פּאָליטישער אומבאַפלעקטקייט״.

שוין אויפן וועג קיין לאָדזש און ספּעציעל ביים איינשטייגן פון נייע

פּאַסאַזשירן אין וואַרשע האָט יצחק אויפֿן וואָקזאַל באַמערקט אַ גרויסע געשפּאַנטקייט. פּאַסאַזשירן האָבן זיך צווישן זיך געשושקעט, אַז מ׳זוכט וויכטיקע פּאָליטישע, וואָס מען האָט דאָן ארויסגעגנבעט פֿון צענטן פּאַ־וויליאָן אין וואַרשע.

הכלל, אויפֿן לאָדזשער וואַרשע־ווינער־באַן, די אַזוי גערופֿענע „לודזש־פּאַבריטשנאַ", האָט אַ גאַנצער קאָרדאָן פֿון פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע זיך באַמיט צו אַרעסטירן אַלע אָנקומענדיקע פּאָליטישע טוערס, אויף וועל־כע מען האָט זיך געריכט. אַלע אָנקומענדיקע מיט אַן אינטעליגענטן פּנים האָט זיי אויסגעזוכט צו זיין פֿאַרדעכטיק. איינער פֿון די זשאַנדאַרמען איז גלייך צו אים צוגעלאָפֿן און געזאָגט, אַז ער האָט שוין אין ערגעץ געזען זיין בילד — ס׳איז אַ באַקאַנטער רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז ערשט אָקאָרשט אַנטלאָפֿן פֿון סיביר.

היות ס׳איז געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, האָט זיך יצחק געמאַכט אַ „קנאַפּן צימעס" דערפֿון און אין באַגלייטונג פֿון צוויי געזונטע שומרים מאַרשירט איבער די גאַסן. דורכגייענדיק דעם „קאָלע־גאָרטן", האָט ער אויף דזשיעלנאַ־גאַס פֿון ווייטנס באַמערקט בערקמאַנען. יצחק בערקמאַן איז געווען אַ באַקאַנטער העברעאישער לערער און יצחקס אַ גוטער חבר, אַ ייד, אַ „טשודאַק", וועגן וועלכן עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן.

די הויכע, שטייפֿע געשטאַלט פֿון דעם פּאַמעלעך שפּרייזנדיקן בערק־מאַנען, וועלכער פֿלעגט זיך קיינמאָל נישט איילן, איז יצחקן דערשינען ווי אַ ליכטיקע זון אויף אַ פֿאַרוואָלקנטן הימל. מיט אַ גוטער מטבע האָט ער געפּועלט ביים צאַרס משרתים אַ דערלויבעניש און ער האָט אָפּגעשטעלט בערקמאַנען.

דערזעענדיק יצחקן אונטער אַזאַ חשובער שמירה, האָט ער זיך אַזש אָנגעהויבן צו טרייסלען פֿון שרעק און פֿאַרלאָרן ס׳לשון, די ציין האָבן ביי אים געקלאַפּט אַזוי ווי אויף אַ פֿראָסט.

יצחק האָט אים אָנגעהויבן צו דערקלערן, אַז ער זאָל תיכף ומיד גיין צו אונדז אַהיים און ברענגען אין פּאָליציי־באַצירק דעם געפֿאָדערטן דאָ־קומענט פֿון פּאָליטישער אומבאַפֿלעקטקייט.

דאָ האָט בערקמאַן אָנגעהויבן צו גלאָצן מיט די אויגן, געמאַכט אַ

יראת־שמים פנימל און ווענדנדיק זיך צו די סטראזשניקעס, אָנגעהויבן זיי צו פאַרזיכערן, אַז ער קען נישט לחלוטין דעם דאָזיקן פאַרשוין, אַז ער זעט אים דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן און אַז ס'איז מסתמא אַ משוגענער, אויב ער האַלט, אַז ער קען אים, בערקמאַנען!...

קענענדיק בערקמאַנען פאַר אַ גרויסן פחדן, האָט זיך יצחק גלייך געכאַפּט. ער האָט אים אָנגעהויבן צו בעטן אַנטשולדיקונג, גערעדט צו אים אויף רוסיש און מיט אַ שולדיקער מינע אים דערקלערט, אַז ער האָט אים אָנגענומען פאַר אַן אַנדערן, וואָס הייסט גאָספּאָדין „שלח הניר" און זווינט מיט דעם הער „תיכף ומיד" אויף גייערס מאַרק.

זייענדיק זיכער, אַז בערקמאַן וועט שוין זיין שליחות דערליידיקן גאָר שנעל, האָט יצחק זיינע שומרים איינגעלאַדן אין אַ שענק אַריין און דאָרט זיי מכבד געווען מיט אַ גאַנצן ליטער וואָדקע, מאַכנדיק אַליין אויך אַ לחיים מיט זיי.

בערקמאַן האָט אָבער מורא געהאַט קומען צו אונדז אַהיים מיט דער בשורה, אַז יצחק איז אַרעסטירט און האָט זיך שעהן לאַנג אַרומגעדרייט איבער די לאָדזשער גאַסן, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן.

צום גליק האָט ער באַגעגנט משה ווערדראָן און אים דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש מיט יצחקן.

ווערדראָ איז גלייך געלאָפן צו אונדז אַהיים און אויף צו להכעיס קיינעם נישט געטראָפן, חוץ מיך מיט די קלענערע ברידער. אַ פּאַרסאָפּעטער האָט ווערדראָ געשריגן, אַז ער דאַרף שוין האָבן די מאַמען. איך האָב אים געזאָגט, אַז די מאַמע איז מיט דער דינסט אויפן גרינעם מאַרק געגאַנגען איינקויפן פאַר יצחקס מאָרגנדיקן אָנקומען פון פּרוזשאַני.

ווערדראָ איז גלייך געלאָפן זוכן די מאַמען אויפן גרינעם מאַרק און מיט אימפּעט איר דערציילט די שלעכטע בשורה.

די מאַמע האָט גלייך אַלאַרמירט דעם טאַטן און מיט אַלע פּאַפּירן איז מען געלאָפן צום רב ר' אליהו מייזל, אַדאַנק וועמענס אינטערווענץ מען האָט יצחקן באַפרייט, נאָכן אָפּזיצן אַ גאַנצן טאָג אין פּאָליציי־באַצירק.

דערווייל איז די ידיעה וועגן יצחקס אַרעסט פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער שטאָט. מיר האָבן דעמאָלט געוווינט אויף צעגעל-

גיאַנאַ 17, אויפן דריטן שטאָק. עלטערע און ספּעציעל שוואַך־אָטעמדיקע פלעגן מיט גרויס מי אַרויפקריכן אויף די הויכע טרעפּ און קוים זיך אָפּ־סאַפּען פון דער מידקייט פון די 66 טרעפּ, ווי יצחק האָט זיי אָפּגעציילט.

יענעם פרייטיק און שבתצונאַכט זענען אַלע פריינט און חברים גע־וואָרן ווי מאָביליזירט. קינד און קייט האָבן אָנגעהויבן „עולה רגל" זיין צו אונדז בכדי צו באַגריסן דעם „אַרעסטאַנט".

ס'איז אויך געקומען דוד פרישמאַן, וועלכן בערקמאַן האָט שוין גע־האַט דערציילט וועגן יצחקן, וואָס חברט זיך צופיל מיט די „עולם הבאַ־ניקעס". מיט זיין וויציקן, איראָנישן טאָן, האָט ער, לויט בערקמאַנס נוסח געפרעגט: „נו, יצחקל, קאַטאָרזשאַן איינער, דערצייל, דערצייל, ווי אַזוי האָסטו דאָס געוואָלט אונדז פאַרזאָרגן מיט עולם הבאַ?..."

קאפיטל 24

זינאס טראגעדיע

אין דער צייט, וואָס יצחק איז געווען אויף זיין רייזע „בגבולות ליטע", האָט זינא דאָראָשאָווא פארלאָרן איר מוטער. איר פאָטער האָט ליקווידירט זיינע געשעפטן אין לאָדזש און זיך איבערגעטראָגן קיין כאַר־בין, וואָס האָט נישט געהאַט קיין צאָלאַמט מיט רוסלאַנד און דעריבער פלעגט מען דאָרט אַנטוויקלען גרויסע מסחרים.

זינא האָט נישט געוואָלט פארלאָזן לאָדזש. דאָ האָט זי געהאַט איר גרויסע ליבע. נאָכן ביטערן פינאַל מיט אסתרקען האָט זי געהאָפט גאָר שטארק אויף יצחקן. זינא איז איצט געבליבן איינע אַליין אויף זיין האָ־ריזאָנט און רעכענענדיק אויף אונדזער שטובס הסכמה, איז זי געווען פול מיט האָפענונגען.

זי האָט געדונגען אסתרקעס פריערדיקע דירה, וועלכע האָט זיך ווידער באַפרייט און אַזוי אַרום געוואָרן אַ דירעקטע שכנה מיט אונדז. חוץ דעם האָט אונדזער שיינדל, וועלכע האָט אָקאָרשט חתונה געהאַט מיט אהרן פיינשטיין, אַ פּלימעניק פון ר' אליהו פון פּרוזשאַנע, ביי איר גע־דונגען אַ העלפט פון דער גרויסער דירה.

מאָדנע, ווי אין לעבן קומען אַמאָל אויס די גלייכסטע זאַכן קרום און די גליקלעכסטע צופאַלן ענדיקן זיך אומגליקלעך... זינא האָט געהאָפט, אַז וווינענדיק אין אַזאַ דירעקטער שכנות, פאַרבונדן מיט אונדזער משפּחה דורכן צוזאַמענוווינען מיט שיינדלען, טוט זי זייער קלוג. זי האָט אויך באַשלאָסן ביי זיך צו אָרגאַניזירן צוזאַמענקונפטן פון דער גאַנצער אַר־

טיסטישער משפּחה, ווייל זי האָט פּונקט ווי יצחק געהאַט פאַרשטענדע-ניש פאַר קונסט.

זינא איז געווען זייער פּראַקטיש צו אָרגאַניזירן אַזאַ מין סביבה, ווייל אַליין איז זי געווען איינגעזאַפּט מיט בלויז קונסט: אַ קלינגענדיקע מעצאָסאָפּראַנאָ צום זינגען, געשפּילט גוט פּיאַנאָ, מייסטערהאַפט רעצי־טירט. לויט דער מיינונג פון מבינים ווי פּרץ, שלום-עליכם, פרישמאַן, יצחק א"א האָט זי זיך געשניטן אויף צו ווערן אַ צווייטע ראַשעל, שרה בערנאַרד, אָדער, לויטן באַגריף פון יידישן פאָלקס-טעאַטער, אַ צווייטע אסתר רחל קאַמינסקאַ.

איר דירהלע האָט זינא געהאַלטן אין איין פּאַרפּוצן און פאַרשענערן און געטון האָט זי עס מיט אַ באַזונדערן אָריגינעלן געשמאַק, וועלכער איז געווען אַ פּועל יוצא פון איר אַרטיסטישן מהות. זייער אַ באַחנטע, שלאַנ-קע, טונקעלע בלאָנדינקע, מיט בלויע, גרויסע אויגן, תמיד ענטוזיאַסטיש, אָן שום אויסדרוק פון ביליקייט. עס האָט געוויייעט פון איר מיט תמי־מותדיקייט, גוטסקייט, איבערגעגעבנקייט, מוטערלעכקייט. פּונקט ווי יונגט-ראָלן, פלעגט זי מיט מייסטערהאַפטער נאַטירלעכקייט אויספירן מוטער־ראָלן אין יצחקס „דראַמאַטישער קונסט".

אָן שום סימנים פון גאווה, פון זעלבסטזיכערקייט אַלס אַ קונסט-מבינטע, וואָס זי איז עס באמת געווען ווי זעלטן ווער, פלעגט זינא רופן די מאַמען, שיינדלען און אפילו מיך אַלס יועצים, אַרויסצוזאָגן זיך וועגן דעם אופן פון פאַרפּוצן די דירה, די ווענט, אַלע ווינקעלעך או"וו.

זינא האָט געוווּנען אַלעמען, זי איז געוואָרן אונדז אַלעמען איינגע-באַקן אין הארצן, אַלעמען, חוץ דעם וויכטיקסטן... יצחקן.

טאַטע־מאַמע האָבן איינגעלייגט וועלטן, כדי איר מערכה אין יצחקס אויגן צו פאַרבעסערן און פאַרגרעסערן. מען פלעגט תמיד באַהויפּטן, אַז אויב זינא וואָלט געהאַט ביי יצחקן כאָטש אַ חלק פון דעם חן, וועלכן זי האָט געפונען ביי אַלע אונדזערע בני-בית, וואָלט איר געווען פאַרשפּאָרט אַ סך, אַ סך צו ליידן...

נאָך יצחקס צוריקערן פון ליטע, האָט זינא אויפגעלעבט. זי פלעגט זיך ברעכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי צוצופּאַסן פאַר יצחקן זיין ריכטיקע סביבה

און פלעגט זיך לערנען ביי אונדזער מאמען אלע אירע מאכלים, וועלכע יצחק האט אמבעסטן ליב געהאט. אונדזער מאמע, אן ערשטקלאסיקע קולינארין, האט פון אים געמאכט א גרויסן מבין אויף עסן. דערפאר פלעגט ער זיך גערן געפינען צווישן אלע די, וועלכע פלעגן ליב האבן „צו רייבן א סעודה"... פארשטענדלעך אז יצחק, וועלכער איז געווען תמיד ארומגערינגלט מיט זיינע חברים פונקט ווי א רבי מיט חסידים, פלעגט קומען צו די דאזיקע סעודות נישט אליין. יצחקס לעבנסגעבליבענע חברים און פריינט געדענקען די דאזיקע אווגטן און מסיבות, וועלכע פלעגן געמאכט ווערן ביי אונדז אין שטוב און אינעם המשך פון אונדזער דירה, טאקע אין דער שכנותדיקער, ביי זינא דאראשאווא. דארט פלעגט מען פארברענגען אין א סביבה פון הונדערט פראצענטיקער קונסט און פון ריינעם שפרודלדיקן הומאר.

זינא האט געהאפט, אז דאס וועט גורם זיין, יצחק זאל אויסנוצן א מאמענט, כדי איר זיך צו דערקלערן אין ליבע און איר פארלייגן חתונה צו האבן. אין איר תמימותדיקער נאאיוויטעט האט זי נישט גענומען אין באטראכט, אז אין דער זעלביקער דירה פלעגן די ווענט, די זעלבע ווענט, שטענדיק דערמאנען יצחקן בילדער פון פריער, פון דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט... דערפאר פלעגט יצחק לאנג נישט קענען אויסהאלטן אין זינאס וווינונג און ספעציעל מיט איר אליין. באלד האט זיך באוויזן דער פועל יוצא דערפון. זינא האט אנגעהויבן וואס אמאל מער ליידן. זי האט בולט באמערקט, אז יצחק מיידט זי אויס...

אין די שפעטערדיקע יארן, ווען כ'בין שוין געווען א דערוואקסענע און יצחק נאך אלץ אן „אלטער בחור", ווי די מאמע פלעגט אים בייז אנרופן, פלעג איך אפנהארציק מיט יצחקן אנאליזירן די פארגאנגענהייט, זינא דאראשאוואן, יצחקס גרויסע, פאר אים צוגעפאסטע ליבע און זיווג. יצחק פלעגט מיר דערקלערן, אז „דער תהום צווישן אונדז איז באשטאנען אין דעם, וואס מיר זענען געווען צו פיל ענלעך איינער צום צווייטן"... באמת,ביידע האבן זיי געהאט א סך געשמאק, ביידע פלעגן זיי רעדן מיט אנדייטענישן, מיט רמזים, נישט דערזאגטע, פילאזאפישע געדאנקען, אריגינעל, טיפזיניק, פיינפילנדיק.

צו יענער צייט האָט מען אויפגעפירט יצחקס „קאַריקאַטורן״, וועלכע זענען אויפגענומען געוואָרן אין אַ סך שטעט פון רוסלאַנד מיט אַ גאָר גרויסן דערפאָלג. יצחקס חברים האָבן אים געראָטן, ער זאָל איבערזעצן די דאָזיקע פּיעסע אויף רוסיש, ווייל אַ דאַנק דער רוסישער בינע איז שלום אַש באַרימט געוואָרן.

מען האָט יצחקן פאָרגעשטעלט זייער אַ באַגאַבטן רוסישן איבערזעצער, יעפים זאָזולאַ. זאָזולאַ איז געווען פאַרבונדן מיט דער גאַנצער רוסישער קונסט-וועלט, מיט אירע בעסטע שוישפּילערס און האָט אין יצחקס נאָמען פאַרהאַנדלט מיט דער באַרימטער רוסישער אַקטריסע קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ וועגן אויפפירן די „קאַריקאַטורן״.

צו דער אויפפירונג פון די „קאַריקאַטורן״ אין לאָדזש זענען געקומען צו פאָרן עטלעכע שרייבער בראָש מיט פרישמאַנען און שניאורן. די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן דורך דער טרופּע פון פּרץ הירשביין, יצחקס אַ פאַרזענלעכן ידיד. די הויפּטראָל פון שימעקן האָט אויסגעפירט זאַסלאַווסקי, פון רבקה — נעמי.

יצחק האָט געפיבערט, אַז די פּיעסע זאָל אַדורכגיין מיט דערפאָלג, ווייל גאַנץ לאָדזש האָט זיך געגרייט זען די פּרעמיערע אינעם „גרויסן טעאַטער״ אויף קאָנסטאַנטינער גאַס.

אין זיין רעצענזיע האָט ישעיה אוגער געשריבן, אַז „קאַריקאַטורן״ איז אַ נייעס אויף דער יידישער בינע. די טעמע איז אַן אוניווערסאַלע — דער וועלטשמערץ, אונטער וועלכן ס׳איז געווען גוט פאַרמאַסקירט, צוליב דער צענזור, דער סאָציאַלער צוגאַנג צו דער לייזונג פון פּראָבלעמען. דערפאַר האָבן טאַקע „די קאַריקאַטורן״ געהאַט אַזאַ שטורמישן דערפאָלג.

פרישמאַן, דער גרויסער אייראָפּעער, וועלכער פלעגט זיך אַרויסזאָגן מיט ביטול וועגן אַ סך יידישע שרייבערס און יידישע ווערק, וועלכער פלעגט באַהויפּטן, אַז „אַ הונט פון אַ פראַנצויזישן קינסטלער האָט מער געשמאַק, ווי אַ יידישער מליצה־שרייבער״, האָט אונטערגעשטראָכן, אַז „קאַריקאַטורן״ דאַרף איבערגעזעצט ווערן און וועט ערשט באַרימט ווערן אויף די אייראָפּעאישע בינעס. אַלע זיינע חברים און דערהויפּט יצחק

אַליין איז געווען געשפּאַנט אַרויסצובאַקומען אַ גוטע רוסישע איבערזע־צונג, וועלכע ס׳האָט געגרייט יעפים זאַזולאַ.

אין שטוב פון דעם דאָזיקן איז יצחק באַקאַנט געוואָרן מיט אַ דאַמע — „מאַדאַם איקס״. אַזוי וועלן מיר רופן די דאָזיקע פרוי, וועלכע האָט זיך, ווי אַ שאָטן געשטעלט אויפן וועג פון זינא דאָראָשאָווא און פאַר־שטעלט פאַר איר דעם דורך איר אַזוי הייס געליבטן יצחקן. ער האָט אי־בערגעריסן מיט זינאַן, אָבער דאָס איז נישט געקומען פלוצים.

יצחק האָט שוין פון אַ לענגערער צייט געהאַט אויסגעמיטן זינאַס גע־זעלשאַפט. ביי קולטור-אונטערנעמונגען פלעגט זי מוזן אָפּטרעטן איר אָרט דער „מאַדאַם איקס״, וועלכע האָט זיך איינגעבירגערט אין זאַזולאַס מש־פּחה. „מאַדאַם איקס״ איז געווען אַ באַגאַבטע פרוי אין הינזיכט צו גע־פינען גוטע פריינט, מענער און פרויען און זיי צו זיך אַזוי צובינדן, אַז זיי פלעגן קענען פאַר איר גיין אין פייער און אין וואַסער. זי איז געווען אַן אינטימע פריינדין פון דער גאַנצער משפּחה זאַזולאַ, סיי פון דער פרוי, סיי פון אים, סיי פון זיין ברודער, דעם באַקאַנטן אין לאָדזש פּיאַניסט יאשע זאַזולאַ, וועמענס אינטימע פריינדין זי איז געווען, איידער זי האָט זיך באַגעגנט מיט יצחקן.

זינא האָט שנעל באַמערקט די ענדערונג ביי יצחקן — אָבער נישט זי, נישט עמיצער פון אונדזער משפּחה איז אימשטאַנד געווען עפּעס צו ענדערן אין דער ניי-געשאַפענער לאַגע.

סיי זינא, סיי אונדזער גאַנצער משפּחה האָט געוואַלדיק געליטן צו־ליב יצחקס געענדערטער באַציאונג צו זינאַן, בפרט נאָך, אַז די פרוי, וואָס האָט זיך געשטעלט אין וועג צווישן יצחקן און זינא איז געווען אַ סך על־טער פון אים, האָט געהאַט אַ מאַן און דערוואַקסענע קינדער.

אָבער קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. זינא האָט געמוזט אָפּטרעטן. זי איז פון גרויס צער קראַנק געוואָרן און נאָך אַ געוויסער צייט האָט זי פאַרלאָזט לאָדזש, אָפּפאָרנדיק צו איר פאָטער, וועלכער האָט געוווינט אין באַרבין.

קאפיטל 25

אין דער שווייץ — קעסל פון וועלט־רעוואָלוציע

— „זינע איז אַוועק קיין בינע און יצחק פּאָרט אין די שווייץ!" מען האָט ביי אונדז אין שטוב געזאָגט, אַז דער גאַנצער ענין פון פאָרן קיין אויסלאַנד איז צוגעטראַכט פון דער „מאַדאַם איקס", ווענעמס מאַן איז אויסגעקומען, נאָך אַ צוויי יעריקער אַפּוועזנהייט, צו פאַרבלייבן אין לאָדזש אויף אַ לאַנגער צייט.

דער מאַן פון „מאַדאַם איקס" איז געווען אַ „וואָיאַזשאָר". דער טיפּ פון „וואָיאַזשאָר", דער רייזנדער, איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער פּראָדוקט פון דער שפּרודלדיקער איניציאַטיוו־גרייטקייט פון דעם אינדוסט־ריעלן לאָדזש. אַפילו דאָס קלענסטע פאַבריקל מיט עטלעכע וועבשטולן האָט געזוכט אויסצוברייטערן דעם אָפּזאַצמאַרק אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דער ריזיקער צאַרישער אימפּעריע, וועלכע האָט פאַרנו־מען און משפּיע געווען אַ גרויסן טייל פון צוויי קאָנטינענטן — אייראָפּע און אַזיע. „לאָדזשער שמאַטעס" האָבן אַזוי אַרום באַוויזן אָנצושפּאַרן אין די טויערן פון פעקין און שאַנכאַי, וועלכער מען האָט געהאַט אויפגע־צווונגען אַ פרייען צאָל־אָפּמאַך. לאָדזשער סחורות האָבן געהאַט אַ פרייען אַריינפיר אין טורקעסטאַן, פּערסיע און, דורך דאָרט, אויך קיין אינדיע. אַ גרויסע וועלט איז געווען אָפן פאַר דער לאָדזשער אינדוסטריע. און די זשוואַווע „לוטוואַקעס", די וואָיאַזשאָרן, פלעגן דאָס אָנדרייען דעם גאַנצן דריידל... אַ באַלוטער אָדער אַ פאַביאַניצער וועבער, וועלכער פלעגט קוים אַרבעטן מיט זיינע בני בית אויף עטלעכע האַנט־שטולן, פלעגן די „לוט־

וואַקעס" איִם עולה לגדולה זיין און מאַכן פאַר אַ באַקאַנטן אינדוסטריע־לער אין געציילטע עטלעכע יאָרן. קודם כל פלעגט דער „לוטוואַק" באַ־שטעלן אַ מוסטער־קאָלעקציע. אויף דער דאָזיקער פלעגט ער הייסן אויס־מאָלן עטלעכע הויכע, שטאַרק רויכנדיקע קוימענס מיט אַ סביבה פון פאַ־בריקס־בלאָקן. די לייכטגלויביקע קאַצאַפּעס פון טיף רוסלאַנד און די סוח־רים פון אירע שבעים לשונות פון די צוויי קאָנטינענטן האָט דאָס זייער אימפּאָנירט. זייער התפעלות פאַר די קוימענס האָט מען געדאַרפט קענען אויסנוצן... דערצו זענען געווען טויגבאַר די הונדערטער געוואַגטע, אינטע־ליגענטע וואַיאַזשאָרן, אַ גאַנצע מחנה, דער אוואַנגאַרד פון דער לאָדזשער אינדוסטריע, די סאָפּיאָרן, וועלכע פלעגן אַרויסגיין אין ערשטן קאַמף צו בויען... אָפּטמאָל פּאַפּירענע מנחם־מענדלישע בריקן. אַרום דעם טיפ וואַיאַזשאָר, דעם אמתן „לאָדזשער מענטש", דעם איינרייסער, דעם אי־בערטרייבער און „פּלאַדער", וועלכער פּייפט אָן אַלעמען אַרום זיך און אַ גאַנצע קיילעכדיקע אימפּעריע, — איז באַשאַפן געוואָרן אַ פאַרבנריי־כער לאָדזשער פאָלקלאָר און אויך אַ ליטעראַטור.

אויך אונדזער יצחק איז געווען פון די, וועלכע האָבן באַשריבן די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע סביבה. זיין קאָמעדיע „די בחורים", וואָס איז געגאַנגען איבער אַלע טעאַטערס פון רוסלאַנד, האָט זיך ספּעציעל אָפּגע־שטעלט אויף די דאָזיקע לאָדזשער טיפּן. אין דער נאָוועלע „רעגינאַ" באַ־שרייבט ער אויך דעם פּיפּיקן וואַיאַזשאָר. פאַר דער מלחמה פון 1914 האָט זיך לאָדזש געהאַט אַנטוויקלט נישט נאָר אינדוסטריעל און אַלס ריזיקער האַנדלס-צענטער. די געקומענע פון גאַנץ רוסלאַנד „לוטוואַקעס" האָבן זיך גענומען צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט מכל המינים, סיי קולטורעלער, סיי פּאָליטישער, סיי פּראָפעסיאָנעלער. פּונקט ווי די אַרבעטער סינדי־קאַטן, האָט זיך אויך געהאַט געגרינדעט אַ יידישער פאַבריקאַנטן-פאַראיין, וועלכער האָט זיך אָבער באַשעפטיקט, דרך אגב, מיט שטיצן די יידישע קולטור. אויפן פאָרשלאַג פון אברהם פּיקעלני פון דער פירמע „ברידער פּיקיעלני", באַקאַנטע לאָדזשער אינדוסטריעלער, וועלכע שטאַמען פון אונדזערע קאַנטן, פון טורעץ לעבן קאַרעליטש, האָט מען יצחקן צוגע־טיילט אַ סטיפּענדיע, צו באַזוכן אויסלאַנד.

דער פאַבריקאַנטן־פאַראיין, וועלכער איז באַשטאַנען ס'רוב פון רוסי־שע און ליטווישע יידן, האָט עס געטון אין אויסדרוק פון אנערקענונג פאַר יצחקס ווונדערבאַרער באַשרייבונג פון דער אָרימער ליטע אין זיין ווערק, „בגבולות ליטא", וועלכע די גאַנצע קריטיק האָט געהאַט אויפ־גענומען מיט באַגייסטערונג.

פון זיין באַזוך אין אויסלאַנד, ספּעציעל אין דער שווייץ, האָט יצחק אַ סך געשריבן.

פון די שטוב־שמועסן און דעראינערונגען געדענק איך, אַז יצחק איז געווען אַזש פאַרכאַפּט פון דער „ווילדשיינער קראַסאַוויצע", ווי ער האָט באַצייכנט שווייץ. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, אַלס קינד פון דעם פלאַכיקן ווייסרוסישן און פּוילישן לאַנד האָט ער אַ פאַרגאַפּטער געקוקט אויף די חוצפהדיקע בערג, וועלכע מישן זיך אויס, אַזוי ווי נישט זיי מיינט מען, מיט די העכסטע ווייסינקע וואָלקנס און רייסן זיך דרייסט אַריין אין די וויטסטע הימלען...

יצחק, אַלס דער שטענדיקער ענטוזיאַסט פאַר אַלץ, וואָס איז שיין, איז גלייך צוגעשטאַנען צום נאַציאָנאַלן ספּאָרט־וועזן. ער האָט זיך אָנגע־שלאָסן אָן אַ גרופּע אַלפּיניסטן און מיט זיי צוזאַמען אָנגעהויבן צו קריכן הויך, הויך, מיט דער הילף פון שטריק דאָרט אַרויף, וווּ ס'ענדיקט זיך דער זומער, פרילינג און אַפילו האַרבסט, וווּ ס'פאַרשווינדן אַלע גרעניצ־לעך און ס'הערשט דער אייביקער ווינטער, דער אַלטיטשקער זיידע, וועל־כער שלאָפט תמיד אויף די ווייסע, הויכע שנייאיקע פערינעס.

דאָרט גייט מען שוין נישט מיט די פיס, דאָרט טוט מען אָן אויף זיי לאַנגע ברעטלעך, „סקי" און אויף די דאָזיקע גליטשט מען זיך און מען פליט אַראָפּ, פּשוט ווי פייגעלעך...

— „ווען איר זעט, ווי מ'פליט אין די הויכענישן פון איבער צוויי און דריי וויאָרסט (קילאָמעטער), מענטשן ווי פייגעלעך, וואָס אַ מענטש קען אַלץ באַווייזן! כ'האָף, אַז קירצלעך וועט מען אַזוי פליען אין אַראָ־פּלאַנען, אַפילו קיין ארץ ישראל"...

וועלנדיק אַריינדרינגען אין די איינדריקן פון די אַלפּיניסטן, האָט יצחק, במשך פון אַ לענגערער צייט, מיטגעמאַכט זייער לעבן. ער איז גע־

וואָרן, לויט זיין הומאָרפולן אויסדרוק, אַ „הויכגעשטעלטע פּערזענלעכ־קייט".

אָבער די „הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייט" האָט געמוזט מיטמאַכן דעם וועג פון אַלע עולים, וועלכע ענדיקן לסוף ווי יורדים. און היות אַ יורד איז שווערער צו זיין, איז זיין דאָזיקער ירידה־וועג געווען נישט קיין „פויגלדיקער". ער האָט גענדאַרפט גומל בענטשן, וואָס ער איז נאָך אַרויס מיטן גאַנצן פעקל ביינער...

דאָס איז געשען דעמאָלסט, ווען ער האָט זיך שוין געהאַט געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן מומחה אין באַרג־קריכעריי, ד"ה פאַר אַן אַלפּיניסט. ער האָט מיט שמייכל געקלעטערט „צו די הימלען". פּלוצים האָט ער באַקומען אַ קאָפּשווינדל און איז אַראָפּגעפאַלן, אָבער אַזוי מזלדיק, אַז ער איז בלויז אָפּגעקומען מיט אַ... לונגען־אויפרייסלונג, וואָס האָט אים צוגעשמידט צום בעט אויף עטלעכע וואָכן. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אונדז אין לאָדזש האָט מען זיך דערוווסט דערפון ערשט נאָך זיין צוריקקומען אַהיים.

איידער ער האָט אָנגעהויבן אַרומצווייזן איבער די שווייצאַרישע קאַנטאָנען, האָט ער אַרויסגערופן יצחק טאַבענקין, כדי מיט אים צוזאַמען צו טיילן זיך מיט אַלע איינדריקן און איבערלעבונגען. צו יענער צייט איז טאַבענקין אַנטלאָפן פון דער רוסישער תפיסה קיין אויסלאַנד. ער האָט זיך באַזעצט אין קראַקע, שטודירנדיק אויף דער דאָרטיקער אוניווערסי־טעט.

טאַבענקין האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און איז געקומען צו יצחקן צו גאַסט קיין גענף. שווייצאַריע איז אין יענע יאָרן געוואָרן דער צענ־טראַלער אָרט פון קאַמף און טעטיקייט פאַר די רעוואָלוציאָנערע כוחות פון דער גאָרער וועלט. פון דאָרט זענען אויסגעוואַקסן אַלע פרייהייטס־באַוועגונגען, פון דאָרט זענען געגאַנגען פעדים פון דער אָנקומענדיקער ערשטער און צווייטער רוסישער רעוואָלוציע, ווי אויך פאַר אַנדערע איי־ראָפּעאישע לענדער. צענדליקער און צענדליקער פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אָנגעצייכנט דעם היסטאָרישן וועג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און פאַר מזרח־אייראָפּע בפרט: פּלעכאַנאָוו, דער פאָטער פון די מאַרקסיס־טישע לימודים, לענין, אַקסעלראָד, פּאָטרעסאָוו, מאַרטאָוו, און נאָך און

נאָך אַנדערע — אַלץ אין דער שווייץ. עס פֿלעגן איבער גענף און אַנ־דערע שווייצאַרישע שטעט אַרומגיין גאַנצע לעגענדעס וועגן די דאָזיקע גדולים. מען האָט דערציילט ווי דער „גוטער רוס מיטן בערדעלע", לענין, פֿלעגט זיך אַרומרינגלען מיט קליינוואַרג, זיי פֿאַרטיילן זיסקייטן און די קינדערלעך פֿלעגן זיך נאָך אים נאָכיאָגן אויף זיין גאַנצן וועג פֿון דער שטוב ביז צו דער ביבליאָטעק.

אונדזער יצחק מיט יצחק טאַבענקינען האָבן געוווינט אַ צייט אין דעם שפּרודלדיקן קעסל פֿון רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין גענף. זיי האָבן זיך ביידע אויסגעהאַלטן פֿון איין פּענסיע, וועלכע אונדזער יצחק האָט באַקומען פֿון לאָדזשער פֿאַבריקאַנטן־פֿאַראיין אַלס ליטעראַרישע סטיפּענדיע. מען האָט צוזאַמען געוווינט אין איין קליינעם צימערל. זייער הויפּט שפּייז איז געווען ווינער־וווּרשטלעך און קעז מיט ברויט.

אָבער דערפֿאַר האָט מען געגאָסן פֿון קולטור מיט דער פֿולער מאָס. יצחק האָט באַזוכט אַלע היסטאָרישע ערטער, מוזעען, ביבליאָטעקן, טעאַ־טערס, די באַרימטע שווייצאַרישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן. דער מוסטער פֿון דער באַרימטער פּעסטאַלאָצצי־שולע, די נאָכפֿאָלגערין פֿון דער זשאַן־זשאַק רוסאָ־טעאָריע, האָט יצחקן שפּעטער געדינט פֿאַר זיין דערפֿאָלגרייַ־כער יידישער דערציאונגס־טעטיקייט אין לאָדזש.

יצחק פֿלעגט אונדז דערציילן וועגן געבורטס־אָרט פֿון ווילהעלם טעל, דעם ריזיקן טעאַטער־סטאַדיום, וועלכער פֿונקציאָנירט דאָרט אויפֿן נאָמען פֿון שווייצאַריעס נאַציאָנאַלן פֿרייהייטס־קעמפֿער. ביי דעם דאָזיקן באַ־רימטן פֿאָלקס־טעאַטער געפֿינט זיך אַ מוזיי, וווּ ס'ווערן באַהאַלטן, ווי הייליקע רעליקוויעס, דער שיסבויגן, מיט וועלכן ווילהעלם טעל האָט אַראָפּגעשאָסן דאָס עפּעלע פֿון זיין זונס קאָפּ. אין דעם דאָזיקן טעאַטער ווערט איינמאָל יערלעך, אין דעם העלדס געבורטס־טאָג, אויפֿגעפֿירט שי־לערס היסטאָרישע ווערק „ווילהעלם טעל".

באַוווּגן קודם כל דורך טאַבענקינען, האָט יצחק געגאָסן אין דער שווייץ אין דער פֿולער מאָס אויך פֿון דעם פֿולסירנדיקן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, וואָס האָט געהערשט צווישן די אימיגראַנטישע קרייזן.

אונדזער יצחק האָט זיך קיינמאָל נישט אָנגעשלאָסן אין קיין שום

פארטיי. כאטש מיט זיין פולן הארצן א פרייהייטס-דורשטיקער, איז ער נישט געווען דעצידירט צו דעפינירן זיין ספעציעלע שאטירונג. אויב ס'קען באשאפן ווערן דער באגריף פון דער פארטיי פון אהבת ישראל מיט חיבת און שיבת ציון — איז ער געווען פון דער דאזיקער.

באגייסטערט פון דער מאגנעטישער געשטאלט פונעם שאפער פון דער רענעסאנס-באוועגונג, האט יצחק באזוכט באזעל, די שטאט, ווו ד"ר הערצל האט געלייגט יסודות פאר דער יידישער מדינה.

יצחק פלעגט צוזאמען מיט זיין קוזין באזוכן אלע מיטינגען און ביי־געווינט די עפנטלעכע דיסקוסיעס וועגן טעאריע און רעאליזירונג פון דער רעוואלוציע. עס האבן דארט געקעמפט צווישן זיך בארימטע היסטארישע פערזענלעכקייטן, ווארטזאגער פון פעסט דורכגעטראכטע ריכטליניעס און סאציאלע אידעען.

יצחק טאבענקין, שוין דעמאלסט אין זיינע סטודענטישע יארן, א טי־פער טעארעטיקער פון מארקסיזם, מומחה אין דער גאנצער סאציאליס־טישער תורה, פלעגט מיטלעבן מיט די דאזיקע היסטאריע-מאכנדיקע ווי־כוחים צווישן די גרויסע רעוואלוציאנערע מנהיגים. ער פלעגט זיי בייזיין, לויט זיין איינגעבוירענעם כאראקטער, מיט שווייגן און אין זיך א קאנ־צענטרירטער. איבערהויפט איז ער געווען פון קינדוויז אויף זייער א שע־מעוודיקער. מ'פלעגט ביי אונדז דערציילן, אז ער האט געהאט א שיינע שטים, פאר פרעמדע מענטשן אבער האט ער קיינמאל נישט געוואלט זינגען. ביז איינמאל האט זיין טאטע ר' משה געפונען אן המצאה. ער האט דעם שעמעוודיקן יצחקן געשטעלט אויף א שטול מיטן פנים צו דער וואנט און אזוי ארום ביי אים געפועלט דאס שיינע זינגען.

אין זיינע יוגנט-יארן האט ער באהאלטן די דאזיקע שעמעוודיקייט און קיינמאל נישט געווען קיין איינרייסער און פארטייאיש זיך נישט גע־שטופט אויף די פאדערשטע פאזיציעס. פלעגט ער אבער יא זיך באטיי־ליקן אין א דיסקוסיע און נעמען א ווארט, פלעגט ער דעם גאנצן עולם צו־שמידן צו זיך און מ'פלעגט אים אויסהערן מיט דער גרעסטער שפאנונג. זיין פנים פלעגט דערביי באקומען א מיסטישן אויסדרוק. יצחק האט אונדז דערציילט, אז טאבענקינס אויסדרוק בעת די דאזיקע ארויסטרעטונגען,

פלעגט זיין פון אַ נביא, דעם יושר־זוכנדיקן, דעם יידיש־פילנדיקן... ער פלעגט פאַרביטערט פאַרטיידיקן דעם שטאַנדפּונקט פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, אונדזער באַרעכטיקטקייט צו פאַרנעמען אַ פרייען פלאַץ אין אונדזער פרייען לאַנד. זיינע גרינגרויע אויגן האָבן געלויכטן מיט יושר און אמונה. ער האָט געשאָטן מיט קריסטאַלריינע, פערלדיקע געדאַנקען, זיין גאַנצע געשטאַלט איז געווען אַזוי ווירקזאַם און פול מיט אמת, אַז די אוידיטאָריעס פלעגן ווערן באַגייסטערט.

אויף דער צוריקרייזע קיין לאָדזש האָט יצחק באַזוכט די קונסט־שטאָט מינכען און בערלין, וווּ ער האָט זיך באַקענט מיטן געניאַלן יידיש־דייטשן בינע-קינסטלער מאַקס ריינהאַרדט, וואָס האָט אים שטאַרק משפּיע געווען פאַר זיין ווייטערדיקער טעאַטער־טעטיקייט.

קאפיטל 26

הערשעלע

איינמאָל, דורכגייענדיק דורך א הויף, אויף וועלכן ס'האָבן דעבויר־טירט אייניקע פון די אומצאָליקע הויף־טרובאדורן, די דאָזיקע פאָלקס־זינגער, וועלכע פלעגן שאַפן דעם שטייגער און דעם ניגון, האָט זיך יצחק אָנגעשטויסן אויף א קליין פארשוינדל, וועלכער איז געשטאנען מיט א קליין ביכעלע און מיט דראָבנינקע אותיותלעך אריינגעשריבן אייליק יע־דעם וואָרט פונעם הויף־זינגער.

א פאראינטערעסירטער, האָט זיך יצחק אָפּגעשטעלט און צוגעקוקט צום שרייבער: א נידעריקער, מיט קורצע פיסעלעך און קליינטשינקע הענטעלעך, מיט א קליין פייגלשן קעפּעלע, קליינע גרינע, פארוויינטע איי־געלעך, מיט א גלאטן קאָפּ העלע האָר, פארקאמט פון פאָרנט מיט א שרונד. יצחק האָט אים געפרעגט:

— ווער זייט איר?

— אַן עם-עס!...

יצחק האָט זיך שטארק צעלאכט און צוגעגעבן:

— מן הסתם אויך א טרינק־טרינק?...

דער פארשווין האָט געענטפערט:

ניין, איך בין נישט קיין שיכור! כ'בין א פאָלקס-דיכטער, דער יידי־שער קאָלצאָוו! איך שרייב אַליין און זאמל פאָלקס-לידער... מיין נאָמען איז הערשעלע! הערשעלע דאניעלעוויטש!...

ווי ס'איז געווען זיין טבע, האט יצחק שוין הערשעלען פון זיך נישט אפגעלאזט. ער איז מיט אים אריין אין א שענק און דארט האט ער אויס־געהערט הערשעלעס לידער. ער האט אים צוגעזאגט, אז ער וועט אויס־פועלן, אז מ'זאל אים דרוקן אין „לאדזשער טאגעבלאט" און מ'וועט אים דערפאר אפילו באצאלן!...

א מאדנער פריידיקער געגוס פלעגט יצחקן באהערשן, ווען ער פלעגט אנטדעקן א נייעם טאלאנט, אים קענען שטיצן מאראליש און מאטעריעל. ער האט קיינמאל נישט געקרענקט אויף דעם קאמפלעקס פון קנאת סופ־רים, אזא אפטע דערשיינונג ביי שרייבער.

יצחק האט הערשעלען געבראכט צו אונדז אין שטוב און ער איז שוין ביי אונדז געווארן א בן־בית, אויפריכטיקער געזאגט, א קעסטקינד. היות ער איז תמיד געווען אן ארבעטסלאזער און א שטענדיקער נצרך, פלעגט מען פאר אים מאכן זאמלונגען צווישן באקאנטע. „הערשעלען דארף מען קויפן דאס, הערשעלע דארף האבן יענץ, הערשעלען דארף מען נעבעך ארויסשיקן אויף א דאטשע...

דער רעדאקטאר פון „לאדזשער טאגעבלאט", דער קדוש ישעיה אוגער, האט איינמאל געזאגט:

— ווייסט וואס, קאצענעלסאן? צוליב הערשעלען אליין לוינט זיך שוין אין לאדזש צו גרינדן א ליטעראטן־פאראיין מיט א הילפס־פאנד.

מיט דער הילף פון דעם רייכן מעצענאט הירשפעלד, איז לויט יצחקס ביטע ארויסגעגעבן געווארן די ערשטע זאמלונג פון הערשעלעס לידער. א קרוב פון דעם דאזיקן הירשפעלד, זלמן הירשפעלד, איז אין בוענאס־איירעס א באקאנטער ארטיסט און קולטור־טוער.

עס האט זיך געמאכט, אז גלייך נאכן דערשיינען פון הערשעלעס בוך האט יצחק געמאכט אן אויפנאמע פאר חברים און פריינט, צוליב דוד פרישמאנס קומען קיין לאדזש. געוווינט האט פרישמאן ביי אונדז.

כ'געדענק א מוצאי שבת, ווען ס'האבן זיך ביי אונדז צונויפגעזאמלט א סך געסט און יצחק האט פאר זיי פארגעשטעלט, ספעציעל פאר פריש־מאנען, זיין נײַ אויסגעפונענעם שטערן — הערשעלען. יצחק האט אנגע־זאגט, אז ער רופט זיך דער יידישער קאלצאוו און אים איינגעלאדן פאר־

צוליייענען פאר די פארזאמלטע. הערשעלע פלעגט זיך נישט לאזן לאנג בעטן. ער פלעגט אלעמאל זיך שפילן מיט א קייטעלע פון א גרויסן זיל־בערנעם זייגער, וואס זיין פארשטארבענער פאטער, א ניקאלאיעווער אויס־געדינטער סאלדאט, האט אים געהאט איבערגעלאזט בירושה. זיין טאטע האט עס באקומען נאך 25 יאר אפדינען דעם צאר, און האבנדיק אביסל פאנטאזיע, האט ער באשלאסן צו קומען צוריק אין שטעטל מיט א יקר המציאות. פאר איין קערבל האט ער אפגעקויפט ביי א שיכורן פעלדפעבל זיין זייגער, אויף וועלכנס דעקל איז געווען אנגעשריבן „זא אטלישטשנויו סטריעלבו", כאטש ער אליין פלעגט, אנשטאט אין ציל, דורכלעבערן די הימלען.

מ'פלעגט טאקע לאבן: „הערשעלע, דער פלאקנשיסער בירושה..." דערמיט פלעגט מען כאראקטעריזירן אים, אלס קלאסן קעמפער פון די „עס-עס". ער פלעגט מיט פייער פארטיידיקן זיין פארטיי-מנהיג, ישראל זאנגוויל און אייפעריק מיטארבעטן ביים ארומטראגן און פונאנדערצו־שפרייטן „ליטעראטור" אויף די קאנספיראטיווע פארזאמלונגען און „ביר־זשעס".

מיטן מעשענעם קייטעלע פון זיין זילבערנער „ציבעלע", פלעגט ער זיך תמיד שפילן און דרייענדיק עס ארום זיינע דיקע קורצע פינגער און אויסגעביסענע נעגל, בורטשען אונטערן נאז: „כאפט אים דער וואטנמא־כער... נו כאפט אים שוין דער וואטנמאכער..."

יענעם אוונט, בעת יצחק האט געזאגט: — הערשעלע, דעקלאמיר דיי־נע לידער פאר פרישמאנען, — האט הערשעלע, ארויסלאזנדיק דאס קיי־טעלע פון צווישן זיינע פינגער, אויסגעברומט:

— כאפט אים דער וואטנמאכער...

פרישמאן איז אויפגעשפרונגען און נערוועאיש אויסגעשריגן:

— וואס? וואס שפרעכן זי? וואס פיר וואטנמאכער?...

אלע האבן מיט א הילכיקן געלעכטער פארזיכערט פרישמאנען, אז הערשעלע מיינט נישט אים, נאר ער שילט עס דעם פאבריקאנט פון וואַ־טע, וואס האט לעצטנס הערשעלען „ארויסגעשמיסן" פון דער פאבריק; איצט דארף מען זען אים צוריק „ארייגשמייסן" אהין מיט כוח.

דער אינצידענט איז צו אַלעמענס צופרידנקייט און פול מיט הומאָר דערליידיקט געוואָרן. הערשעלע האָט פון אַ זייטיק טעשעלע אַרויסגע־צויגן אַ קליין ביכעלע מיט געדיכטע פּיטשינקע אותיותלעך און מיט אַ וויינענדיקן קולכעלע, מיט אַן אויסדרוק פון אומעט און פּיין, וועמענס טאָן איז אגב געווען גוט צוגעפּאַסט צום תוכן פון זיינע לידער, אָנגעהויבן צו רעציטירן. פרישמאַנען האָבן אַ סך לידער זיך אויסגעוויזן פאַר נישט דרוק-פעאיק, דאָך האָט ער הערשעלען צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים שטיצן.

הערשעלע האָט מיט פאַרוויינטע דאַנקבאַרע אייגעלעך זיין ביכעלע אַריינגערוקט אין אַ טאַש און ווידער מעכאַניש אויסגעבורטשעט:

— כאַפּט אים דער וואַטנמאַכער... — וואָס האָט ווידער אַרויס־גערופן אַ שאָס פון געלעכטער.

דער בעל־שמחה אַליין, הערשעלע, איז געווען אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניג: אַ שמאָלן רעקל, לאַנג, ביז די קני און ברייטע הויזן, וועל־כע האָבן אויסגעזען ווי קאַזאַצקע שאַראַוואַרן אָן בענדלעך.

פרישמאַן, וועלכער איז געווען אַ באַרימטער עסטעט און אַליין גע־גאַנגען אָנגעטון ווי אַ „טעקעלע”, האָט הערשעלען געפּרעגט פון וואַנען נעמט זיך צו אים דער דאָזיקער משונהדיקער מלבוש פון אַן אמתן פּורים־שפּילער. אויף דעם האָט הערשעלע אים געענטפערט:

— כאַפּט אים דער וואַטנמאַכער! סעגאַלאָוויטש איז אַ דראָנגאַל און יצחק איז אַ פּאַס! דערפאַר בין איך חצי סעגאַלאָוויטש און חצי קאַ־צענעלסאָן...

ווי געזאָגט, האָט דער שרייבער און זשורנאַליסטן פאַראיין אין לאָדזש געהאַט עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג שוין בלויז צוליב הערשעלען אַליין. יצחקס ליבלינג, דער באַרימטער מאָלער הענעך באַרטשינסקי, וועגן וועמען ס'וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן, האָט אַמאָל אָנגעהויבן צו מאָלן אַ בילד פון באַלוטער אָרימקייט, אונטערן נאָמען: „דלות”. צווישן דער גרופּע פון ליידנדיקע פּנימער איז אַרויסגעשוווּמען אויך... הערשע־לע. באַרטשינסקי האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט דערביי נישט געהאַט קיין שום כוונה, הערשעלע האָט זיך, בפירוש אינסטינקטיוו, אַרויסגעריסן פון אונטער זיין פּענדזל.

הערשעלע, דער סימבאָל פון דלות, האָט אים רעפּרעזענטירט מיט זיין גאַנצער „צנאָטקע”, דעם נעבעכדיקן פּנימל, פאַרוויינטן קולכעלע. ער פלעגט נאָך דערביי שטאַרק אונטערשטרייכן זיין אָרימען אָפּשטאַם, ווי ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַ קעלער, אין וועלכן מ׳פלעגט בעת רעגנס שווימען אין וואַסער.

אַן אמת לאָדזשער קינד, געבאָרן און דערצויגן אין סאַמע מיט פון לאָדזשער דלות־קווארטאַל, באַלוט, האָט הערשעלע געהאַלטן זיך פאַר אַן אויסדערוויילטן, פאַר אַ בן־יחידל צווישן דער לאָדזשער ליטעראַטן־מש־פּחה. ער פלעגט טאַקע פאַרזאָרגן אַלעמען מיט דאגות און תמיד געהאַט טענות און תרעומות. פון זינט יצחק האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון זיין עובדה אַלס זאַמלער פון הויף־פאָלקלאָר און פאַרגעשטעלט פאַר זיינע חברים, איז הערשעלע געוואָרן די צענטראַלע פיגור פון די פּראָבלעמען פון לאָדזשער שרייבער און זשורנאַליסטן־פאַראיין.

און אַ בעל קנאה איז ער געווען אַ גרויסער — דער קליינינקער הער־שעלע! ביים ערשטן ברוך הבא נאָך יצחקס צוריקקער פון דער שווייץ האָט ער אים שוין אויפן וואָקזאַל געמאָלדן:

— יצחק, איך האָב אויך באַשלאָסן צו פאָרן אַהין, איר דאַרפט פאַר מיר אָרגאַניזירן אַן אָוונט!...

יצחק, אַ פריילעכער, אַן אויסגעבענקטער נאָך אַלעמען, אפילו נאָך הערשעלעס פאַרוויינטן פּנימל און קוויטש־קולכעלע, האָט אים גוטמוטיק צוגעשטימט און צוגעזאָגט אפילו צו געבן אַ לעקציע, ווי צו פאָרן אויף די לאַנגע ברעטלעך און זיך... נישט צעברעכן די הענט און די פיס.

נישקשה, הערשעלע, וועסט ביי מיר ווערן אַן אַלפּיניסט און אַרויפ־קריכן אויף דער יונגפרוי!...

דער געדאַנק און בילד, אַז הערשעלע וועט ווערן אַזאַ געוואַגטער אַל־פּיניסט האָט געמאַכט הייטער אפילו אונגערן, וועלכער האָט נישט איבער־ריק ליב געהאַט הערשעלען.

עטלעכע וואָכן האָט זיך יצחק מתעסק געווען מיט די טעכנישע און פּראָגראַם־צוגרייטונגען צו הערשעלעס אָוונט. ער האָט צוגעהאָלפן, אַז הערשעלעס אידעע וועגן אַ קאָלעקטיוון אויפטריט פון צען שרייבער זאָל

פאַרווירקלעכט ווערן. דער העלד פונעם צוקינפטיקן אָוונט איז בכבודו ובעצמו געווען דער הויפּט פאַרשפּרייטער פון די בילעטן.

— מענדעלען האָט געפּאַסט צו פאַרקויפן ביכער, פּאַסט מיר אויך צו פאַרקויפן בילעטן, פון וועלכע כ׳וועל האָבן געלט אויף צו שרייבן ביכער!

מיט זיין וויינענדיקן קוויטש פלעגט ער פּרובירן אַלעמען צו איר־בערצייגן:

— וואָס זאָגט איר? גאָט איז מיט אייך!... פּופצן גילדן איז צו טייער? אַ גאַנצער מנין דיכטער וועלן ביי מיר אויפטרעטן! ס׳מאַכט דאָך אויס בלויז אַ גילדן פּאַר אַ פּאָעט!....

און ס׳איז אין שטעטל אַוועק אַ גאַנג: „אַ גילדן פּאַר אַ פּאָעט!...״

צום באַשטימטן טערמין האָט מען אין „הזמיר״ אויף פּראָמענאַדע־גאַס, געמאַכט פּאַר הערשעלען דעם באַרימטן ליטעראַרישן אָוונט, אויף וועלכן אַ מנין דיכטערס און שרייבערס זענען אויפגעטראָטן מיט זייערע אייגענע, אָריגינעלסטע שאַפונגען: זוסמאַן סעגאַלאָוויטש מיט אַ גרויסער ווייסער בלום אין לאַץ, יואל מאַסטבוים, קאַווע, סטאַווסקי, אויערבאַך, זשיטניצקי, ניימאַן, שמולעוויטש און צבי כהן.

פאַרשטענדלעך, אַז דער צענטער צום מנין איז געווען דער בעל־שמחה אַליין. דער גרויסער עולם פון „קיביצערס״ האָט אים אויפגענומען מיט אַ גרויסער אָוואַציע, בפרט אַז ער איז דערשינען עלעגאַנט אָנגעטון, אין די נייעסטע גלייכע טיילן פון די בגדים פון זיין שטענדיקן פּאַסאָן „אַ לאַ קאַצענעלסאָן־סעגאַלאָוויטש״. ער האָט אָפּגעווײנט עטלעכע לידער פון זיין דערשינענעם בוך און קיביצערס אין זאַל האָבן מיטגעוויינט מיט אים, כאָטש די שטימונג איז געווען לחלוטין נישט קיין טרויעריקע. אין קעגנטייל, אַ סך מענטשן האָבן שוין נישט געהאַט קיין זייטן פון אַזוי פיל לאַכן און געמוזט פאַרלאָזן דעם זאַל... מען האָט זיך געוויצלט: „וואָס וועט טאָן דער קליינטשינקער הערשעלע צווישן די הויכע בערג? הערשע־לע וועט זיך אַרויפדראַפּען אויף דער יונגפרוי אַליין! אַ קשיא אויף הער־שעלען!״

אָבער אַ תכלית דערפון איז געווען: מ׳האָט אים געמאַכט אַ שיינע

עטלעכע הונדערט רובל, א סומע, ווענן וועלכער הערשעלע אליין האט ניט געחלומט.

הכלל, הערשעלע איז געפארן אויף א לוסטרייזע אין דער שווייץ.

***

אין לאדזש פלעגט אפט אראפקומען אויף קאנצערטן די ווארשעווער פילהארמאניע מיט די באקאנטסטע דיריזשארן פיטלבערג, בירנבוים, שולץ א"א. די דאזיקע קאנצערטן האבן געדינט אלס צוזאמענקונפט פאר דער סמעטענע פון גאנץ לאדזש. היות די בילעטן זענען געווען „גוואל-דאוונע" טייער, האט זיך די אמתע סמעטענע געשפיגלט פון דער גאליאר-קע אין דעם ים פון די בלישטשענדיקע פליכן פון דעם פארטער. דארט, אויף דער גאליארקע, פלעגט יואל מאסטבוים צווישן דער חברה, אין די אנטראקטן, פאראוים אויסזינגען מיט אלע אימיטאציע-פיטשעווקעס די סימפאניעס פון בעטהאווען, וואגנער, מעער-בער אא"וו. יצחק, אגב זייער א מוזיקאלישער, פלעגט זאגן: „אין פארגלייך מיט מאסטבוימען ביז איך מוזיקאליש, פונקט ווי א הונט, וועלכער בילט אויף זיין סימפאניע צו דער לבנה".

קוריאז איז געווען מיין צוזאמענטרעף מיט מאסטבוימען, ווען ער איז דאס ערשטע מאל געקומען צו אונדז אין שטוב, טאקע צו הערשעלעס אוונט. ער האט געמוזט א לאנגע ווײלע אפווארטן, ביז יצחק איז גע-ווארן פריי פון א וויכטיקן באזוך. ער איז אויגנשיינלעך געווען אומגעדול-דיק, שפאצירט איבערן עס-צימער, ווו כ'בין ביי א פענצטער געזעסן און געמאכט לעקציעס, שפעטער האט ער אנגעהויבן צו ברומען בעטהאווענס ניינטע סימפאניע, אבער אזוי פערפעקט, אז איך האב זיך א קער גע-געבן צו אים און אנגעהויבן געווי צו אבסערווירן. זינגענדיק אזוי, מיט דער אימיטאציע פון אלע אינסטרומענטן פון אן ארקעסטער, איז ער דער-ביי ארומגעגאנגען ארום דעם צימער און אויפמערקזאם באטאפט דאס גע-מאלעכץ פון די ווענט, טירן און פענצטער. לסוף האט ער זיך אפגעשטעלט נעבן מיין טישעלע און געבעטן, אז כ'זאל אריינגיין צו יצחקן און פרעגן, ווי לאנג וועט ער נאך זיין פארנומען.

איך בין פריילעך אַריינגעלאָפן צו יצחקן און אים געזאָגט, אַז איי־נער, מיט אַ גרויסער שוואַרצער טשופּרינע, וועלכער זינגט זייער שיין, און דערביי טאַפּט ער די ווענט, פרעגט אויף אים. יצחק האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער:

יואל! יואל מאַסטבוים! ער טאַפּט אַ וואַנט, ווייל ער איז אַ וואַנט־מאָלער!...

יצחקס רעכטע האַנט ביים אַרויסהעלפן אָרימע שרייבער אויף אַ פּרי־וואַטן אופן, בסתר, און נישט דורך אָפיציעלע דרכים, איז געווען אַ בחור מיט אַלע מעלות, אַ שיינער, אַ רייכער און אַ גוטער — משה בראָדערזאָן, וועלכער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אויסצופורעמען אַלס דיכטער. ער האָט אָנגעהויבן שפּעט צו שרייבן, אָבער איידער ער האָט עס געטאָן, פלעגט ער תמיד פאַרברענגען אין זייער סביבה. דער אמת איז אָבער גע־ווען, אַז ער האָט יאָ געשריבן, אָבער נישט אויף יידיש, ווייל זיין הויפּט־שפּראַך, וועלכע ער האָט באַהערשט, איז געווען רוסיש. שוין אַלס דער־וואַקסענער בחור פלעגט ער ביי אונדזער פאָטער לערנען יידיש און העב־רעאיש.

ווען שניאור איז געקומען צו דער אויפפירונג פון יצחקס פּיעסע „606", איז נאָך משה בראָדערזאָן געווען אַ „צוציק", מיט וועלכן בעלי גאווה האָבן זיך נישט גערעכנט. זלמן שניאור, וועלכן מ'האָט פאַר אַ גרויסהאַלטער, איז באמת קיינמאָל נישט געווען קיין „קלעפּיקער", אָבער פלעגט ער זיך יאָ צו עמיצן צוגעוווינען און דאָס איז געווען צו ביאַ־ליקן און צו יצחקן, איז עס געווען אַ פריינטשאַפט אויפן גאַנצן לעבן. שניאורס פריינטשאַפט צו יצחקן איז געווען אַ טיף־אומבאַרירטע בעת זיין גאַנצן לעבן. אויך איצט איז ער אים געבליבן געטריי, אפילו אין זיין פינצטערן קבר, אויב אַזאַ איז ערגעץ בנמצא...

משה בראָדערזאָן האָט זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסער מאָס אמביציע און חשק צו זיין באַמערקט. דערצו פלעגט ער אויסזוכן פאַרשידנערליי בגדים און אפילו צירונג, כדי צו זיך צו רופן אויפמערק־זאַמקייט. ווער געדענקט נישט בראָדערזאָנס ריזיקע ווייסע קאַמייע, וועל־כע ער פלעגט טראָגן אין מיטן פון קראַוואַט און שפּעטער אַלס פינגערל?...

ער האָט זיך ארומגעטראָגן מיט א הארץ אויף שניאורן, הלמאי טוט ער נישט אים באמערקן. פאר יצחקן, וועלכער איז געווען באקאנט מיט זיין ליבע צו שניאורן, האָט אים נישט געפאסט זיך צו באקלאָגן, האָט ער זיך פאר אונדז, די קלענערע בני בית, אראָפגערעדט פון הארצן:

— וואָס איז ער אזוי גרויס ביי זיך? ער מיינט, אז ער איז שוין טאקע אויפן אָלימפּ? איר וועט זען, איר וועט זען! נאָך א ביסעלע, וועל איך ווערן נאָך בארימטער פון שניאורן...

יצחק, וועמען מיר האָבן דאָס דערציילט, איז בראָדערזאָנס אַמביציע זייער שטארק געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך ארויסגעזאָגט, אז אַן אמתער טאלאַנט מוז, פונקט ווי א געצוימטער שטראָם וואסער, סוף כל סוף ארויסשפּראָצן, נישט קוקנדיק אויף די גרעסטע מניעות.

שלום אש, וועלכער פלעגט זיין גאַנץ לעבן זיך באַמיען אָפּצוטון סענסאַציאָנעלע שטיקלעך, דער אמתער „אנפאן טערריבל" פון דער יידישער ליטעראטור, האָט דעמאָלסט געהאלטן ביי איינעם פון זיינע סקאַנדאלן פון זיין אָפּאָזיציע קעגן ברית מילה. כ'געדענק, ווי יצחק פלעגט זיך קעגנשטעלן דעם שטורעם פון אויפברויז קעגן אשן, טענהנענדיק:

אש איז אַן אומגעהויערער טאלאַנט, א ריז! אז אש באשרייבט א ברויט, מאכט ער פון אים דעם אויסזען און טעם פון לעקאך...

נאָכן בארימטן הערשעלעס אָוונט: „א גילדן פאר א פּאָעט", האָבן זיך א סך שרייבערס אראָפּגעלאָזט קיין לאָדזש צו העלפן זיי בכלל און אפילו אויך צו פאָרן קיין שווייץ. יצחקס שם, אלס אפּוטרופּוס פון די נצרכים, האָט זיך אריבערגעטראָגן ווייט איבער די גרעניצן פון לאָדזש.

איינער פון די דאָזיקע איז געווען אויערבאך. ער איז אראָפּגעקומען פון ווארשע און זיך באזעצט, נישט אָנפרעגנדיק אפילו קיין הסכמה, ביי יצחקן. פונקט ווי זיין שטוב וואָלט באמת געווען דער בית סופרים, די אָפיציעלע היים פון לאָדזשער שרייבער און זשורנאַליסטן־פאראיין. א מענטש א פארביטערטער, מיט טענות צו דער גאַנצער אומגערעכטער וועלט, האָט ער קודם כל געהאלטן אין איין מסורן אויף דער ווארשעווער שרייבער־משפחה.

אויף יצחקס פאראינטערעסירן זיך וועגן דער טעטיקייט פון די פירנ-

דיקע חברים פון דאָרטיקן פאַראיין האָט אויערבאַך, מיט גאַל געענט־פערט: „ביטער, ביטער! פּרץ איז קראַנק, פרישמאַן האָט מיט זיין אישה אייגענע צרות און אַש פירט איצט מיט זיין אייגענער פלוניתטע אַ ליבע אויף די בערג פון דער שווייץ, ווו זיי רוען זיך אָפּ...

יצחק האָט באַקענט אויערבאַכן מיט ישראל ליכטענשטיין, וועלכער האָט אים „צוגעשאַנצט” אַ גוטע „קנעלאַכץ”. פלעגט אויערבאַך תמיד האָבן טענות צו ליכטענשטיינען. פאַרוואָס עפּעס דאַרף ער איבערהויפּט פאַרשוואַרצט ווערן אויף לעקציעס און אויב יאָ, פאַרוואָס זעט ער נישט צו באַווירקן דעם גביר אדיר, אַז ער זאָל אים כאָטש אָפּגעבן על פּי דין מעשר פון זיין עשירות. איינמאָל האָט ליכטענשטיין, וועלכער איז געווען אויף דער בונדישער טריבונע אַ טיגער, אָבער אין פּריוואַטן לעבן מילד ווי אַ שעפּסעלע, שאַרף געענטפערט:

הערט, אויערבאַך! איר ווייסט דאָך, אַז מיין השפעה דערגרייכט קוים די אַרבעטער־מאַסן! הלמאי איר, וועלכער קען איינרעדן אפילו אַ מאַנס־פאַרשוין אַ קינד אין בויך, זעט נישט צו באַווירקן אייער בורזשוי?...

אויערבאַך, וועלכער האָט מורא געהאַט פאַרן געשליפענעם צינגעלע פון דעם „אַרבעטער־פאַרפירער”, ווי ער פלעגט ליכטענשטיינען רופן, האָט גלייך געענטפערט:

שולדיק איז קאַצענעלסאָן! אנשטאָט צו מאַכן אַן אָוונט פאַר הער־שעלען, האָט ער דאָס פאַר מיר געדאַרפט טון, וואָלט איך איצט אין דער שווייץ צוזאַמען מיט אַשן געקראָכן אויף די בערג צו דער יונגפרוי...

קאפיטל 27

דער מחנך הדור

צום סוף פון 19-טן יאָרהונדערט האָט לאָדזש פּראָגרעסירט חוץ אין ווירטשאַפטלעכער, אויך אין קולטורעלער הינזיכט. איך וויל דאָ בלויז אַביסל באַרירן דאָס שולוועזן, ווייל ס'וועט מיר נאָך אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען אויסקומען אַ סך דערפון צו רעדן.

מיטן מעכטיקן שטראָם פון דער רוסיש-יידישער משכּילישער עמי־גראַציע, האָט מען צו די צענדליקער עקזיסטירנדיקע אַלטפרענקישע חדרים צוגעעפנט רעפאָרמירטע, אין נוסח פון אונדזער פאָטערס חדר מתוקן. באַלד האָבן זיך אויך געגרינדעט נאָרמאַלע עלעמענטאַר-שולן. לויטן אָפּי־ציעלן רעגירונגס-פּראָגראַם אויף רוסיש, מיט מער אָדער ווייניקער יידי־שע לימודים. די דאָזיקע עלעמענטאַר-שולן זענען אויך טיילווייז אָפּיציאַ־ליזירט געוואָרן און געהייסן פּראָגימנאַזיעס. פון די ערשטע זענען געווען פון קרינסקין, וועלכער האָט זיך שפּעטער אריבערגעטראָגן מיט אַ גימנאַזיע קיין וואַרשע, קרעמערס און לעווינס שולעס זענען געווען די באַקאַנטסטע. די פּרויען-שולן פון יאַשונסקי-זעליגמאַן, האָכשטיין, אַב און סאָלאָוויי־טשיק-מאַגאַליע, די עלעמענטאַר-שול, וועלכע כ'האָב באַזוכט, איידער כ'בין אריין אין דער רעגירונגס-גימנאַזיע.

פון זיינע יינגסטע יאָרן און שפּעטער, ווען ער איז שוין אַלס דיכ־טער און שרייבער אנערקענט געוואָרן, האָט יצחק באַשלאָסן און תּמיד זיך אַרויסגעזאָגט, אַז „ער וועט נישט לעבן פון דער פען".

— איר ווייסט, וועלכע קונץ איז די גרעסטע? צו לעבן פון דער יידי־שער קונסט!... ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין קונצנמאַכער, נישט גע־מאַכט קיין אָפּענסיוועס, נישט אימפּאָנירט זיך, מ׳זאָל אים דרוקן, אָדער שפּילן אויף דער בינע. מעגלעך אַז ווען ער וואָלט זיך געהאַט באַגרעניצט בלויז אין די ד׳ אמות פון זיין שרייבערישן טאַלאַנט און זיך ניט געשטיצט אויף דער רומפּולער פּעדאַגאָגישער טעטיקייט, וואָלט ער אפשר נישט אומגעקומען אַזוי טראַגיש.

ער איז כמעט געבאָרן געוואָרן אין אַ שולע, אין דעם טאַטנס חדר מתוקן, ווו ער האָט אַלס קליין קינד שוין געהאַט דעם באַוווסטזיין פון אַ שול אינהאַבער. מיט גרויס חשק און פּעולה פּלעגט ער שוין צו צען יאָר, אַלס קינד באמת, פאַרטרעטן דעם טאַטן, אַלס אויסהעלפער ביי קליינע אָנפאַנגער. אונדזער פאָטער, פאַרליבט אין זיין דערציערישער מיסיע, פּלעגט מיט שטאָלץ אים פאָראויסזאָגן די צוקונפט פון אַ בארימטן פּעדאַ־גאָג, אַזוי לכל הפּחות האָט ער זיך געשניטן. ווען ס׳איז דורכגעפאַלן דער מאַמעס און דעם פּעטערס פּון זגיערזש פּלאַן צו מאַכן אים פאַר אַ ווע־בער־מייסטער, האָט אונדזער טאַטע איבערגענומען די איניציאַטיווע, כדי צו מאַכן פון יצחקן אַ „דיכטער־דערציער". אָט־אָ דאָס איז געווען דער אידעאַל פון אונדזער פאָטער.

ביז זיין צוריקקומען פון דער שווייץ, ד״ה ביז 1911, פּלעגט זיך יצחק אויסהאַלטן פון גוט באַצאָלטע פּריוואַטע לעקציעס אין די פּראָמינענטסטע יידישע משפּחות פון לאָדזש. צענדליקער יוגנטלעכע האָבן מיט התלהבות, וועלכן יצחק האָט באַוויזן אריינצוגעבן, געלערנט ביי אים, אַלס פּריוואַט־לערער.

אַ גאַנצן דור, אַ שיינעם גרויסן דור פון לאָדזשער יוגנט, האָט יצחק מחנך געווען פאַר שטאָלצע יידן, פאַר יידישע יידן. ס׳רוב פון דער מחנה האָט אים ליידער באַגלייט אויף זיין לעצטן וועג צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן לעבן פון אַזוי פיל יידישע דורות... אָבער, צום מזל, לעבן אַ סך פון זיינע תלמידים אין ארץ ישראל.

יצחקס שם אַלס פּעדאַגאָג איז אין לאָדזש און מחוץ העיר געווען זייער גרויס. אַלע פּריוואַטע פּראָגימנאַזיעס האָבן געטרוימט אים צו זיך

אַריינציען אַלס לערער פון העברעאיש און תנ״ך, אַלס מומחה יחיד במינו.

דאָס איז געלונגען דעם לערער יצחק בערקמאַן, וועלכער פלעגט קומען צו אונדז אין שטוב אויף פאַרזאַמלונגען פון די חובבי-ציון, וואָס אונדזער פאָטער האָט זי אָרגאַניזירט. דורך מיין טאַטנס השפעה האָט בערקמאַן ביי יצחקן געפועלט אַריינצוטרעטן אין דעם לערער-קאָלעקטיוו פון דער פּראָגימנאַזיע פון לעווין. דער פעדאַגאָגישער צוזאַמענשטעל פון דער דאָזיקער שול-אַנשטאַלט איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער. צווישן די פּראָמינענטע לאָדזשער לערערס האָבן דאָרט געלערנט דער ערשטקלאַסיקער לאַטיניסט קאָוונער און דער באַקאַנטער מאַטעמאַטיקער טוווים, אַ פעטער פונעם באַרימטן פּוילישן דיכטער יוליאַן טוווים.

אַזוי איז יצחק געוואָרן אַ לערער ביי לעווינען. נישט קוקנדיק, וואָס ער איז געווען אַ סך יינגער פון בערקמאַנען, האָט מען אים געגעבן די עלטערע קלאַסן. דערפון איז שפּעטער אויסגעקומען אַ פיינלעכע סיטואַציע. בערקמאַן, כאָטש אַ גרויסער העברעאיסט, איז אַלס לערער געווען נישט מער ווי אַ טרוקענער בעל מלאכה, וועלכער פלעגט ווייט נישט פאַראינטערעסירן זיינע תלמידים, אין קעגנטייל צו יצחקן, וועלכנס תלמידים פלעגן ווערן ענטוזיאַזמירט מיט זיינע לעקציעס. די עלטערן פון די קינדער פלעגן דאָס בסדר אונטערשטרייכן און פאָדערן, אַז כדי צו דערוועקן חשק ביי דעם קליינוואַרג צו לערנען העברעאיש, זאָל יצחק אַריבערגיין אין די יינגערע קלאַסן און בערקמאַן זאָל זיין אין די עלטערע.

אויפן צווייטן שוליאָר האָט מען אַנאָנסירט, אַז יצחק קאַצענעלסאָן וועט איבערנעמען די יינגערע קלאַסן, מען האָט געוואָלט דערמיט ראַטעווען דעם אָפּפאַל פון די קינדער. אָבער ס׳האָט זיך געשאַפן אַ פאַרקערטע לאַגע. אַ דאַנק יצחקס אַרבעט האָבן די יינגערע קלאַסן זיך פאַרפולט, אָבער צוליב בערקמאַנען האָט מען אין די העכערע קלאַסן געליטן אַ באַדייטנדיקן פאַרלוסט פון תלמידים. פאַר יצחקן איז אַנטשטאַנען אַ דילעמע: צערייסן זיך אויף צוויי חלקים!

דאָס ערגסטע דערביי איז געווען, וואָס יצחק האָט זיך דערפון זייער שלעכט געפילט, כמעט ווי אַ שולדיקער לגבי בערקמאַנען. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז צוליב אים האָט ער שפיכת דמים. יצחק האָט געפונען

אַן אויסוועג, ווי אַזוי צו רעוואַנזשירן זיך. ער האָט בערקמאַנען צוגעצויגן אַלס שותף צו העברעאישע טעקסטן, וועלכע זיי האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן. ס׳האָט זיך געפילט אַ מאַנגל אין נייע מעטאָדן, אין מאָדערנע שיטות, אַנאַליטיש־סינטעטישע, ווייל ס׳האָט בלויז געהערשט דער אַלטער אותיות־סיסטעם פון קרינסקיס „ראשית דעת". יצחק קאַצענעלסאָנס און יצחק בערקמאַנס ביכער „שפת עמי", „צפרירים" אילוסטרירטער חומש, דקדוק — זענען געוואָרן אָנערקענט אַלס ערשטקלאַסיקער דידאַקטישער מאַטעריאַל פאַרן גאַנצן שולוועזן אין פוילן און ארץ ישראל. טויזנטער און טויזנטער תלמידים פון אונדזער שול גופא, פון דער שפּעטערדיקער קאַצענעלסאָן־שולע, קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו־שולע און פון קאַצענעלסאָן־גימנאַזיום האָבן גענאָסן פון די דאָזיקע פּרעכטיקע טעקסטן.

יצחקס לידער, יצחקס קינדערליטעראַטור, זיינע מעשהלעך, זיינע ביבלישע פּיעסן, ווי „מכירת יוסף" א"א האָבן אַרום אים געשאַפן אַן אָרעאָל, וועלכער האָט אַראָפּגעשיינט ספּעציעל אויף דער יונגער, אויפקומענדיקער וועלט, אויפן צוקינפטיקן דור פון חלוצים.

יצחק, וועלכער האָט גוט געקענט דעם ווערט פון דערציערישן טעאַטער, האָט באַשלאָסן דעם שול־טעאַטער אַריינצונעמען אַלס טייל פון די נאָרמאַלע לער־אַקטיוויטעטן און דורכן לעבעדיקן וואָרט לערנען די לעבעדיקע העברעאישע שפּראַך, וועלכע מ׳האָט גענדאַרפט אויפוועקן פון איר טויזנט יעריקן שלאָף אין דעם וויגעלע פון לשון קודש. אַזוי איז עס אויך געווען. די פּראַקטיק מיטן שול־טעאַטער, אַ שיטה, נאָך דעמאָלט אין גאַנצן אַן אומבאַקאַנטע, האָט באַוויזן, ווי ווירקזאַם עס איז דער כוח פון אינסצעניזאַציעס ביים לימוד, די ווירקונג אויף די קינדערשע מוחות און זייער אויפנאַמס־קראַפט, ווי לייכט עס קומען אַן אַזוי אַרום די שפּראַך־איבונגען און שפּראַך־אוצר, וואָס קלינגט פריי אַרויס פריער פון דער בינע און שפּעטער אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

יצחק האָט צוליבן געלונגענעם עקספּערימענט מיטן שול־טעאַטער באַשלאָסן צו גרינדן אַ העברעאישן טעאַטער פאַר גרויס און קליין און דערמיט דערגרייכן די פאַרשפּרייטונג פון עברית אַלס לעבעדיקע שפּראַך. יצחק איז בלי־ספק געווען איינער פון די אויפלעבער פון דער העברעאישער שפּראַך.

קאפיטל 28

דער פאָטער פון „הבימה"

די באַגייסטערונג מיט זיין מיסיע פון אַ מחנך הדור און אויפלעבער פון העברעאיש, אין וועלכנס רענעסאַנס ער האָט אַזוי פעסט געגלויבט, פונקט ווי ער האָט געגלויבט אין גאַנצן תחית העם, האָט אים געפירט צום נאַטירלעכסטן און ווירקזאַמסטן פּראָפּאַגאַנדע־מיטל פאַרן לעבעדיקן העברעאישן און נאַציאָנאַלן וואָרט — צום דערציערישן טעאַטער.

ווי געזאָגט, האָט יצחקס איינגעבוירענעם דראַנג צום טעאַטער, אַן אינסטינקט, וועלכער פלעגט פון אים אַרויסברויזן שוין פון די קינדער־שע יאָרן, געגעבן אַ דעצידירנדיקע ווענדונג דער גאָט געבענטשטער ריינ־האַרדט, וועלכענס טעאַטער־אויפפירונג און זיין טאָג־טעגלעכע אַרבעט ער האָט ספּעציעל שטודירט און אויפגענומען אין בערלין. רײנהאַרדס מאַסן־פאָרשטעלונגען, ספּעציעל אין שעקספּיר־רעפּערטואַר, האָט יצחקן, דורך אַסאָסיאַציע־פאַרבינדונגען, געפירט צום געדאַנק פון היסטאָרישן טעאַ־טער, צום לימוד פון יידישער געשיכטע און לעבעדיקן העברעאישן וואָרט אַלס קינסטלערישן תמצית.

ער האָט באַשלאָסן צו גרינדן די „הבימה העברית", דעם ערשטן העברעאישן טעאַטער אין לאָדזש און לויט זיין מהות טאַקע פון דער גאַנ־צער יידישער וועלט, חוץ דעם א"י־ישוב, ווו נאַטירלעך עס האָבן שוין עקזיסטירט דראַמאַטישע קרייזן פּאַראַלעל מיט דער אַנטוויקלונג פון חלו־ציש אויפבוי־ווערק. מנחם גנעסין, דער רעזשיסער פון דער „הבימה" אין

א״י, האָט אין זיין זכרונות-בוך „דרכי עם התיאטרון העברי״, באַשריבן געגוי די וועגן פון דעם העברעאישן טעאַטער אין ארץ־ישראל, הן די פּרוּוון פון יצחק קאַצענעלסאָן אויפצוהאַלטן אַזאַ העברעאישן טעאַטער אין גלות, כאָטש מיט גרויסע מניעות. אין ווינטער פון 1912 האָט יצחק באַשלאָסן צו רעאַליזירן דעם צו יענע צייטן משונהדיקן געדאַנק פון אַ העברעאישן טעאַטער, אַ זאַך, וועלכע האָט זיך אין ארץ־ישראל גופא דעמאָלט קוים געלאָזט דורכפירן, צוליב דער קנאַפּער צאָל פון העברעער אפילו אין יידישן נאַציאָנאַלן לאַנד.

אויך אין לאָדזש איז נישט געווען בנמצא מער ווי אַ פּאָר מנינים יידן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום די חובבי־שפת עבר און פאַרשטאַנען צו רעדן אַ פּליסיקן העברעאיש. אפילו די חובבי עברית, די איינצלנע געבראָטענע העברעאיסטן, אַגב אַ סך פון זיי גרויסע מלומדים, האָבן געהאַט באַהערשט די שפּראַך טעאָרעטיש, אָבער נישט געקענט זי באַנוצן פּראַקטיש. פאַר די ברייטע פאָלקס-מאַסן, אין זין פון אַלגעמיינעם פאָלקס־באַגריף, איז דאָס געווען — אַ טויטער לשון קודש. ווי לאַטיין אָדער אַלט־גריכיש. יצחק, געבענטשט מיט ענערגיע פון וויזיאָנערן, וועלכע זענען זיך לכתחילה סותר מיט די אויסגעטראָטענע וועגן, כדרך הכלל, ווי קרום זיי זאָלן נישט זיין, האָט באַשלאָסן צו רעאַליזירן אַ געדאַנק, וואָס „על פּי שכל״, האָט ער געדאַרפט זיין אי אַ גוטער, אי אַ נוצלעכער — שפּילן טעאַטער, העברעאישן טעאַטער, אַלס אַמאַטאָרן-פּרוּוו, ווייל די אידעע פון אַ סטאַבילן, אָדער גאָר פּראָפעסיאָנעלן העברעאישן טעאַטער, איז געווען נאָך דערווייל אין שטח פון אַ ווייטער וויזיע...

ער האָט אויסגעקליבן די באַקאַנטע דראַמע „אוריאל אַקאָסטאַ״ פון גוטשקאָוו, מחמת דעם, וואָס אויף יידיש איז עס שוין געווען באַקאַנט דעם יידישן טעאַטער־פּובליקום. די אויסרעכענונג דערהפון, אַז צוליב טשיקאַוועס וועגן וועט מען אויך גיין דאָס הערן אויף העברעאיש און אַזוי אַרום דעם עולם צוגעוווינען צום קלאַנג פונעם טויטן לשון, וועלכער מוז לעבעדיק ווערן. ס׳האָט דערביי געשטעקט אַ באַקאַנטע פּעדאַגאָגישע שיטה צו אויסצוברייטערן באַגריפן פון באַקאַנטן ביז אומבאַקאַנטן, פון דעדוקטיוון ביז אינדוקטיוון.

די פּראָפעסיאָנעלע פּעסימיסטן האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און פאַראויסגעזאָגט אַ ביטערן דורכפאַל. ראשית, צוליב אוממעגלעכקייט צו געפינען העברעאיש-קענענדיקע שוישפּילער, והשנית, צו ברענגען פּובליקום מער ווי די פּאָר מיניגים בטלנים, וואָס קענען לשון קודש, שלישית, סתם צוליב דער נעגאַטיווער באַציאונג צו אויפלעבן אַ טויטע שפּראַך אין דער צייט וואָס מ׳האָט מאַמע-לשון, יידיש, אָפּגערעדט שוין פון נאָך אַ געשמאַקערן אבות־אבותינו־לשון, רוסיש, אָדער דייטש, וואָס איז אַזוי איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן פון אַ סך לאָדזשער יידן.

צו קאָמפּלעטירן דעם אַנסאַמבל פון דער דראַמע „אוריאל אקאָסטאַ" האָט מען באַדאַרפט האָבן צען פּערזאָן. און עס איז געווען שווער צו געפינען אין לאָדזש אַ מנין העברעער מיט אַרטיסטישע פעאיקייטן דערצו. די דראַמע פאָדערט עטלעכע גאָר שווערע אחריותפולע ראָלן. אפילו ביי די קלענערע ראָלן האָט מען געדאַרפט זיין זייער פאָרזיכטיק, בפרט, אַז יצחקס שיטה איז געווען אַ קאָלעקטיווער, מאַסן-טעאַטער און נישט קיין סטאַר-אויפפירונג, ווי ס׳האָט זיך נוהג געווען דער יידישער טעאַטער.

איז עס טאַקע געוואָרן אַ האַרבער פּראָבלעם און יצחק האָט זיך געזען געצוונגען אַרויסצוגיין פון זיין ערשטן באַשלוס צו שאַפן אַן אַמאַטאָרן־גרופּע און געמוזט אָנקומען צו אַ געמישטן צוזאַמענשטעל מיט פּראָ־פעסיאָנעלע כוחות. דאָס זענען געווען: אין דער הויפּט-ראָל פון אוריאל — דודאָלף זאַסלאַווסקי, דער באַרימטער דראַמאַטישער שוישפּילער; אין דאַן סילוואַ — וואָלף זילבערבערג, איינער פון די בעסטע פון פּרץ הירשביינס טרופּע; אין ר׳ עקיבא — פּינקוס, אויך אַ גוטער פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. היות אין לאָדזש האָבן אויסגעפעלט העברעער, בפרט אַמאַטאָרן, האָט ער זיך אין וואַרשע אָנגעכאַפּט אין דעם ערשט צוריקגעקומענעם פון ארץ ישראל מנחם גנעסין, וועלכער איז דאָרט געווען טעטיק אויף דעם געביט און געדעדט אַ פּרעכטיקן העברעאיש. גנעסין האָט באַקומען די שווערע כאַראַקטער-ראָל פון הרב סאַנטאָס און איז אויפגעטראָטן אונטערן נאָמען אסתרין. יצחק האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן געווינס פאַר דער „הבימה". ערשט נאָכן צוזאַמענשטעלן דעם קאָלעקטיוו, האָט אויך געוואָלט צו אונדז צושטיין דער שפּעטערדיקער צווייטער זייל פון דער

מאָסקווער „הבימה״ — צמח, וועלכער האָט מיט יצחקן פּאַראַלעל גע־מאַכט „הבימה״־פּרווון אין ביאַליסטאָק. מיין טאַלאַנטירטער און שיינער ברודער בערל ע״ה האָט, אונטערן פּסעוודאָנים אפרת, געשפּילט די ראָל פון בן יוחאי. ער האָט זייער ליב געהאַט טעאַטער און דווקא העברעאיש. ווען נישט יצחקס באַשלוס צו עפענען אַן אייגענע פּריוואַטע שולע, וואָלט בערל היינט זיכער געווען איינער פון די בעסטע שוישפּילער אין ארץ ישראל.

נאָכן לייזן דעם פּראָבלעם פון די מענער־ראָלן האָט זיך ערשט אָנ־געהויבן אַ סדרה, ווי אַזוי צו געפינען פּאַסיקע קרעפטן פאַר יהודית און אסתר, די צוויי פרויען ראָלן פון אַקאָסטאַס כלה און מוטער. ווען ס׳איז אַרויס די שמועה, אַז מ׳זוכט אַמאַטאָרן, האָבן זיך באַוויזן דווקא מער קאַנדידאַטן פון שיינעם מין, וואָס צווישן מענער זענען אַזעלכע נישט גע־ווען בנמצא. יצחק האָט זיי געשטעלט צו פּרווו און עטלעכע, דורכגעפאַ־לענע, געדענק איך. איינע, וואָס האָט אגב גערעדט העברעאיש, האָט גע־טענהט: „איך אַ כלה?... ווי אַזוי וועל איך זיך קענען איינלעבן מיט דער ראָל, אַז כ׳בין שוין לאַנג אַ ווייבל?...״ יצחק האָט מיט געלעכטער געפּרווט איר פון קאָפּ אַרויסקלאַפּן דעם געדאַנק, אָבער שפּעטער האָט ער, זענענ־דיק אַז זי טויג סיי ווי נישט, צוגעשטימט מיט איר מיינונג, בכדי זי נישט צו באַליידיקן. אַ צווייטע איז געווען אַזוי דיק און הויך, אַז זאַסלאַווסקי האָט געברומט אונטערן נאָז: „אַ בעלנות פון אַ מויד אַן עלעפאַנטיכע — צו אַ ראָל פון אַ צאַרטער מיידל!...״ די דריטע קאַנדידאַטקע איז דווקא יאָ געווען אַ פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילערין, זילבערבערגס פרוי, דאַלסקאַיאַ, אָבער איר קול איז יצחקן נישט געפעלן. יצחק פלעגט זייער מדקדק זיין אויף אַן אנגענעמען קול.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם אַלעמען און נישט איינמאָל געבעטן, מ׳זאָל אויך מיך אויספּרווון, ווייל איך האָב גוט באַהערשט העברעאיש. אונדזער פאָטער האָט געלערנט זיינע טעכטער צוגלייך מיט די זין העב־רעאיש מיטן דקדוק און גאַנץ תנ״ך, חוץ גמרא, וואָס אין איינקלאַנג דערמיט פלעגט ער זאָגן „אַ גוי, וואָס קען יידיש און אַ פרוי, וואָס קען גמרא, טויגן אויף אַ כפּרה!...״

נישט קענענדיק צופּאַסן צו דער ראָל פון אקאַסטאַס יונגער, צאַר־טער כלה קיין שום פּרוי, זעענדיק מיך, וועלכע האָט מיט קנאה צוגעקוקט און זיך געבעטן אויסצופּרוון, איז יצחק נאָכגעקומען מיין פאַרלאַנג, אונ־טערן דרוק פון זאַסלאַווסקין, וועלכער האָט געשריען, אַז ער וועט מיך כאַ־ראַקטעריזירן ווי אַן אמתע כלה, ווי גאָט האָט געבאָטן: „לאָמיר כאָטש איינמאָל האָבן אַ יונגע כלה אויף דער בינע!...״

איך האָב זיך מיטן גרעסטן התלהבות צוגעגרייט צו דער פּראָבע און זי אַזוי גוט אויסגעפירט, אַז עס איז אנטגילטיק באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך פאַרבלייב שוין אין דער ראָל פון יהודית. כדי אין פּראָגראַם זאָלן נישט פיגורירן קיין דריי קאַצענעלסאָנס, ד״ה יצחק, בערל און איך, האָט מען פון מיין נאָמען, פייגל-זלאַטע, באַשאַפן מיין טעאַטראַלן פּסעוודאָנים — זלאַטקינא, פּונקט ווי פון בערלען איז געוואָרן אפרת.

נישט קענענדיק געפינען קיין אַנדערע צו דער מוטער-ראָל פון אסתר, האָט זאַסלאַווסקי משפּיע געווען זיין אייגענע פרוי, זייער אַ גוטע אַר־טיסטקע. קליינע ראָלן זענען אַרויס אין פּראָגראַם מיט דריי שטערנדלעך. אַלס אַדמיניסטראַטאָר, עמפּרעסאַר און סופליאָר פונעם טעאַטער־קאָלעק־טיוו פון דער לאָדזשער „הבימה״, האָט יצחק אויסגעקליבן זיין שותף צו די לערן ביכער, דעם לערער יצחק בערקמאַן. ער איז פאַראויס געפאָרן און צוגעגרייט דעם באָדן און פּראָפּאַגאַנדע, באַדינגונגען און קאָנטראַקטן פאַר דער באַפאָרשטייענדיקער טורנע פון דער „הבימה״. די דאָזיקע מיסיע האָט ער דורכגעפירט בשלימות.

די פּראָבן פון „אוריאל אַקאָסטאַ״ זענען געמאַכט געוואָרן, כמעט תמיד, ביי אונדז אין שטוב. ס׳איז פאַר מיר געווען אינטערעסאַנט און באַלערנד אויף מיין גאַנצן לעבן צוצוקוקן צו יצחקס רעזשי. פאַרבונדן מיט פּראַק־טישע אָנווייזונגען, פלעגט ער דרך אגב איינפלעכטן לעקציעס פון גע־שיכטע בכלל און טעאַטער־ידיעות בפרט: די פרייע האַלטונג אויף דער בינע, דיקציע, זשעסטיקולאַציע, מימיק או״וו. ער פלעגט אין יעדער ראָל אַריינברענגען אַ רוח החיים, אַ נשמה, האַרץ, געפיל. יעטוועדער פלעגט זיך דערהויבן אין זיינע געפילן און פאַרפולקאָמען אַלע חושים. דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אַז די אָנטיילנעמער האָבן באַוויזן אַרויסצו־

ברענגען פון זיך דאָס, וואָס האָט אין אַ פולשטענדיקער מאָס באַפרידיקט דעם פיינפילנדיקן געשמאַק פון אַ בעסערן טעאַטער־צושויער.

רודאָלף זאַסלאַווסקי, איינער פון די בעסטע יידישע אַרטיסטן, פלעגט פון צייט צו צייט, ווען יצחק איז געווען שטאַרק פאַרנומען, אים פאַרטרעטן ביי די פּראָבן.

נאָך עטלעכע חדשים פון כמעט טאָג-טעגלעכע פּראָבעס האָבן מיר זיך אַזוי צוזאַמענגעלעבט מיט דער רעזשי, אַז מיר פלעגן יצחקן פאַרשטיין אויף זיין מינדעסטן ווונק אפילו, אויף יעטוועדער באַוועגונג. יעדע ראָל איז געווען געצערטלט און פאָלירט אפילו אויך פילאָלאָגיש, אַזוי אַז מ׳האָט געהאַט אַ רושם, אַז דער גאַנצער קאָלעקטיוו באַשטייט פון פּערפעקטע העברעער, וואָס אַ חוץ אונדז, די דריי קאַצענעלסאָנס, דער לערער פראַנק און מנחם גנעסין, האָט קיינער נישט געקענט אויף העברעאיש, ווי מ׳זאָגט, צובינדן אַ קאַץ אַן עק. יצחק האָט טאַקע צוגעקנעלט העברעאיש מיט עטלעכע פון זיי, כדי זיי צו מאַכן נענטער צו דער שפּראַך.

אונדזערע פאָרשטעלונגען אויף העברעאיש האָבן גאָר שטאַרק אויסגענומען.

די קליינע צאָל פון די „משוגענע” העברעאיסטן האָבן זיך דערפילט אַלס זיגערס און שטאָלץ געמאַכט אָוואַציעס דעם גאַנצן אַנסאַמבל און זיין רעזשיסאָר — יצחק קאַצענעלסאָן. לויט דער פערלדיקער העברעאישער שפּראַך פון אַלעמען האָט מען געקענט מיינען, אַז אַלע זענען כאָטש געקומען פון ארץ ישראל, ווי גנעסין און פראַנק. אפילו וועגן זאַסלאַווסקין האָט מען געקענט האָבן אַזאַ רושם, אַז ער פילט, טראַכט און לעבט אין העברעאיש.

די גאַנצע שרייבער־משפחה פון לאָדזש און אַ סך פון וואַרשע זענען געקומען צו דער ווונדערבאַרער געשעעניש. די פּרעמיערע פון דער „הבימה”, דער פאַקט פון שפּילן „אוריאל אַקאָסטאַ” אויף העברעאיש איז געווען די גרויסע סענסאַציע פון לאָדזש און פון אַלע מקומות ווייט אויף מזרח, די שטעט פון תחום המושב, וועלכע האָבן אומגעדולדיק דערוואַרט צו דערזען די דאָזיקע קולטור און נאַציאָנאַלע געשעעניש.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן די חובבי עברית מיט פרישמאַנען בראש

אַרומגערינגלט די גאַנצע טרופּע און זיי אָפּגעגעבן אַ מזל-טוב. מילא, גנע-סין און פראַנק און מיר, די קאַצענעלסאָנס, האָבן די פירמע נישט צע-פּאַטשקעט, דערפאַר אָבער, ווען פרישמאַן האָט זיך געווענדט צו זאַסלאַוו-סקין אויף העברעאיש, האָט יענער אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער: „קאַ-צענעלסאָן איז ווי דער צירק-לערער דוראָוו, וועלכער באַווייזט אויסצו-לערנען אפילו חיות טאַנצן! ווי קום איך, עמך־ייִד, צו דער שפּראַך פון מלומדים?"

די פאָרשטעלונג האָבן מיר איבערגעחזרט אין זאַנדבערגס שפּעטער פאַרברענטן „גרויסן טעאַטער" אויף קאָנסטאַנטינער גאַס. די קאָנטראַקטן מיט אַנדערע שטעט האָבן אונדז געצוווּנגען אַרויסצופאָרן שנעלער אויף אונדזער טורנע. כ'געדענק מיין באַנגער און אומגעדולד צו זען דאָס ער־שטע מאָל אין מיין לעבן וואַרשע, אַנדערע גרויסע שטעט אין רוסלאַנד און בפרט צו זען דעם ים, דעם שוואַרצן גרויסן ים, אין אָדעס — איך, אַ קינד פון לאָדזש, אויסגעבענקט נאָך דעם קלענסטן טייכעלע אפילו...

קאפיטל 29

די ערשטע העברעאישע טעאטער-טורנע

אין זיין בוך „דרכי עם התיאטרון העברי" ווידמעט מנחם גנעסין 20 זייטן דעם דאָזיקן „הסיבוב העברי הראשון".

צוליב פסיכאָלאָגישע טעמים זענען ביים הארציקן פריינט גנעסין פארבליבן סוביעקטיווע איינדריקן און זכרונות, וועלכע אונטערשיידן זיך פון מיינע אין די פרטים, פונקט ווי ס'וואָלט עס געשען מיט יעטוועדן פון די אמאָליקע אָנטיילנעמער, ווען זיי זאָלן האָבן אונדזער טורנע באַשריבן. גנעסין צום ביישפיל האָט געזוכט דעם פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, אין דער צייט ווען פאַר יצחקן איז די „הבימה" געווען בלויז אַ צווייג פון זיין פּע-דאַגאָגישער הויפּט טעטיקייט. יצחק האָט נישט געטראַכט וועגן... „קונסט לשם קונסט". ער האָט בלויז אויסגענוצט די שול-וואַקאַציעס, כדי ביי זיין הויפּט-קוזניע, דער שולע, צו שמידן די רייען פון המשך, כדי בהדרגה־דיק צו אַקערן און זייען דעם שווערן באָדן פאַר אונדזער גאַנצן רענע־סאַנס, פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, צווישן די דעמאָלט פאַרבלענדעטע מאַסן פון ביטערן גלות...

נאָך די פאַרשטעלונגען אין לאָדזש האָבן מיר געמאַכט אַן אומוועג קיין טשענסטאָכאָוו. דאָרט האָבן מיר געגעבן צוויי געלונגענע פאַרשטע-לונגען. די סענסאַציע און אויפרודערונג אין דער הייליקער פוילישער שטאָט איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו די גויים פון שטאָט און די עולי רגל, וועלכע ציען פון גאַנץ פוילן דאָרט אַהין, האָבן געוווסט, אַז מ'שפּילט טעאַטער אין דער שפּראַך פון „גאָטס זון".


Вторникъ 26 іюня 1912 г.
въ залѣ Еврейскаго Литерат. Общества
ГАБАМА ГАИВРИТ
подъ руководствомъ
Исаака Кацнельсона
представлено будетъ
Уріэль Акоста
Дѣйствующія лица
Б. Зильбербергъ
Л. И. Заславскій
Акиба

פראָגראַם פון דעם „הבימה"־אויפטריט אין באַראַנאָוויטש

(דעם 26־טן יוני 1912)

טשענסטאָכאָוו מיט איר יידישן ישוב האָט אין יענע יאָרן פּראָספּע-רירט אין אַלע הינזיכטן צוליב דער שטאַרקער עליה פון די פרומע קאַטאָליקן, וועלכע פלעגן שוין עטלעכע קילאָמעטער ווייט פונעם הייליקן באַרג, פּשוט קריכן אויף די קני.

מיר האָבן זיך פון טשענסטאָכאָוו צוריקגעקערט קיין לאָדזש, וווּ מ'האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט די פאָרשטעלונג. די „חובבי שפת עבר" זענען געווען זייער שטאָלץ, וואָס דווקא דאָס פאַרהאָוועטע, פאַרביזנעם-וועטע לאָדזש פירט דורך דעם ערשטן העברעאישן טעאַטער-טורנע איבער די ווייטע שטעט פון רוסלאַנד, אַז לאָדזש איז דאָס וויגעלע פון דער „הבימה" און וועט זיין די פאַרשפּרייטערין פון דער העברעאישער שפּראַך. אַ דאַנק דער „הבימה" האָבן זיך אין לאָדזש און אין אַ סך שטעט פון דעם „הבימה"-מאַרשרוט געעפנט העברעאישע שולן, קורסן, ביבליאָטעקן אאַ"וו.

אין דעם איז באַשטאַנען דער אייגנטלעכער אומדירעקטער ציל פון יצחקס „הבימה"-אויפטו. ווארשע האָבן מיר בכיוון אויסגעמיטן, צוליבן באַשלוס צו שפּילן דאָרט אויף צוריקוועגס, פאַרן פאַרענדיקן דעם טורנע.

מיר זענען גלייך געפאָרן אין דער ערשטער ליטווישער שטאָט — ברעסט-ליטאָווסק. אויפן בריסקער וואָקזאַל האָט אונדז אָפּגעוואַרט די גרויסע דעלעגאַציע פון די חובבי עברית און סתם פון די פני העיר. דאָס האַרץ האָט אין ברוסט געוואַקסן צוצוזען, ווי די גוטמוטיקע בריסקער יידן פלעגן אונדז באַוווּנדערן און טייטלען אויף אונדז מיט די פינגער: „אָט-אָ דאָס זענען די עיבריתניקעס", זייער באַוווּנדערונג פלעגט זיך אויך אונדז אַליין איבערגעבן, בפרט אַז אַ העלפט פון דער טרופּע האָט, חוץ זייער ראָל, נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון פּראַקטישן העברע-איש.

אין בריסק האָט געוווינט מיין קוזינע פעשע, ר' אליהו פּרוזשאַנערס טאָכטער, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיטן בריסקער גאונס זון, ר' משה סאָלאָוויטשיק. בערל און איך האָבן זיי געוואָלט באַזוכן, אָבער יצחק האָט עס אונדז פאַרווערט, זאָגנדיק אַז די רבנישע משפּחה וועט נאָך אונדז אַריינלייגן אין חרם, בפרט ר' משה, וואָס איז אַזאַ קנאי.

— דערפאַר האָב איך דאָך אייך באַהאַלטן אונטער פּסעוודאָנימען, כדי מ׳זאָל נישט האָבן צו מיר טענות, אַז כ׳האָב אייך געמאַכט פאַר אַק-טיאַרטשיקעס, קאָמעדיאַנטשיקעס...

ווי גרויס איז אָבער געוואָרן אונדזער דערשטוינונג, ווען נאָך דער דערפאָלגרייכער פאָרשטעלונג האָבן זיך גלייך, צוזאַמען מיט די וויכ-טיקסטע פּני העיר, באַוויזן הינטער די קוליסן און אויך אויפן באַנקעט טאַקע די אַט שטרענגע קרובים.

ר׳ משה האָט מיט אַנערקענונג גערעדט וועגן יצחקס געלונגענער אידעע צו פאַרשפּרייטן אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך דורכן לעבעדיקן וואָרט, אַ זאַך וועלכע מוז אָנגעהאַלטן ווערן פאַר דער ווירקזאַמער פּראָ-פּאַגאַנדע-אַרבעט פון די „חובבי שפת עבר". יצחק איז פון ר׳ משהס אָפּשאַצונג נתפעל געוואָרן און תמיד ביי געלעגנהייטן דאָס דערמאָנט: אַ, ס׳איז נישט אָפּצושאַצן די נשמה פון אַ תלמיד חכם..."

פון בריסק זענען מיר אָנגעקומען אין אַ מיוחסדיקע, נאַציאָנאַל-געשטימטע און העברעאיש-רעדנדיקע שטאָט — באַראַנאָוויטש. מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז וואָס טיפער אין ליטע האָבן מיר געטראָפן אַלץ מער געזונטערע יידישע ישובים און באַגייסטערטע ציונים. גאָר אַ סך מענטשן האָבן מיט אונדז אויפן גאַס זיך געפרייט און גערעדט עברית. כ׳דערמאָן זיך, אַז יצחק האָט געקוואָלן פון דער שטאָט און זיך באַ-מיט מיט גנעסינען און מיט אַנדערע וואָס מער צו באַזוכן און צו דער-קענען.

און מערקווירדיק, אַז אַן אָפּקלאַנג פון דער פיינער יידישער שטאָט מיט אירע בכבודיקע יידן טרעפט מיך, נאָך אַ סך יאָרן, דאָ אין וויטן בוענאָס-איירעס. דער באַקאַנטער ציוניסטישער עסקן ר׳ חייקל עפּשטיין, אַליין אַ באַראַנאָוויטשער, האָט מיר איבערגעגעבן דעם פּראָגראַם פון אונדזער באַראַנאָוויטשער אויפטריט פון דער „הבימה". דער פּראָגראַם, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין אַרכיוו, איז אין רוסיש, ווייל די צאַרי-שע צענזור האָט נישט דערלויבט אין אַנדערע שפּראַכן צו דרוקן. ביזן היינטיקן טאָג, און ס׳איז שוין אַ מהלך פון 35 יאָר, געדענקט דער חשו-בער פריינט עפּשטיין דעם גרויסן התעוררות, וואָס יצחק קאַצענעלסאָנס

„הבימה" האָט געבראַכט פאַר העברעאיש און ציוניסטישן געדאַנק אין באַראַנאָוויטש און זיין אומגעגנט.

פון באַראַנאָוויטש זענען מיר געפאָרן קיין באָברויסק. מיר זענען געווען זייער געשפּאַנט. יצחק, לויט זיין מנהג, האַלב ערנסט און האַלב וויציק, האָט געזאָגט:

— אַט קומען מיר אָן צו דער וויגעלע פון אונדזער משפחה, די קאַ־צענעלסאָנס האָבן זיך דאָ, קיין עין־הרע, אַזוי צעוואַקסן, אַז מ'זאָגט, אַז דאָ, אין באָברויסק, אַז מ'וואַרפט אַ שטיין, פאַלט ער אָדער אויף אַ קאַ־צענעלסאָן, אָדער אויף אַ חזיר, להבדיל...

אויף דער סטאַנציע האָט זיך באַוויזן אַ מחנה וואַרטנדיקע מענ־טשן. אַ פריילעכער, אַ לאַכעדיקער, האָט יצחק אויפן פעראָן, אָנגעהויבן מיט זיינע קונדסערייען:

— אַנו, ווער פון אייך זענען פון מיין משפחה? קאַצענעלסאָנס „רו־קי וו'ווירעך..." צו אונדזער איבערראַשונג האָבן זיך אויפגעהויבן צענדלי־קער הענט... בערל און איך האָבן געקוקט איינער אויפן צווייטן מיט דער־שטוינונג:

„איז עס מעגלעך, אַז מיר זאָלן אין באָברויסק פאַרמאָגן אַזאַ גרוי־סע צאָל קרובים?..."

ס'האָט זיך שפּעטער אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די באָברויסקער פאַר־מאָגן אין זיך אַ חוש פאַר הומאָר. ס'איז געווען אַ וויץ פאַר אַ וויץ צו־ליב יצחקס מגזם זיין די צאָל פון אונדזער משפחה, כאָטש די פּאָפּולאַ־ריטעט פון די קאַצענעלסאָנס אין באָברויסק איז אין לשער און זייער שטאָלץ מיט ד"ר קאַצענעלסאָן (בוקי בן יוגלי) איז אַן אומבאַגרענעצטע.

אַ וויץ שטיצט זיך פאָרט אויף אַן אמת. עס האָבן זיך בפירוש גע־מאָלדן צו אונדז קרובים אויף קרובים: פעטערס, מומעס, קוזינס און גליד שוועסטערקינדער. איינער פון זיי איז געווען דער באַרימטער קונסטמאָלער מאַוריצי מינקאָווסקי, וועלכער איז טראַגיש געשטאָרבן אין בוענאָס־איירעס. אַ צווייטער קוזין, פּראָפעסאָר ד"ר מינקאָווסקי, וועלכן מ'האָט מיט יאָרן שפּעטער אַרויסגערופן פון בערלין קיין מאָס־

קווע, בעת לענינס קראַנקהייט, האָט זיך דעמאָלסט אויך געהאַט געפונען אין באָברויסק.

די פאָרשטעלונג איז שוין געווען אַ פאַרקויפטע מיט עטלעכע טעג פריער, איידער מיר זענען געקומען. ביי דער קאַסע איז געווען אַ געשלעג צו קריגן כאָטש שטייענדיקע פּלעצער. דער ערשטער טורנע פון העברעאישן טעאַטער איז געווען אַ גרויסער טריאומף.

קאפיטל 30

אין די „לאַנגע" שטעט

מיר פאָרן אין די „לאַנגע" שטעט, האָט אונדז יצחק געמאָלדן. ער פלעגט תמיד מיט אַ נייער פרישקייט איבערדערציילן דעם וויץ. איבער־הויפּט פלעגט ער זייער ליב האָבן דערציילן און אויסהערן דעם באַ־קאַנטסטן אפילו וויץ, דעם עלטסטן, פאַר וועלכן „קין האָט בשעתו גע־הרגעט הבלן..." יצחק פלעגט באַהויפּטן, אַז ער האָט אינטערעס צו אָב־סערווירן יעטווערן, בעת ער דערציילט, ווייל יעטוועדער טוט עס אויף זיין אופן, סוביעקטיוו. דערפאַר איז ער אומשטאַנד אויסצוהערן דעם עלטסטן וויץ מיט דער לענגסטער באָרד... ער אַליין פלעגט זיינע איי־גענע וויצן תמיד פערפעקציאָנירן, צוגעבן זיי מער המצאות, מער פאַרבן, מער לעבן. אויף מימיק און מאָדולאַציע פון קול איז ער דאָך געווען אַ מומחה!

היות מיר אָפּשטאַמיקע פון ווייסרוסלאַנד האָבן געלעבט צווישן פוילישע, פלעגט אונדז זייער ווייִלן יעדער וויץ וועגן די „לוטוואַקעס", אַזוי פלעגט מען אָנרופן אַלע מעבר הנהר בוג, ד"ה פון בריסק ביז וואָ־לאָדיוואָסטאָק.

— „פאַרוואָס זענען ביי ענק, לוטוואַקעס, די שטעט אַזוי לאַנג?"

— „די שטעט זענען ביי אונדז לאַנג? וואָס? וואָס־זשע מיינט איר דערמיט?"

„למשל: מ י נ ס ק , פ י נ ס ק , ד ו י נ ס ק . . .

— „טאַקע, טאַקע! לויט אייער פּוילישער אויסשפּראַך קומען זיי אויס היפּשלעך!... נו און אייערע?...

— „ביי אונדז? קאָרץ, קאָרץ, גור קאָרץ!

— למשל?

„לעמושל, לעמושל: נאָוואָראַדאָמסק!... נאָוואָמינסק!... פּיאָטרקוור־טריבונאַלסקי!... מינסק־מאַזאָוויעצקי!...

דערביי פלעגט יצחק אימיטירן אַ טרוקענעם, הויכן ליטוואַק קעגן־איבער אַ שנעלן, היציקן און קליינטשינקן פּוילישן ייד. יעדעס מאָל פלעגט איר הערן אַ נייעם דעטאַל אין זיין איבערדערציילן. אַלע פלעגן דערביי זיך שטאַרק וויילן.

אַזוי אַרום איז אונדזער „הבימה" געפאָרן אין די „לאַנגע" שטעט. צוקומענדיק צו פּינסק, האָבן מיר דורך די פענצטער פון די וואַגאָנעס געזוכט די באַרימטע פּינסקער בלאָטעס. צוליב דעם טרוקענעם יולי־חודש האָבן מיר אָבער גאָרנישט באַמערקט, חוץ וועלדער, אַ סך וועלדער.

אויף די גאַסן פון פּינסק, צוליב דעם ווינט, האָט זיך געטראָגן אין לופט אַ כמאַרע מיט אַ פּאַסקודנעם, דראַבנעם שטויב, וועלכער האָט אָנ־געפּולט אונדזערע מיילער, אויגן און אויערן און אפילו די מאכלים, וועל־כע מיר האָבן פּרובירט צו עסן אויף דער וועראַנדע פונעם האָטעל.

צוליב דעם קליינעם טעאַטער־זאַל, וועלכער האָט אַריינגענומען ווײ־ניק מענטשן און היות כמעט גאַנץ יידיש פּינסק האָט זיך געריסן צו זען דעם פּלאַי־פּלאַים, אַ טעאַטער אויף העברעאיש, האָבן מיר געמוזט „אוריאַל אַקאָסטאַ" איבערחזרן עטלעכע מאָל. מיר זענען נאָך דערווייל נישט מיד געוועזן פון אונדזער דערפאָלג און געזוכט אנערקענונג אין יעדער שטאָט.

אין פּינסק האָבן מיר ווידער געפונען אַ הייסע נאַציאָנאַלע סביבה, אַ ליבע צו העברעאיש און אַן ענטוזיאַסטישע אָפּשאַצונג פון דעם „הבי־מה"־אויפטו. אַלע פּני האָבן זיך פּשוט געריסן, כדי אונדז צו זיך איינ־לאַדן. „אַ קליניקייט, אַ קליניקייט! אַזאַ זאַך דערלעבט! שהחיינו צו מאַכן!..."

מיר האָבן באַזוכט די פאַמיליע פון חיים ווייצמאַן. זיין ברודער, אויך אַ דאָקטאָר־כעמיקער, האָט אונדז מקבל פּנים געווען אַלס מיטגליד פון

די „חובבי שפת עבר". ווייצמאַנס מוטער האָט אונדז גאָר הארציק אויפ־געגומען מיט אַ שיינער וועטשערע, מיט יידישע מאכלים, מיט יענע „מאַ־מעדיקע" פיש... אונדזער מנהיג איז שוין דעמאָלט אין פּינסק נישט גע־ווען. זיין מוטער האָט מיט אַ טיפן זיפץ איבערגעחזרט: „איי, אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס חיימקע איז נישטאָ! איר וואָלט אים מחיה געווען, מיין חיימקען! אַ קליינִיקייט, העברעאישער טעאַטער פאַר מיין חיימקען!..." מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן זיין דערפאָלגרייכער קאַריערע, וועלכע ער האָט געמאַכט אין ענגלאַנד, אַלס אַנערקענטער, גרויסער כעמיקער, וועלכן מען זאָגט פאָראויס אַ גרויסע צוקונפט.

יצחק האָט אונדז פּריוואַט געזאָגט, אַז ער גלויבט נישט אין ווייצ־מאַנס פּראָפעסיאָנעלער קאַריערע. אַזאַ פייערדיקער ציוניסטישער פאַר־טיי־פירער, וועלכער האָט נאָך אַלס יונגיטשקער סטודענטל געקרייצט ד"ר הערצלס אוגאַנדאַ־פּלענער, וועט שנעלער מאַכן אַ פּאָליטישע קאַריערע. ער וועט אפשר אין דער צוקונפט גאָר פאַרטרעטן ד"ר הערצלען...

נאָך פּינסק זענען מיר געפאָרן אין דער צווייטער „לאַנגער" שטאָט — מינסק.

מיר זענען אָנגעקומען אין אַ שטאַרקן רעגן. ביים וואָקזאַל האָט אונדז קיין לעבעדיקער נפש נישט אָפּגעוואַרט. די סיבה דערפון איז נישט געווען דער רעגן. ס'איז געווען די מעשה מיטן פּאָסטוך, וואָס האָט צוויי מאָל אָפּגענאַרט און אויפן דריטן מאָל האָט אים שוין קיינער נישט גע־גלויבט. צוויי מאָל האָבן מיר געשיקט טעלעגראַמעס און צוליב די איבער־געחזרטע פאַרשטעלונגען האָבן מיר נישט געהאַלטן וואָרט. די מינסקער האָבן שוין זיך אַנטוישט אין אונדז. אַנדערע האָבן גאָר מיט אַ ביטול גע־מאַכט: „וויים איך וואָס!... פּלאַדערס, מסתמא!"

דער פּאָסקודנער רעגן־טאָג, מיט מינסקער בלאָטעס אויף די גאַסן, דאָס פעלן פון דעם אויפנאַמס־קאָמיטעט, האָט יצחקן אריינגעבראַכט אין אַ שלעכטער שטימונג. גנעסין מיט פראַנקן האָבן אומעטיק געצויגן זייערע האַרצרייסנדיקע אַראַבישע ניגונים מיט העברעאישע ווערטער.

דער כמעט אויפגעלייזטער אויפנאַמס־קאָמיטעט האָט אויפסניי אָנ־געהויבן צו פונקציאָנירן, כאָטש עטלעכע פון זיינע מיטגלידער האָבן פאַר־

לאָזט די שטאָט און געפאָרן אויף די דאַטשעס. פונדעסטוועגן האָט מען אין געציילטע טעג אָרגאַניזירט אַ שיינע פאָרשטעלונג אין גרויסן שטאָטישן טעאַטער. מיר האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. אויב אַ טאָג פריער האָט מיר יצחק געזאָגט: „ווייסט וואָס, פייגל? ס'איז מיר נישט פייגלדיק אויפן האַרצן...״

אנשטאָט דער דריטער „לאַנגער״ שטאָט, האָט, לויטן וויז, געזאָלט זיין דווינסק, אָבער לויטן מאַרשרוט זענען מיר געפאָרן אין אַ פיינעם יידישן ישוב, אין האָמעל. מנחם גנעסין, אונדזער א״י קנאַי, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען מיט פאַרביטערונג, אַז די „הבימה״ איז נישט בעסער ווי די ערשטע שוואַכע פרוון אין ישוב, מיט טענות, פאַרוואָס מען נעמט נישט אַן דעם ענין פון העברעאיש „שטורמאָם״, מיט תרעומות, פאַרוואָס יצחק באַטראַכט זיין צוריקקער צום שולוועזן פאַר וויכטיקער, ווי דאָס גרינדן אַ שטענדיקן פראָפעסיאָנעלן העברעאישן טעאַטער — האָט פלוצים אויפגעלעבט. האָמעל איז זיין שטאָם־שטאָט, ער איז אַ זון פון אַ רב פון דער געגנט. דאָרט האָבן מיר זיך אויך געטראָפן מיט זיין ברודער אורי ניסן גנעסין, דעם באַקאַנטן העברעאישן שרייבער. גנעכין מיט יצחקן, וועלכע עס האָט פאַרבונדן אַ פריינטשאַפט, האָבן דאָרט פאַרבראַכט, אַזוי ווי ס'פּאַסט פאַר קולטור מענטשן פון פאַרנעם. זיי האָבן זאַלבעדריט דיסקוטירט אַלע פרטים פון נאַציאָנאַלער דערציאונג. חינוך בכלל און העברעאישער טעאַטער, אַלס טייל פון דאָזיקן. אורי ניסן האָט געמוזט אקצעפּטירן די רעאַלע אויספירונגען פון יצחקן און מנחמען האָט ער געראָטן, אויספירן דעם אייגענעם באַגער און דראַנג — פאָרן קיין מאָסקווע און זיך פערפעקציאָנירן אין דעם דאָרטיקן קונסט-טעאַטער.

אונדזער טורנע האָט זיך, צוליב פאַרשידענע מניעות און סיבות, שטאַרק פאַרצויגן און מיר זענען געווען געצוווּנגען אָדורכצולאָזן אַ סך בקשות פון פאַרשידענע שטעט. דער זומער האָט זיך שנעל גערוקט צו נעילה, אויף יצחקן האָט אין לאָדזש געוואַרט אַרבעט. אויף צמחס בריוולעכער ביטע נישט אויפצולייזן די „הבימה״ האָט יצחק געענטפערט, אַז אַ פראָפעסיאָנעלער העברעאישער טעאַטער גייט נישט אַריין דערווייל

אין זיינע פּלענער, ער זאָל זיך אָבער וועגן דעם פאַרשטענדיקן מיט מנחם גנעסין.

אויף כסדרדיקע אָנפראַגעס פאַרוואָס טראַכט ער וועגן חינוך בכלל, און בפרט וועגן גרינדן אַ העברעאישן קינדערגאָרטן, פלעגט יצחק ענט־פערן: „לויט דעם, ווי מיר האַלטן ביים היינטיקן טאָג מיט אונדזער העב־רעאיש, דאַרף מען די עצם־אַרבעט אָנהויבן גאָר פון יסוד אָן — פון אַ גן ילדים. אַזוי אַרום קענען מיר אויף להבא זיכער זיין מיט אַ צוקינפטיקן העברעאישן טעאַטער...“

מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרענדיקן אונדזער טורנע מיט אַדעס.

קאפיטל 31

„ווי גאָט... אין אדעס!..."

מיטן גרעסטן אומגעדולד בין איך געפאָרן קיין אדעס, די באַרימטע „אדיעססא-מאמא", די פּרעכטיקע, פרייליכע „קראסאוויצא יוגא", ווו אפילו גאָט אליין פלעגט זיך אראָפּכאַפּן, כּדי לויטן פאָלקס-אויסדרוק צו לעבן דאָרט „ווי גאָט אין אדעס"...

יצחק פלעגט אונדז דערציילן וועגן דער דאָזיקער שטאָט, וועלכע ער האָט שוין געהאַט פון פריער באַזוכט. דאָ פלעגט ער, פונקט ווי אין וואַר־שע, געפינען די שענסטע און וואַרעמסטע סביבה פון אונדזערע „גרעסטע שבגדולים". דאָ האָט ער זיך באַקענט מיט מענדעלע מוכר ספרים. ער האָט אים דערציילט, מענדעלע, ווי אונדזער באָבע פעשע פלעגט ביי אים געווינען אין שאַשקעס.

— „איי, יצחקל, האָסטו געהאַט אַ שיינע און אַ קלוגע באָבע."

ער פלעגט אויך באַזוכן שלום עליכמען און ביי אים אין שטוב פאַר־ברענגען מיט זיין גאַנצער משפּחה. ביי ביאַליקן האָט ער זיך באַקענט מיטן ברוינזנדיקן רעדנער וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. יצחק האָט אויך נישט פאַרפעלט קענען צו לערנען די זשאַבאָטינסקי־גימנאַזיע, וועלכנס אינהאַ־בערין איז געווען וולאַדימירס פּעאיקע שוועסטער. ביאַליק האָט זייער ליב געהאַט זשאַבאָטינסקין און ער איז אים איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן צוליב זיינע וואונדערבאַרע איבערזעצונגען פון העברעאיש אויף רוסיש, אַ זאַך, וועלכע האָט זייער שטאַרק גורם געווען צו ביאַליקס פּאָפּולאַריטעט.

ביי ביאַליקן, אין זיין אינטערעסאַנטער און פריילעכער סביבה, פלעגט יצחק פאַרברענגען גאַנצע טעג און נעכט. ביאַליקס שטוב אין אדעס איז פאַר אים געווען ווי פּרצעס אין ווארשע. דאָ איז ער באַקאַנט און באַפריינדעט געוואָרן מיטן טיפּזיניקן ציוניסטיש-סאָציאַליסטישן פירער — באָראָכאָוו און מיט ברענערן, מיט וועלכן ער האָט אָנגעהאַלטן אַן אינטימע קאָרעספּאָנדענץ זיין גאַנץ לעבן, מיט די באַקאַנטסטע העברעאישע שריפטשטעלער, ווי יעקב פיכמאַן, יהודה שטיינבערג און מיט ביאַליקס אומצעשיידבאַרן פאַרלאַגס-חבר — י. ח. ראַווניצקי.

דאָ איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט אַלע ציוניסטישע עסקנים און ספּעציעל פלעגט ער דערמאָנען דעם עקשן שבעקשנים, דעם ארי שבחבורה, מנחם מענדל אוסישקין.

אדעס און ווארשע, דאָס זענען געווען צוויי לונגען, דורך וועלכע דאָס גאַנצע קולטור-געזעלשאַפטלעכע יידישע לעבן האָט פולסירט אין דעם אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד,

יצחק און מיר אַלע האָבן זיך געפרייט מיטן פאָרן קיין אדעס. דאָרט וועט מען אָפּשאַצן די „הבימה!...״

אָבער אַ יידישע שמחה מוז דאָך תמיד פאַרביטערט ווערן!... דער דאָזיקער מאָמענט איז געקומען, ווען פּינקוס האָט געמאָלדן, אַז ער איז קראַנק און וועט נישט מיטפאָרן. יצחקן איז געוואָרן קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן, ווייל פּינקוס האָט אויסגעפירט צוויי ראָלן. פאַר דער קלענערער פון ראובן האָט ער נאָך געהאַפּט צו קריגן אַ פאַרטרעטער אין אדעס. אַ צרה איז אָבער געווען אויסצופירן זיין ראָל פונעם אַלטן ר׳ עקיבא, זייער אַ שווערע כאַראַקטעריסטישע ראָלע, נישט מעגלעך, אַפילו דעם פּעאיקסטן, אויסצולערנען אין צוויי טעג.

און יצחק האָט זיך אונטערגענומען אַליין צו שפּילן דעם אַלטן עקיבא. צו דער ערשטער פאָרשטעלונג האָבן מיר זיך געגרייט מיט דער זעלבער שפּאַנונג, ווי צו אונדזער פּרעמיערע-אויפפירונג אין לאָדזש. די גרעסטע, די וויכטיקסטע שטאָט אין אונדזער טורנע! נישט אבי וועלכע „חובבי שפת עבר״ וועלן קומען אונדז אָנקוקן און קריטיקירן: ביאַליק אַליין און נאָך און נאָך פון די פּראָמינענטסטע העברעער... אַ גרויל!

דער ספּעקטאַקל איז אַדורך מיט אַן איבעררײַשנדיקן דערפֿאָלג, אַ דונער פֿון אַפּלאָדיסמענטן האָט באַגלייט אַלע סצענעס און אַלע אַרטיסטן. עס איז געווען אַן אמתער טריאומף פֿון אונדזער „הבימה".

די קוליסן האָבן זיך איבערגעפֿילט מיט יצחקס באַקאַנטע און אומ־באַקאַנטע פֿאַרערער. ס'איז צו אים צוגעלאָפֿן אַ מיטלוועקסיקער, דיקלע־כער ייד און האָט אים האַרציק אַרומגענומען. „ביאַליק!" האָט יצחק אויסגעשריען און זיי האָבן זיך שטאַרק צעקושט. אַ סך פֿון אונדז און איך ספּעציעל האָב מיט זשעדנע אויגן געקוקט ביאַליקן אין מויל. זיין אויס־זען איז אָבער געווען אַזוי ווייניק פּאָעטיש. איך האָב אויף אים געקוקט און געטראַכט: „אָט־אָ דער באַלעבעסל זאָל זיין אונדזער גרעסטער נאַ־ציאָנאַלער דיכטער ביאַליק!..." אין מיינע אויגן האָט ער אויסגעזען ווי אַ תבואה־הענדלער, וועלכן מיר האָבן אָקאָרשט קענען געלערנט אין באַ־ראַנאָוויטש.

דאָס פּובליקום האָט זיך נישט געוואָלט פֿונאַנדערגיין. מען האָט אַלץ גערופֿן „הידד, קאַצענעלסאָן, הידד!..." יצחק האָט ביאַליקן געכאַפּט פֿאַר אַ האַנט און אַרומגערינגלט מיטן גאַנצן אַנסאַמבל, זענען זיי אַרויס אויף דער סצענע. סיי ביאַליק, סיי יצחק האָבן געמוזט רעדן. ביאַליק האָט זייער ענטוזיאַסטיש גערעדט וועגן דער היסטאָרישער מיסיע, וועגן דעם חלו־ציש אויפֿטו, וואָס יצחקס לאָדזשער „הבימה" האָט אויפֿגעטון פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער העברעאישער שפּראַך און יידיש נאַציאָנאַלן רענע־סאַנס.

גלייך נאָך דער פֿאָרשטעלונג איז אַ גרויסע צאָל מענטשן פֿון צווישן דער שרייבער־משפּחה, עסקנים, חובבי עברית, געגאַנגען מיט אונדז צו־זאַמען עסן וועטשערע. ביאַליק, וועלכער איז אויך געווען אַ לעבעדיקער און נישט אָפּגעשטאַנען פֿון דעם המשורר השובב, האָט רעדנדיק וועגן אַלע שפּילער, געפֿרעגט ווער האָט עס געשפּילט עקיבאַן?

— דער אַלטיטשקער, אַ געזונט אין זיינע ביינער! איי, האָט ער דאָס אָוועקגעלייגט אַן עקיבאַן!...

עמעצער האָט אויפֿן אויער אים געזאָגט, אַז ס'איז געווען יצחק

אַליין, וועלכער האָט פּאָרטראַטן דעם אַרטיסט פּינקוסן. ביאַליק האָט גע־זאָגט:

— אַז דו ביסט אַ קענער פון טעאַטער־קונסט, דאָס האָב איך גע־וווּסט, אָבער אַז דו זאָלסט אויך אַליין זיין אַזאַ אַרטיסט — האָב איך ניט דערוואַרט!...

ביאַליק האָט אונדז איינגעלאַדן צו זיך אין שטוב. זיין פרוי איז ספּעציעל געקומען פון דער דאַמשע „באַלשאַיאַ פאָנטאַנקאַ". אויך אַהין זענען מיר געפאָרן. מיר האָבןביידע מאָל וווּנדערבאַר פאַרבראַכט. ביאַ-ליק האָט זיך באַוויזן אַלס אַ גרויסער וויצלער און אַזאַ געמיט־צושטאַנד האָט זיין פּשוטער פיגור און אויסזען געגעבן גייסטרייכקייט.

מיר האָבן אין אָדעס פאַרבראַכט כמעט אַ וואָך און געגעבן עטלעכע פאָרשטעלונגען. יצחק האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן גוט פאַרברענגען. מיר האָבן געמאַכט ים־עקסקורסיעס פון אָדעס ביז די רומענישע ברעגן, בא-זוכט די קור־ערטער פון באַרימטן לימאַן, מיר האָבן געזונגלט און געשיפט אויף לאָדקעס. ביים ים־ברעג, די „נאַביערעזשנאַיאַ", האָבן מיר זיך אויסגעמישט מיטן טויזנט קעפּיקן, פריילעכן אָדעסער עולם, מיר האָבן באַזוכט די שענסטע פּלעצער פון שיינעם אָדעס.

דער „ילד שעשועים", ווי מ'האָט יצחקן גערופן, איז געווען נייגעריק ווי אַ קינד. די קלענסטע נייעס פלעגט זיך אין זיינע אויגן אויפהייבן צו דער העכסטער מדרגה. מיר האָבן געמעגט אַרויסגיין פון אַ רעסטאָראַן ווי זאָט עס איז, פלעגט ער, דורכגייענדיק אַן אויטאָמאַטישן באַר, אונדז דאָרט אַריינשלעפּן. ער פלעגט שוין דאָרט געפינען אַ נייעם שפּיל: אַריינ-לייגן מיטאַמאָל אין פאַרשידענע טיילן מטבעות און ווען ס'פלעגט נישט גוט פונקציאָנירן, האָבן טענות צום פאַרוואַלטער, אַז „מ'ווערט מיד און מאַט פון אייער אַווטאָמאַט!"

זיין צווייטער פאַרגעניגן איז געווען אַריינגעמען צום אַווטאָמאַט הונגעריקע קינדער, וועלכע האָבן פון דערווייטנס, מיט זשעדנע אייגע-לעך געקוקט אויף די פאַרבישופטע מאכלים. יצחק פלעגט זיי מיט אַ קניפּ אין בעקעלע איינלאַדן צום עסן: „רייבט אַ סעודה".

אין אַ טאָג האָבן מיר געהאַט אַ פיינעם סיורפּריז. ס'איז צו אונדז

אין האָטעל געקומען אַ שיין מיידל, וועלכע האָט געבראַכט אַ גרוס פון אונדזער שוועסטער שיינדל, מיט וועלכער זי האָט אין ווארשע געענדיקט אַלטערמאַנס פּרעבל קורסן. ווען יצחק האָט דערהערט, אַז זי איז די טאָכטער פון דעם „העברעאישן פרץ", יהודה שטיינבערג, האָט ער נישט געוווסט, ווי איר מהנה צו זיין. מיר האָבן זיך זייער באַפריינדעט און יצחק האָט צינהן גלייך איינגעלאַדן קיין לאָדזש צום קירצלעך דורך אים געעפנטן גן-ילדים.

צינה האָט אונדז אַ סך דערציילט וועגן פאַרשידענע פערזענלעכקייטן. מיר האָבן געהערט וועגן יעקב פיכמאַן און זיין לעבן. פיכמאַן און שטיינבערג שטאַמען פון דער זעלבער געגנט נעבן אדעס. כ'פלעג זייער ליב האָבן צוצוהערן זיך צו די פרטים וועגן באַקאַנטע פערזענלעכקייטן, בפרט פון דער שרייבער משפחה.

פאַר אונדזער אַוועקפאָרן פון אדעס האָט מען אונדז געמאַכט אַן אימפּאָזאַנטן באַנקעט, מיט רעדעס, געזאַנג און אַלע גוטע זאַכן, צו וואָס מיר זענען שוין געווען צוגעוווינט פון אַלע פריערדיקע שטעט פון דעם גאַנצן טורנע. ספּעציעל איזי דעם דאָזיקן האָט מען אונטערגעשטראָכן די הויפּט מיסיע, וועלכע דער ערשטער העברעאישער טורנע איבער די שטעט פון תחום המושב האָט געהאַט. זיין באַדייטונג איז באַשטאַנען אין זיין קולטורעלן און נאַציאָנאַלן מהות. אונדזער טורנע האָט געשטאַרקט די השפּעה פון די „חובבי שפת עבר"-באַוועגונג, פון די העברעאישע שולן, קורסן, וועלכע האָבן זיך דערעפנט, און היות העברעאיש איז ענג פאַרבונדן מיטן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, איז אומדירעקט אויך געוואַקסן דער ציוניסטישער רעיון און די שוואַכע ציוניסטישע רייען.

אַזוי אַרום איז יצחק געוואָרן איינער פון די פּיאָנערן פון העברעאישן טעאַטער.

קאפיטל 32

דער ערשטער גן-ילדים

אין הארבסט 1912, באלד נאכדעם ווי מיר זענען צוריקגעקומען פון אונדזער „הבימה"-טורנע, האט זיך יצחק אייפעריק גענומען צו רעאליזירן דעם געדאנק פון אן אייגענער פריוואטער מוסטער-שולע. ביים אנאליזירן די דערשיינונגען פון יידיש-געזעלשאפטלעכן לעבן פלעגט ער תמיד איבערחזרן: „מיר דארפן אנהייבן פון יסוד אן..."

דאס פלעגט זיך באציען צום צוקינפטיקן דור, וועלכער דארף באקומען אלע נאציאנאלע ווערטן: אידעאל, שפראך און לעבן. יצחק האט שטודירט דאס מאדערנע שולוועזן בעת זיין ווײלן אין דער שווייץ און אין דייטשלאנד. די פעסטאלאצי און פרעבל שולן, די דעקראלי אנשטאלטן, האבן געווירקט אויף אים זייער שטארק. ער האט זיך איבערצייגט, אז דאס מאדערנע שולוועזן דארף זיך באזירן אויף א פעסטן פונדאמענט. די רעאליזירונג דערפון האט ער דערזען אין דער שאפונג פון א קינדער גארטן. זיין קלאסישער פארגלייך דערביי פלעגט זיין: „פונקט ווי מען קען נישט בויען א הויז אן א פעסטן יסוד, אזוי קען א שולע זיך נישט אנהייבן אן א קינדערגארטן".

אפילו בעת אונדזער טורנע פון ערשטן העברעאישן טעאטער „הבימה" פלעגט ער דאס פעלן פונעם אינטערעס פאר העברעאיש מצד ברייטע מאסן פארענטפערן אזוי: „נישט געזארגט! כ'עפן א גן-ילדים! אין געציילטע יארן וועט ביי מיר וואקסן א העברעאיש פובליקום!"

דאָס לעצטע יאָר פֿלעגט ער אין װאַרשע באַזוכן די דאָרטיקע העב־רעאישע פֿרעבל־שולן פֿון אַלטערמאַן און אַלפֿערין. װען אַלטערמאַן האָט באַשאַפֿן זיין פֿרעבל־סעמינאַר פֿאַר גננות, האָט יצחק באַװירקט שײנד־לען, אַז זי זאָל דאָרט אַהינפֿאָרן. דער קורס איז אָװעקגעשטעלט געװאָרן מיט דער גרעסטער ערנסטקייט. ער איז געװען אַ דריי־יעריקער, כדי אַדורכצוגיין דעם שפּראַך־לימוד פֿון העברעאיש, פֿון טעאָרעטיש־פּעדאַגאָ־גישע לימודים און פֿון פּראַקטישער צוגרייטונג. עס האָבן דאָרט מיטגע־אַרבעט עטלעכע װיכטיקע לעקטאָרן, װי ד״ר קלױזנער, ד״ר הינדעס א״א.

אונדזער שװעסטער, צוליב איר אייננעבױרענעם טאַלאַנט צו קינדער־גערטנערײ, אַ ליבע, װעלכע זי האָט אומדערשיטערלעך דערהאַלטן ביז איר לעצטן װעג, האָט געענדיקט דעם דאָזיקן סעמינאַר אין איין יאָר, מיט אַ גלענצנדיקן דיפּלאָם.

נאָך איידער מיר זענען אַרױסגעפֿאָרן אויף אונדזער אַרטיסטישן טורנע, האָט מען אין װאַרשע באַשטעלט די איינריכטונג פֿאַר דעם גן־ילדים. אין לאָדזש האָט זיך קיין שום טישלער נישט געװאָלט אונטער־נעמען די דאָזיקע אַרבעט. אַפֿילו שול־בענק פֿלעגט מען ברענגען פֿון װאַר־שע, בפֿרט פּרעציזע קליינטשינקע מעבל און שול־מכשירים, װי דאָס פֿאָ־דערט אַ קינדער־גאָרטן. װען די טישלער מיט די בענקלעך זענען אָנגע־קומען, האָט אונדזער שכן, יאַנקל דער סטאָליער, זיך שטאַרק פֿאַראינטע־רעסירט און געפּסקנט:

— עץ זעיט? כ׳האָב ענק געזוגט, אַז בלויז אין װאַרשאַ מאַכט מאַ אַזאַלכענע זאַבאַװקעס!...

די װאַרשעװער פֿירמע „אוראַניאַ״ האָט אונדז צוגעשיקט, חוץ פֿרעב־טיקע קינדערגאָרטן־מעבל, אויך אַ של מיט שיינע שפּילערייען, צאַצקעס, אױסגעשטאָפּטע חיות און עופות און בילדער.

דער ענין פֿון אַ צוגעפּאַסטן לאָקאַל האָט יצחקן פֿאַרנומען אַ סך צייט. עטלעכע מעקלערס האָבן פֿאַר אונדז געזוכט אַ צוגעפּאַסטע דירה מיט אַ גאָרטן. דער שטאָטצענטער האָט אַזעלכע נישט געהאַט, הינטער דער שטאָט האָט יצחק נישט געװאָלט, צוליב שװעריקייטן אין קאָמוני־קאַציע מיטלען, װאָס זענען דעמאָלסט באַשטאַנען בלויז פֿון טראַמװייען.

יצחק האָט געזוכט אַן אָרט „בתוך עמך“, צווישן געדיכט באַפעלקערטע יידישע גאַסן פון דער נייער שטאָט. אַזאַ אָרט איז געווען צעגיעלניאַנאַ גאַס נומער פיר. די דאָזיקע דירה איז אין לאָדזש געוואָרן אַ היסטאָרישע. נישט נאָר דער ערשטער העברעאישער קינדערגאָרטן, נישט נאָר אַ שולע, נאָר אויך די ערשטע העברעאישע קורסן און די געזעלשאַפט „התחיה“ זענען דאָרט געגרינדעט געוואָרן.

די דאָזיקע דירה איז געווען גוט צוגעפּאַסט פאַר דער אַנטוויקלונג פון גן-ילדים, במשך פון די ערשטע עטלעכע יאָר. אַ גרויסער פינף-פענצטערדיקער זאַל צו דער גאַס, אַ געראַימער צוויי-פענצטערדיקער עס-צימער, אַן ארבעטס-צימער, אַ צימער פאַר שפּילערייען, ברייטע קאָרי-דאָרן, אַ קאַנצעלאַריע אאַ"וו. אַלץ איז איינגעאָרדנט געוואָרן מיט פּראַק-טישן חוש און געשמאַק. יצחק מיט שיינדלען פלעגן זיך אָפּשטעלן אויף די קלענסטע פּרטים. כ'געדענק, אַז אפילו אין דער פראַגע פון די מונדירלעך איז געקומען צו אַ ישוב הדעת. איך און מיינע חברטעס פון אַנדערע גימ-נאַזיעס האָבן געמוזט דורכדעפּילירן און מען האָט אויסגעוויילט אַ מונ-דיר — טונקלבלוי מיט ווייס געפּוצט. ווי שיין זיי האָבן אויסגעזען, אונ-דזערע קליינינקע תלמידימלעך, מאַרשירנדיק אין די דאָזיקע מונדירלעך.

עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד, ביז איבער סוכות איז אין די יידישע צייטונגען געגאַנגען אַ פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע איז באַשטאַנען מער אין נאָ-טיצן און אַרטיקלען ווי אַנאָנסן. די רעדאַקטאָרן ישעיה אוגער, לאַזאַר קאַ-האַן און אַנדערע חברים פון דער שרייבער־משפחה האָבן געווידמעט ספּע-ציעלע אָפּהאַנדלונגען יצחקס התחלה אויפן וועג צו אַ מאָדערנעם העברע-אישן שולוועזן. די אַרטיקלען און נאָטיצן זענען געווען אַזוי אינטערע-סאַנט, אַז צענדליקער מאַמעס און טאַטעס פלעגן במשך פון עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד באַלאַגערן די שול-קאַנצעלאַריע. מ'פלעגט קומען מיט די קינ-דערלעך פון פיר יאָר אָן און בעטן אויפקלערן, צי וועט באמת זייער משהלע אָדער שרהלע באַוויזן רעדן העברעאיש?

צוליב די בייזע נבואות פון פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער, „רעאַליסטן“ מכלומרשט, וועלכע האָבן פּאָראויסגעזען אַ דורכפאַל, האָט יצחק געבויט זיין ביודזשעט אויף אַ פעסטער אויסרעכענונג, ד"ה אויף יערלעכע קאָנ-

טראַקטן מיט די עלטערן. לכתחילה פלעגט דאָס אייניקע אַפּשרעקן: ווער ווייסט, צי דאָס קינד וועט זיך צוגעווינען, צי ס׳וועט געזונט זיין, כאָטש נעם און פאַרזיכער זיי מיט אַלע גוטע זאַכן, וואָס ליגן אין די הענט פון רש״ע. יצחק און בערל פלעגן באַווייזן אַזוי צו פאַראינטערעסירן די על-טערן, אַז צו דער דערעפענונג האָבן מיר געהאַט 60 איינגעשריבענע תלמי-דימלעך פוןביידע מינים. היות איין גננת קען נישט באַאַרבעטן קיין ענ־הרע אַזוי פיל קינדער, האָט מען טעלעגראַפיש אַרויסגערופן צינה שטיינ־בערג פון אָדעס.

דעם ערשטן דינסטיק נאָך סוכות האָבן מיר געמאַכט די פייערלעכע דערעפענונג פון ערשטן העברעאישן גן־ילדים אין לאָדזש. פון וואַרשע איז ספּעציעל געקומען אַלטערמאַן, כדי מדריך צו זיין זיינע צוויי שילע-רינס אונדזער שוועסטער שיינדלען און צינהן. ס׳זענען געקומען פריינט און באַקאַנטע. מיר, יינגערע בני בית, האָבן זיך באַפרייט פון אונדזערע לימודים, כדי בייצווווינען די דאָזיקע משפחה־געשעעניש. אונדזער מאַמע און ספּעציעל דער טאַטע, וועלכער האָט געזען, אַז זיין פּאַן פון מדריכי הדור ווערט אויפגעהויבן דורך זיינע אייגענע קינדער, האָבן געשיינט פון גרויס נחת־רוח...

יצחק איז אריין אין זיין ראָלע און אָנגעהויבן צו דערוועקן ביי די קינדער אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט. ער האָט גלייך אויף העברע־איש מיט אַ גוט צוגעפּאַסטן וואָקאַבולאַר אָנגעהויבן זיי צו ווייזן שפּי-לערייען, געמאַכט זיי מונטער און לאַבעדיק. מיט הומאָר געווינט מען קינדער און יצחק פלעגט שפּרודלען מיט געזונטן הומאָר און רירעוודיקייט. אַזוי אַרום כאַפּן זיי אויף פון זיך אַליין און אַסימילירן באַגריפן און ווערטער. ער פלעגט זיינע שפּילערייען באַגלייטן מיט מוזיק און געזאַנג.

בראש מיט אונדזער הויפּט פּרעבל־גאַסט פון וואַרשע, אַלטערמאַן, האָט מען געמאַכט אַ תהלוכה. דער שוואַרצער אַלטערמאַן האָט מאַרשירט פאַראויס, אויסזעענדיק ווי אַ ציגיינער. ער האָט געטרייסלט מיט זיינע פעך־שוואַרצע קודלעס, אויסגעשטרעקט אויף די „געשמאַקינקע״ זיינע גרויסע שוואַרצע אויגענעס, וועלנדיק הפּנים דערמיט ציען זייער אויפ-מערקזאַמקייט. זיינע תלמידות, שיינדל און צינה, האָבן אים פאַרשטאַנען

אויפן ווונק, זיי האָבן געוווסט ווי און וואָס צו טון מיט די קינדערלעך. אַלטערמאַן איז געווען צו יענער צייט דער אָנערקענטסטער יידישער פּרעבליסט, יצחק פּלעגט תמיד זייער שעצן זיין אויפטו אין ווארשע און שפּעטער זיין פּעדאַגאָגישע טעטיקייט אין ארץ ישראל, ווו ער איז גע־וואָרן דער אָרגאַניזירער פון גאַנצן פּרעבלוועזן, דאָס הייסט פּשוט גע־לייגט די יסודות פאַר דער מאָדערנער העברעאישער שול אין דעם יידישן לאַנד.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אַלטערמאַן אוועקגעפאָרן קיין ווארשע, אין זיין קינדער-מלוכה. פאַרן אוועקפאָרן האָט ער געזאָגט, אַז ס׳איז דאָ אויף וועמען זיך פאַרלאָזן:

— קאַצענעלסאָן קען שוין מיך פאַרשטעקן!...

יצחק, שיינדל און צינה האָבן אָנגעהויבן נאָרמאַל אָנצופירן מיטן גן־ילדים. אויך איך פּלעג זיך מאַכן קראַנק, זוכן תירוצים, נישט צו גיין אין גימנאַזיום און אָפּט זיך אַריינכאַפּן אַהין. כ׳פּלעג תמיד אויפסניי באַגייסטערט ווערן פון יצחקס אינטערעסאַנטער אַרבעט. שיינדל און צינה פלעגן זאָגן, אַז „יצחק איז אַ כישוף-מאַכער!"

ער איז באמת געווען אַ פּעדאַגאָג פאַר יעדן קינדער-עלטער. צו אַלע־מען פּלעגט ער געפינען אַ וועג, המצאות. ער פּלעגט אָבסערווירן די קינ־דערלעך. די גננות פּלעגן זייער אָבסערוואַציע-מאַטעריאַל איינשרייבן אין אַ ספּעציעלן בוך. יעדעס אָריגינעל וואָרט, יעדע ספּעציעלע אַקטיוויטעט פון קינדער פּלעגט איינגעשריבן ווערן. אין דעם דאָזיקן טאָג־בוך, וועל־כער איז געהאַנגען אויפן וואַנט, פּלעגט מען איינשרייבן די קינדערשע „חכמות". ס׳איז שוין געקומען דערצו, אַז זיי אַליין האָבן זיך געגעבן דערפון אַ דין וחשבון, פּלעגן אַליין אויפכאַפּן פאַרשידענע אָבסערוואַציעס און הייסן דאָס פאַרשרייבן...

זיי זענען געווען אַזעלכע האַרציקע, אונדזערע געשמאַקינקע משהלעך און שרהלעך! יצחק האָט געזאָגט צו זיינע מיטהעלפערינס:

— וועט איר קוקן מיט גוטע אויגן, וועט איר זען סאַראַ גוטע קינ־דערלעך מיר האָבן....

אונדזער אַרבעט פּלעגט זיך אונדז אַרויסווייזן ווי אַ פאַרגעניגן. איך

זאָג אונדזער אַרבעט, ווייל איך בין געוואָרן די ערשטע פּראַקטיקאַנטקע, די ערשטע עוזרת פון דעם ערשטן גן־ילדים אין לאָדזש.

פאַרנאַכט פלעגט מען צוגרייטן באַשעפטיקונג פאַרן צווייטן טאָג: אויסשניידן, צייכענען, צוגרייטן מאָדעלן אאַ״וו. אונדזערע בני־בית און באַקאַנטע פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין גן און מ׳פלעגט פאַרברענגען צוזאַמען. זוסמאַן סעגאַלאָוויטש פלעגט זיך אַוועקזעצן אויף אַ קליין בענקעלע, פאַרלייענען זיינע נייעסטע שירים, אָדער אויסשפּילן עפּעס אויף אַ קעמעלע אַרומגעוויקלט מיט פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. פּלוצים פלעגט ער כאַפּן די שיינינקע צינה, אויפהייבן זי פון שטול, אַוועקזעצן אויף זיינע פּלייצעס און אַרומלויפן מיט איר, אַ שרייענדיקע, איבערן זאַל.

אין די דאָזיקע שיינע בין השמשות־שעהן פלעגט אָפט אַריינקומען יצחק, כדי צו כאַפּן אַ שמועס וועגן די „קליינע נביאימלעך״... אַזוי פלעגט ער זיי שטענדיק רופן. די קינדער האָבן ממש פאַרגעטערט יצחקן.

זיי פלעגן אים פון וויטן שוין באַגריסן מיט אַ הילכיקן „שלום!״ אַרומרינגלען, פאַרוואַרפן אים מיט פראַגן:

— מורה, מורה! דערציילט אונדז עפּעס!...

ס׳פלעגט זיי שווער זיין צו געזעגענען זיך מיט אַ מעשהלע, וואָס יצחק האָט זיי דערציילט.

יצחק האָט פאַר זיי געהאַט אַ קוואַל אָן אַ סוף, אַן אומדערשעפּלעכן מאַטעריאַל פון אַלגעמיינעם וועלטלעכן אינהאַלט, פון יידיש־היסטאָרישן, פון ארץ־ישׂראלדיקן. ווי אַזוי ער פלעגט עס באַווייזן צופּאַסן צום גייסטיקן ניוואָ פון אַזעלכע פּיצעלעך עופהלעך, איז עס טאַקע מעשה בעל מופת — אַ „כישוף־מאַכער״, ווי מ׳פלעגט אים מיט רעכט רופן.

בלויז אַ דאַנק זיינע אַרטיסטישע פעאיקייטן, פאַרבונדן מיט אַ געזונטן פּעדאַגאָגישן חוש, פלעגט ער באַווייזן צו דערוועקן דעם נאַטירלעכן קינדערישן נייגער, די צעשפּילטע יונגע פאַנטאַזיע, שפּילן אויף די איידעלע סטרונעס פונעם קינדס נשמה, וואָס רעאַגירט אויף אַלץ, וואָס איז ריין, שיין און דערהויבן. ער פלעגט מיט מימיק, מיט זיינע אויגן און געזיכטצוגן מיט זיין גאַנצן גוף, אַריינציען די פיינפילנדיקע קינדערלעך אין אַ רעאַליסטישן שפּיל פון אינסצעניזאַציעס, דורך וועלכע ער פלעגט

שילדערן דאס נייע ארץ ישראל און אמאליקע יידישע געשיכטע. דאס איז די היינט פארשפרייטע שיטה פון שול-טעאטער, אנערקענט פון די מאָ-דערנע פעדאגאגן. דערפאר בויט מען היינט שול-בנינים מיט טעאטער, כדי דעם דאזיקן סיסטעם איינצופירן אין לעבן.

דער סך הכל פון די דאזיקע פרוון, די לעבעדיקע געשיכטע-סצענעס האבן יצחקן אנגערעגט אנצושרייבן זיינע פיעסן „מכירת יוסף", „משה", „אחשוורוש". דער גן-ילדים איז פאר יצחקן געווארן א לעבעדיקע קוזשניע, וווּ ער פלעגט אויסקאָווען און שעפן קוואלן פון פרישע צאפלדיקסטע טע-מעס: לידער און מעשהלעך, דערציערישער טעאטער-רעפערטואר.

כ'געדענק שפאנענדיקע מאמענטן, וועלכע שטייען תמיד פאר מיינע אויגן.

...אט דערציילט ער וועגן אברהמען. ער וועקט ביי די קינדער מיט-לייד צו דער איינזאמער הגר. גלייך אינסצעניזירט ער די סצענע פון דער פאריאגטער מאמע מיט איר פאריתומטן קינד אינעם ליד, וואס איז גע-ווארן א פאפולער וויגליד: „נומה ילדי קטני". פארכאפנדיק איז געווען די דערציילונג וועגן מבול. די קינדערלעך האבן זיך אזוי איבערגענומען, אז אין זייערע אייגעלעך האט זיך באמערקט פארצווייפלונג, פונקט ווי זיי וואלטן זיך אליין דערזען איינגעזונקען אינמיטן וואסער. די קינדער האבן, טיף עמאציאנירטע, איבערגעלעבט אויך די געשיכטע פון נחן.

נאכן ארויסגיין פון קאסטן האט איינער פון די „נביאימלעך", יאנוש קראוזע, וואס איז היינט אין ארץ ישראל, אויסגערופן מיט דערלייכטע-רונג: „אמת, מיר זענען אלע גוטע? מיר זענען נישט דערטרונקען גע-ווארן!..." פון דעם שפיל ארום דער מעשה „מבול" האט יצחק געשאפן דאס ליד „תבת נח" און גלייך צוגעפאסט דערצו א פאלקס-מאטיוו.

ביים אנקומען פון חנוכה פלעגט זיך אין יצחקן אויפוועקן דער גייסט פון די שפעטערדיקע געטא-קעמפערס, ווען ער איז, צו עטלעכע פופציק יאר, געווארן איינער פון די קעמפער פארן קידוש העם אין ווארשעווער געטא....

ארומגערינגלט מיט די „נביאימלעך", פלעגט ער מיט התלהבות דערציילן וועגן דעם ערשטן קידוש השם אין דער יידישער געשיכטע —

די דערשיטערנדיקע מעשה פון חנה ושבעת בניה, די דערנידערונגען מצד די יידישע שונאים, די פאַרוויסטונג פון יידישן לאַנד. די „נביאימלעך" האָבן אייגעלעך פול מיט טרערן... די רעוואָלוציע אין מודיעין... מתתיהו מיט זיינע זין... דער גרעסטער נאַציאָנאַלער העלד, יהודה המכבי, פלאַ־קערט אויף די הערצעלעך פון די „נביאימלעך".

פון פורים פלעגט יצחק מאַכן גאַר פריילעכע פאַרווײַלונגען. דערפון האָט ער שפּעטער געשאַפן די הומאָרפולע פורים־קאָמעדיע „אחשוורוש". די „נביאימלעך" האָבן דאָס אויפגעפירט אויף העברעאיש.

גלייך נאָך פורים פלעגט יצחק צוטרעטן צו מעשה מצרים, צו דער אימפּאַזאַנטער אינסצעניזאַציע פון יציאת מצרים. די אומגעצוימטע פרייד, ווען משה שפּאַלט דעם ים סוף, דריקט זיך אויס אין אַ באַלעט, וועלכן איך האָב דעמאָלט צוגעגרייט. עס איז געווען אַ טאַנץ פון נצחון, פון יידי־שער באַפרייאונג. דער ערשטער דור פון גאולה...

פון פורים ביז פסח פלעגט מען ביי אונדז אין גן־ילדים פיבערהאַפט אַרבעטן, אַלע, פון יצחקן ביז מיר, אַלס דער ערשטער עוזרת, וואָס כ'בין דעמאָלט געווען. חוץ לעבעדיקער אינסצעניזאַציע, האָט מען די „נביאימ־לעך" אויסגעלערנט די פיר קשיות, די פסח־לידער „באגוזים נשחקה" און „חד גדיא".

די לעצטע טעג פאַר פסח פלעגט יצחק אפילו דורכפירן אַן אינסצע־ניזאַציע פון אַ ריכטיקן סדר, כדי די „נביאימלעך" זאָלן זיין צוגעגרייט צו געבן נחת־רוח זייערע עלטערן, וואָס אַזוי איז עס באמת געווען...

יצחק פלעגט, בעתן לימוד גופא, אימפּראָוויזירן און פּראַקטיש פאַר־טיפן און אויסברייטערן אַלע טעמעס. די דאָזיקע אויפפירונגען, לידער, שפּילערייען, קרייז־שפּילן זענען דורך אים אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ בוך־פאָרעם אַלס אַ סיסטעם פאַר העברעאישע קינדער־גאַרטנס. דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן פון לעבעדיקסטן קוואַל, פון פלאַמיקסטער אמונה, פון גרעסטער ליבע פאַר די „נביאימלעך" פון אַלע דורות.

אַזוי האָט געלעבט און געשאַפן יצחק קאַצענעלסאָן ביז צום יאָר 1914, ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה.

יצחק טרעט דאָן אַריין אין אַ נייער תקופה פון זיין שעפעריש לעבן, אַ תקופה וואָס האָט זיך געצויגן דריי צענדליק יאָר ביז זיין טראַגישן סוף אין די גאַז-קאַמערן פון אָשוויענטשים, ווו ער איז אומגעקומען על קידוש השם צוזאַמען מיט זיין „אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק”, וועמען ער האָט אין די געטאָ-טעג געווידמעט זיין לעצטע גרויסע פאָעמע.

נעמען-רעגיסטער

אײדעלמאַן 100.
אונגער ישעיהו 162, 172, 175, 209.
אַקסעלראָד 167.
אויערבאַך 176, 179, 180.
אַש שלום, 14, 179, 180, 162.
אוסישקין מ. מ. 203.
אַלטערמאַן 208, 210, 221.
אַלפּערן 208.

בראָדערזאָן משה, 14, 19, 178.
בערמאַן (גראַף קאַלי) 14.
באַיאַרסקי צבי, 54.
בערענשטײן 69.
בראַנקעס ישעיהו 88.
בערקאָוויטש י. ב. 108, 133, 134.
ביאַליק ח. נ. 128, 142, 178, 202,
203, 204, 205.
בעל מחשבות 153.
בערקמאַן יצחק 156, 157, 158, 183,
184, 189.
בערנאַרד שרה 160.
באַרטשינסקי הענעך, 174.
בירענבוים 177.
באַראַכאָוו ב. 203.
ברענער י. ח. 203.

גאָרפּײן 67, 69.

גליצענשטײן ה. 86.
גאָטליב י. ד"ר 132.
גנעסין אורי ניסן 200.
גנעסין מנחם 85, 187, 190, 191,
192, 194, 199, 200, 201.
גוטשקאָוו ק. 186.

דאַווידזאָן ד"ר 15.
דאָנכין ד"ר 74.
דאַווידזאָן מאיר 125.
דראָשאָווא זינא, 139, 159, 160,
161, 163.
דאַנילעוויטש ה. (הערשעלע), 171,
172, 173, 174, 175, 176,
177, 179, 180.
דאַלסקאַיאַ 188.
דוראָוו, 191.

האַמבורסקי 13.
האָכזינגער יוסף ד"ר 16.
הורוויטש, 94, 95, 97, 121.
הײנע ה. 110, 153.
הירשבײן פּרץ, 137, 162, 187.
הרצל ט. ד"ר, 196.
הירשפעלד זלמן 172.
האָכשטײן 181.
הינדעס ד"ר 208.

וויינבערג, 86.
וועדרא משה, 153, 157.
וואגנער 177.
ווייצמאַן חיים 198, 199.

זילבערשטיין 26.
זילבערט 137.
זאַסלאַווסקי ר. 162, 187, 188, 189, 190, 191.
זאַזולאַ יאשע 163.
זאַזולאַ יעפים, 162, 163.
זילבערבערג וואָלף, 187, 188.
זאַנגוויל ישראל, 173.
זאַנדבערג 191.
זשיטניצקי ר. ל. 176.
זשאַבאָטינסקי וו. 127, 128, 202.

טאַבענקין יצחק, 9, 15, 20, 31, 60, 62, 106, 148, 149, 167, 168, 169.
טאַבענקין פרוי, 10.
טאַבענקין משה, 31, 59, 61, 62, 63, 106, 169.
טאַבענקין נאַטאַליאַ, 60.
טענענבוים, 13.
טוווים יוליאַן, 183.

יוזעפּאָוויטש מוסיא, 34, 108, 111, 112, 113, 114.
יוזעפּאָוויטש גרוניא, 112, 114.
יאַצקאַן ש. י. 133.
יאַנאָווסקי חייקל 136.
יעדוואַב, 137.
יאַשונסקי-זעלעגמאַן, 181.

כהן יעקב, 11, 24, 64, 108, 117.
כהן צבי, 176.

ליפשיץ, 11.
ליכטענשטיין ישראל, 180.
לעווין, 181, 183.
לאַנדאַו ווילהעלם, 142.

מענדעלע מוכר ספרים, 11, 148, 176, 202.
מזאה רב' 15.
מייזיל רב' אליהו חיים, 15, 44, 103, 105, 121, 157, 159.
מיטניק, 32.
מייזל ר' אליעזר איטשע, 127.
מאָשקאָוויטש 137, 139.
מאַסטבוים יואל, 176, 177, 178.
מינקאָווסקי מאוריצי 195.
מינקאָווסקי ד"ר 195.

נאַכומאָוו פּנחס, 35, 69.
נאָמבערג ה. ד. 107.
ניימאַן 176.

סאָקאָלאָוו נחום, 10, 11, 53, 59.
סאָלאָווייטשיק חיים רב' 124, 125.
סאָלאָווייטשיק משה ר' 126, 128, 129, 193, 194.
סענאַלאָוויטש ז. 132, 174, 176, 211
ספּעקטאָר מ. 132, 133.
סטאַווסקי 176.
סאָלאָווייטשיק-מאַגאַליץ 181.

עפּשטיין חייקל, 194.

פּאָנער, 14.
פּיינשטיין אהרן, 27, 28, 159.
פרישמאַן דוד, 85, 107, 122, 132, 133, 158, 160, 162, 172, 173, 174, 180, 190, 191.

פיערניק יששכר, 121, 122, 123.
פיינשטיין אליהו 124.
פאלק ד"ר, 137, 139.
פיטעלבערג 177.
פראנק, 190, 191, 199.
פיכמאַן י. 203, 206,
פּאָזנאַנסקי 96.
פּרץ י. ל. 106, 107, 122, 137, 138,
180, 203.
פּרוסאַק דוד, 142.
פּיקעלני אברהם, 165.
פּינקוס, 187, 203, 205.

צמח, 188, 200.

קאצענעלסאָן יעקב בנימין, 9, 41,
44, 63.
קאצענעלסאָן ד"ר (בוקי בן יגלי) 9,
17, 195.
קאצענעלסאָן בערל, 9, 20, 29, 30,
31, 32, 33, 54, 188, 193,
195, 210.
קאצענעלסאָן שיינדל, 24, 26, 27,
28, 32, 45, 50, 57, 59, 103,
120, 132, 144, 145, 159,
160, 206, 208, 209, 210, 211.
קאצענעלסאָן דאָרא 29, 30.
קאצענעלסאָן משה, 29, 31, 33, 36,
קאצענעלסאָן אברהם 33, 34, 35, 36.
קאצענעלסאָן בנציון, 147, 148, 149.
קאמעניעצקי ד"ר, 14.
קארנאָווסקי, 14.
קארטשאַק יאנוש, 28.
קאנאַנאָוויטש, 44.

קלעצקין באָרים, 54.
קרעמער, 77, 181.
קרינסקי מ. 77, 181, 184.
קראַקאָווסקי מנחם, 121.
קריינעס, 142, 143, 145, 146.
קאַמינסקי אסתר רחל, 160.
קאַמיסארזשעווסקאַיא, 162.
קאַווע, 176.
קאָוונער, 183.
קלויזנער ד"ר, 208.
קאהאַן לאזאר, 209.
קראווזע יאנוש 213.

ראָטבאַרט, 137.
רייזען זלמן, 17.
ריינהאַרדט מאַקס, 170, 185.
ראַווניצקי י. ח., 203.

שישקין פּרוי, 10.
שווארץ יששכר, 11, 63.
שלום עליכם, 11, 133, 134, 137,
138, 139, 160, 202.
שפּירא, 14.
שמ'ר, 42, 48.
שימשעלעוויטש לאסקע, 47, 48, 49,
50, 87.
שווארץ מארק אינזש. 63.
שניאור ז. 107, 108, 127, 131, 132
142, 143, 162, 178, 179.
שטיינבערג יעקב, 130, 131.
שטיינבערג יהודה, 130, 203, 206.
שמולעוויטש, 176.
שולץ, 177.
שטיינבערג צינה, 206, 210, 211.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן-שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער-מאַרטירלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע“ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן ־ נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאַק
שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
הערשעלע: שבת אויפן טראקט
יהושע פערלע: יידן פון א גאנץ יאָר
עוזר ווארשאווסקי: שמוגלארס
ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאמען (טאָג־בוך)
מנשה אונגער: רביישע הייף
א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן

עס גרייט זיך צום דרוק:

יוסף אקרוטני: אין קלעם
רחל אויערבאך: מאטעריאלן פונעם רינגעלבלום־ארכיוו
מיכאל באָרוויטש: ארישע פאפירן (דאָקומענטן)
הרב אברהם ביק: צען דורות פּוילישע גאונים
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאוויע
פ. בימקאָ: אמאָל אין פּוילן
נח גריס: קינדער אינעם קאמף (דאָקומענטן)
נחמן מייזיל: דיקטער־מארטירער
מ. נודעלמאן: אָפּגעשפּילט...
מ. קאָסטריינסקי: פּינסק
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
בער י. ראָזען: טלאָמאצקע 13
מיכאל און צבי ראַיאַק: חורבן גלובאק
ד״ר יצחק שיפּער: קאפּיטלען געשיכטע
ד״ר ח. שאָשקעס: א לעבן, וואָס איז פארביי...
ל. שפּיזמאן: די חלוצישע באוועגונג אין פּוילן
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
קאַדיע מאלאדאָווסקי: אמאָל איז געווען...
אברהם זאק: לידער און פּאָעמען

פּרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ד״ר א. מוקדוני שרייבט אין זיין איבערזיכט א. נ. „פון זכרונות צו געשיכטע“ וועגן דעם בוך פון יאָנאַס טורקאָוו „אַזוי איז עס געווען“ (חורבן וואַרשע) צוו. אַנד. („מאָרגן־זשורנאַל“, ניו־יאָרק, 6טער יוני 1948):

„עס איז אָקאָרשט דערשינען דאָס בוך — „אַזוי איז עס געווען“ פון יאָנאַס טורקאָוו, אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס-איירעס.

עס איז אַ בוך פון איבער 500 זייטן. דער מחבר איז אַ יידישער שוישפּילער, וואָס געפינט זיך איצט אין אַמעריקע מיט זיין פרוי דיאַנא בלומענפעלד. יאָנאַס טורקאָוו איז אַ ברודער פון דעם רעדאַקטאָר פון פאַרלאַג מאַרק טורקאָוו, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דאָס בוך, און אַ ברודער פון דעם באַקאַנטן טעאַטראַל און שוישפּילער זיגמונט טורקאָוו.

די דאָזיקע איינצלהייטן ווערן דאָ איבערגעגעבן, ווייל זיי האָבן אַ געוויסע פאַרבינדונג מיטן כאַראַקטער פון בוך.

אין דעם דאָזיקן בוך זענען בעסער און אויספירלעכער באַלויכטן די טעאַטער-טעטיקייט און די קולטור-טעטיקייט אין דער וואַרשעווער געטאָ, אין וועלכער דער מחבר האָט געלעבט און איז על פּי נס געבליבן לעבן.

אָבער נאָך אַ וויכטיקער ווינקל אין דעם לעבן פון דער געטאָ ווערט באַלויכטן אין דעם דאָזיקן בוך, עס ווערט באַלויכטן דער שאַנד־ווינקל אין דער וואַרשעווער געטאָ, עס ווערן דאָ אַרויסגעפירט די יידן־פאַררעטער און די יידן־אויסוורפן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשישע רוצחים.

מיר דאַרפן וויסן וועגן אונזערע העלדן און מאַרטירער, אָבער מיר דאַרפן אויך וויסן וועגן אונזער אָפּפאַל, וועגן אונזער פסולת.

און אין יאָנאַס טורקאָווס בוך ווערן זיי אַרויסגעפירט צום ערשטן מאָל אָפן, אָן קיין שום איינזעניש, און וויסן דאַרפן מיר, אַז נישט בלויז פּראָפעסיאָנעלע אונטערוועלט־מענטשן זיינען געווען פאַררעטער, נאָר אויך פיל פון דער יידישער אינטעליגענץ, צווישן זיי העכסט באַגאַבטע מענטשן, אָפט ממש עלויים.

קיינער איז פון זיי נישט געבליבן לעבן, די דייטשן האָבן זיי אויס גרויסער דאַנקבאַרקייט אויסגעמאָרדעט, אָבער דעם גרעסטן טייל האָט

דערשאסן די יידישע קאמף-ארגאני־ זאציע, צווישן זיי דעם יידיש־דייטשן שרייבער ד״ר אלפרעד נאסיג. זיי האבן מיט גרויסער מסירת נפש אויסגערייניקט די געטא פון דעם דאזיקן אפפאל.

אין יאנאס טורקאווס בוך האט איר א גאנצע גאלעריי פון די דאזיקע יידישע פארעטער.

אבער אין דעם דאזיקן בוך האט איר אויך א גאלעריי פון יידישע שעפערישע מענטשן, וואס האבן ניט געלאזן די יידישע שעפערישקייט אויסגעלאשן ווערן אין דער געטא, ווו איבער דער יידישער שעפעריש־ קייט איז געהאנגען די האק פון דעם דייטשן תליון.

בלענדנדיק ליכט אין שווארצן שאטן האט איר אין יאנאס טור־ קאווס בוך.

דאס איז געווען דאס לעבן אין דער ווארשעווער געטא. ריינסטער קידוש־ השם, ריינסטע העלדישקייט און פינסטערער פארראט זענען ביידע געווען אין דער ווארשעווער געטא.

שלמה ביקל שרייבט אין זיין „אינזיך און ארומזיך" וועגן דעם בוך פון טאניא פוקס „א וואנדערונג איבער אקופירטע געביטן" („אונ־ דזער וועג", ניו־יארק, 9טער מערץ 1948):

טאניא פוקס איז די אלמנה פון דעם יונג־פארשטארבענעם רעדאק־ טאר פון „לאדזשער פאלקסבלאט", לאזאר פוקס. טאניא אליין האט סיי ביים לעבן פון איר מאן און סיי נאך זיין טויט פלייסיק מיטגעארבעט אין דער דאזיקער אנגעזעענער יידישער פראווינץ־צייטונג און האט דערביי ארויסגעוויזן א היפש ביסל זשורנא־ ליסטישע פעאיקייטן.

ווען דאס היטלער-מבול האט זיך א גאס געטון איבער פוילן האט טא־ ניא פוקס פארלאזט לאדזש און איז אוועק קיין ווארשע, פון דארט אין איינעם מיט א חברטע — קיין פשע־ מישל און פון פשעמישל קיין לעמ־ בערג, ווו זי איז געווען אקטיוו אין א סאוועטיש־יידישער שול.

פון לעמבערג איז טאניא פוקס אנ־ הויב יוני 1941 געפארן אויף וואַ־ קאציעס צו אירע קרובים קיין בעס־ אראביע. דער וועג האט געפירט אי־

בער טשערנאָוויץ און זי האָט געהאַט די מיסיע צוצושטעלן שול־מאַטער־יאַלן פאַרן טאַגבלאַט „לעמבערגער שטערן", וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו דערשיינען אין דער גאַליצישער הויפּטשטאָט און אויך צו פאַרבינדן מיט דער צייטונג די יידישע שרייבער פון בעסאַראַביע און פון בוקאָווינע.

מיטגענומען האָט טאַניא מיט זיך פון לעמבערג אַ שפּאַר ביסל טרויעריקע דערפאַרונגען וועגן זיבעציק טויזנט מענטשן, צום סאַמע גרעסטן טייל יידן, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין סיביר און וועגן פּראַגעס וואָס טאָרן נישט געשטעלט ווערן עפנטלעך — אָבער אויך האָפענונגען אויף באַנייטער יידיש־זשורנאַליסטישער אַרבעט.

די האָפענונג איז צערונען געוואָרן. דעם 22טן יוני זענען די נאַציס אַנגעפאַלן אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד און עטלעכע טעג שפּעטער איז שוין טשערנאָוויץ געווען אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. טאַניא פוקס איז פאַרבליבן אין טשערנאָוויץ און האָט דאָרט מיטגעמאַכט די דריי יאָר פון פינצטערער אַנטאָנעסקו־הערשאַפט ביז צו דער פאַרטרייבונג פון די נאַציס סוף מערץ 1944.

וועגן אירע איבערלעבענישן פונעם 1טן סעפּטעמבער 1939 ביזן 29טן מערץ 1944 האָט טאַניא פוקס אָנגעשריבן אַ היפּש אויספירלעכן באַריכט אונטערן נאָמען „אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן" (אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, בועַנאָס־איירעס 1947).

די צערדיקסטע און צומייסט אויפטרייסלענדיקע קאַפּיטלעך פון טאַניא פוקס רעפּאָרטאַזש זענען יענע, אין וועלכע זי דערציילט וועגן אירע באַגעגענישן אין טשערנאָוויצער געטאָשפּיטאָל מיט פּוילישע פּליטים. די דאָזיקע פּליטים האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלערס גאַז־אויוונס אין אַנטאָנעסקוס לאַנד און זענען געשטאַנען אין דער שטענדיקער סכנה צוריקגעשיקט צו ווערן „וווהין זיי באַלאַנגען".

טאַניא פוקס רעפּאָרטאַזש איז אַ באַריכט, נישט אַזוי וועגן דער קראַנקהייט ווי וועגן עטלעכע מוראדיק־קראַנקע גופא, עס איז אַ באַריכט פון צום טייל אַ מיט־קראַנקער און צום טייל אַ קראַנקן־שוועסטער פונעם קראַנקן־צימער אַרויס. אַ פּיגוראַטיוו און אַ קאָנקרעט — וואָרום

די באגענענישן זענען טאקע פארגעקומען אין שפיטאל, ווו די פליטים האבן זיך אויסבאהאלטן פאר דעפארטאציע אדער זענען דארט געלעגן מיט צעבראכענע גלידער און מיט סם אין גוף נאך אומגעראטענע זעלבסטמארדן.

אט איז צירעלע שטאדלער, מיט איר ברודער יאנקעלע, וואס ליגט דא מיט איבערגעשניטענע אדערן פון די הענט אונטער פאליציי־שמירה; די פרוי לויפער וואס טראגט ביי זיך סם און האט רק מורא טאמער וועט מען זי קומען נעמען און זי וועט זיך האבן פארשפעטיקט מיטן סמען; די אלטיטשקע פרוי שמערצער וואס האט זיך אויסבאהאלטן אין שפיטאל, האט ערב דער דעפארטאציע פרייטיק צו נאכטס זיך אויסגעפוצט „טאקע ווי א מלכה” און געבענטשט ליכט און איז דערנאך קיניגלעךווירדיק און שטיל אין איינעם מיט איר מאן אפגעפארן אויפן פאליציי־אישן וואגן קיין סניאטין צו היטלערן אין די גאז־אויוונס.

דאס שפיטאל־קאפיטל איז נישט נאר רעפארטעריש, נאר דאס סאמע שטארקסטע אין טאניא פוקס בוך, נאר אין פרט פון נייע פאקטן איז עס אויך דער עיקר פונעם רעפארטאזש.

וועגן אלע ענינים וואס האבן א שייכות מיט דער ביכער־סעריע „דאס פוילישע יידנטום” זיך ווענדן:

Unión Israelita Polaca

Pueyrredón 667 **Buenos Aires**